STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08940

FUN GETO IN DI VELDER

Abrasha Sluchowski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַבראַשאַ סלוכאָווסקי

פון געטאָ אין די וועלדער

Abrasha Sluchowski

DU GHETTO AUX PARTISANS

הילע : מ. באַהעלפער (באַגעל)

דרוק פאַרענדיקט אין סעפטעמבער 1975

צום אייביקן אָנדענק

פון מיין דערמאָרדעטן זונעלע נאַטאַן

כ׳געדענק דיין צאַרטן, זיסן שמייכל,
די חכמות פון דיין קינדערישן שכל

כ׳געדענק דיין איידעלן קינדער־חן,
כ׳געדענק אויך דיין שטילן הונגער־געוויין.

כ׳געדענק ביים שפּילן דיין געלעכטער,
כ׳געדענק אויך דעם פּרצוף פון די קינדער־שעכטער

כ׳געדענק דאָס זאָרגלאָזע קינדער־געזאַנג,
כ׳געדענק אויך דעם גרויליקן קינדער־געפאַנג.

כ׳געדענק פון דיינע אויגן דעם ליכטיקן גלאַנץ,
כ׳געדענק פון די רוצחים זייער שדים־טאַנץ.

דעם הייליקן ליכטיקן אָנדענק פון מיין פרוי העלאַ, מיין זון נאַטאַן, מיין שוועסטער חנה, די אויסגע־מאָרדעטע יידישע עדות פון לאַשיץ און מינסק.

אבראשא סלוצאווסקי

פון געטא
אין די וועלדער

פאַרלאַג אויפסנײ — פּאַריז

פון מחבר

עס זענען שוין אַדורך 30 יאָר נאָך דער ברוטאַלער אויסראָ־טונג פון אַ דריטל פונעם יידישן פאָלק דורך די נאַצישע מערדער.

פיל ביכער זענען שוין דערשינען אויף דער דאָזיקער טעמע. עס האָבן צווישן אַנדערע געשריבן יידישע מאַרטירער, וואָס זענען דורך פאַרשידענע צופאַלן אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אומקום. עס האָבן געשריבן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען נישט פאַרלוירן דעם מוט, זיך באַוויזן אַרויסצורייסן פון די נאַצישע נעגל און זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די קעמפער קעגן דעם שונא פון דער מענטשהייט.

די חורבן־ליטעראַטור ברענגט אַרויס נישט נאָר די ליידן פון די יידישע אנוסים אין די געטאָס און לאַגערן, נאָר אויך די העלדן־טאַטן פון די יידישע קעמפער, דעם בייטראַג פון די יידן אין דער פאַרניכטונג פון דער היטלעריסטישער בעסטיע.

איין גבית עדות איז נישט ענלעך צו דער צווייטער, ווייל די דייטשע רוצחים האָבן אָנגעוואָנדן פאַרשידענע מעטאָדן ביי דער פאַרטיליקונג פון אונדזער פאָלק. פאַרשידן זענען אויך געווען, אָפּהענגיק פון די אָרטיקע באַדינגונגען, די פאָרמען און מיטלען פון קאַמף קעגן די נאַצישע תלינים.

15 חדשים האָב איך געלעבט אין מינסקער געטאָ, ווו עס זענען פאַרטיליקט געוואָרן צענדליקער און צענדליקער טויזנטער יידן, מענער, פרויען, קליינע קינדער און אַלטע לייט.

קיינמאָל זענען מיר נישט געווען זיכער, צי מיר וועלן איבער־לעבן די נאָענטסטע נאַכט. שטופנווייז איז ביי אַ טייל יידן פון

מינסקער געטאָ צוזאַמען מיט די געפילן פון האַס און נקמה אַנ־געוואַקסן די גרייטקייט צו קעמפן קעגן בלוטיקן שונא. ווען עס איז אויפגעקומען די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין די אַרומיקע וועל־דער, האָבן די געטאָ־שקלאַפן אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען זיך אַרויסצורייסן פון הינטער די פּאַרצוימונגען און אָנצושליסן זיך אין די רייען פון די קעמפער.

דער אַרויסגאַנג פון געטאָ איז געווען פאַרבונדן מיט טויט־געפאַר. בלויז 3—4 אויף 10 זענען דערגאַנגען אין וואַלד און דאָך האָבן אייניקע טויזנט יידן צווישן זיי קינדער און אַלטע מענטשן אַרויסגעריסן זיך פון געטאָ. אַ טייל פון זיי האָבן אויפגעשטעלט נייע משפחות, וואָס לעבן אין מינסק און אין דער אומגעגנט. אַ טייל האָבן זיך באַזעצט אין ישראל. מיט זייער אַרבעט און וויסן טראָגן זיי צו זייער ביישטייער צו דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער מדינה.

איך האָף, אַז מיין גבית עדות וועט אויך זיין אַ באַשיידענער ביישטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין דער עפּאָכע פון אומקום, ווי אויך פון העלדישן יידישן קאַמף קעגן די מערדער פון אונדזער פאָלק.

איך דריק אויס מיין הייסן ווונטש און האָפענונג, אַז אַזאַ קאַטאַקליזם זאָל זיך מער קיינמאָל נישט איבערחזרן.

פאָרוואָרט

ווען די נאַצי־מערדער האָבן געפּירט שמעון דובנאָוון אויף זיין לעצטן וועג, איז דער גרויסער היסטאָריקער, דער זייל פון דער הײנטצײטיקער יידישער היסטאָריאָגראַפיע וואַרשײנלעך מיטן געדאַנק דורכגעלאָפן דעם ריזן־וועג פון יידישן פאָלק מיט זיינע עפּאָכעס פון מאַרטירערטום און גבורה. ער האָט מיט זיין בליק אַרומגענומען אַלע פאַרזאַמלטע יידן און אויסגעשריען ! „מענטשן, פאַרגעסט נישט, דערציילט, פאַרשרייבט !"

אין דעם זין איז דובנאָוו געוואָרן אויך דער היסטאָריקער פון דער צוקונפט. אַמאָל, אַלס יונגער היסטאָריקער האָט ער אָר־גאַניזירט קאָלעקטיווע אַרבעטן צו פאָרשן די יידישע געשיכטע. אויף זיין לעצטן וועג האָט ער געזען ווי מען שעכט אויס אַ גאַנץ פאָלק. עס וועלן פאַרשווינדן אויך היסטאָריקער און כראָניקער. עס וועלן פאַרשווינדן קינדער, וואָס האָבן פעאיקייטן און וואָס וואָלטן געקאָנט זיך אַנטוויקלען צו ווערן היסטאָריקער און אַנדערע געלערנטע. ער האָט זיך דעריבער געוואָנדן צו די אָנוועזנדיקע יידן, אַז אויב עמעצער וועט בלייבן לעבן, זאָל ער פאַרשרייבן.

דאָס בוך פון אַבראַשאַ סלוצקאָווסקי איז ווי אַן אָפּקלאַנג פון שמעון דובנאָווס ווענדונג, וואָס איז ווי אַ פאַראַל דורכגעלאָפן אַלע יידישע ישובים אויף דער וועלט — יידן דערציילט, יידן פאַרשרייבט.

די דאָזיקע שורות האָב איך געטראַכט אָנצושרייבן אין מיין פאָרוואָרט. ווען איך האָב אָבער גענומען לייענען דאָס בוך, האָב איך זיך שוין נישט געקאָנט אָפּרייסן. דער אויטאָר האָט אויסגעפירט אַן אויפגאַבע, וויסנדיק, אַז דאָס, וואָס ער וועט דערציילן, קאָן קיין אַנ־דערער אויף זיין אָרט נישט טאָן.

דאָס בוך באַשטייט פון פיר טיילן: 1. אַ קורצער גבית־עדות פון די דראַמאַטישע טעג אין אויפגערודערטן וואַרשע בעת דער אינוואַזיע פון די דייטשע האָרדעס; 2. אַנטייל אין די קאַמפן פון דער רויטער אַרמיי און איבערלעבונגען אין געפאַנגען־לאַגער; 3. דאָס ביטערע לעבן אין מינסקער געטאָ; 4. דער מוטיקער פּאַרטיזאַנער־קאַמף אין די ווייסרוסישע וועלדער. ביים סוף איז אויך פאַראַן אַן אויטאָביאָגראַפיע פונעם מחבר, וואָס באַקענט אונדז מיטן שווערן לעבנס־וועג פון אַ פאַריתומט קינד ביז עס איז אויסגעוואַקסן צו אַ באַוווסטזיניקן אַרבעטס־מענטש.

באַוווסטע ליטעראַטור־קריטיקער ווייזן אָן ווי די גרעסטע שרייבער האָבן געמאַכט אָנשטרענגונגען צו שרייבן איינפאַך, אַזוי אַז זייער דערציילן זאָל אויסזען ווי אַן אמתע געשעעניש. די דאָזיקע איינפאַכקייט האָט זיי געקאָסט שווערע מי, אָפטמאָל זענען זיי געצוווּנגען געווען איבערצומאַכן דעם טעקסט פיל מאָל. ביי אַבראַשאַ סלוכאָווסקי האָט זיך באַקומען פונקט אַ פאַרקערטע דערשיינונג. זיין דערציילן איז אמתדיק, אויטענטיש. עס האָט נישט געקאָנט זיין קיין פּראָדוקט פון דיכטערישער אימאַגינאַציע. אָבער די פאָרם איז נישט קיין טרוקענע, נאָר אַ דערציילערישע, איך וואָלט געזאָגט אַ ליטעראַרישע. דאָס בוך איז אינטערעסאַנט, אויטענטיש. עס לייענט זיך לייכט און פליסיק, ווי אַן אינטערעסאַנטע דערציילונג, אָדער אפילו ווי אַ ראָמאַן. דאָ זענען נישט פאַראַן קיין ליבע־אַוואַנטורעס, דאַקעגן געפינט מען הויכע געפילן פון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, איבערגעגעבנקייט ביז מסירת־נפש, אויסדויער, שטאָלענעם ווילן און אויטענטישע העלדישקייט.

די אויסגעמאַטערטע מענטשן, די קינדער, וואָס זענען רייף געוואָרן פאַר דער צייט, די יונגע, שיינע מיידלעך אויף וועלכע די זיקנה איז אכזריותדיק אַרויפגעשפּרונגען, האָבן באַוויזן, אַז דער מענטשלעכער ווילן און דער הומאַניסטישער אידעאַל קאָנען גובר זיין די ווילדע חיה אין פאָרם פון אַ מענטש. די דאָזיקע הויכע מענטשלעכקייט איז באַשטענדיק און לעבט איבער די פאַרבייגייענדיקע ברוטאַליטעט און דעגראַדאַציע פונעם מענטש...

דער מחבר גיט אונדז אָפּט סצענעס פון געשעענישן און

געשטאַלטן, וואָס וואָלטן געקאָנט אינספּירירן פּלאַסטישע קינסטלער.

אָפּטמאָל מיט קורצע עטלעכע פראַזן דערזעט מען פאַר זיך אַ בילד, ווי עס וואָלט געמאָלן געווען פון אַ אַטלאַנטפולן מאָלער. עס איז נישט מעגלעך צו ציטירן די צאָלרייכע רירנדיקע בילדער, אָבער איייניקע ווילן מיר זיך דאָ דערלויבן צו ברענגען. ווען אַב־ראַשאַ איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט אַלס סאָלדאַט פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, דערציילט ער:

„איך בין אַוועק צו דער מאַסע געפאַנגענע. אויף זייערע פּנימער דערקענט מען די שלאָפלאָזיקייט און פאַרמאַטערטקייט. יעדער זוכט מיט די אויגן עפּעס וואָס פאַרן אויסגעליידיקטן הונ־געריקן מאָגן. מיר באַמערקן אַ פערד, וואָס שלעפּט אַ גרויסן מי־ליטערישן וואָגן פול מיט קאַרטאָפל. עס באַווייזט זיך אַ שטראַל פון האָפענונג. אפשר וועלן מיר אויך געניסן פון די קאַרטאָפל?

דער וואָגן איז געווען באַוואַכט פון צוויי באַוואָפנטע דייטשן. נישט קוקנדיק אויף דעם האָבן צוויי געפאַנגענע זיך פאַרגנבעט, אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן, כדי צו נעמען עטלעכע קאַרטאָפל. די דייטשע היטערס האָבן זיי באַמערקט און גלייך געשאָסן. די געפאַנגענע זענען געבליבן הענגען אויפן וואָגן מיט די קאַרטאָפל אין די פויסטן".

אָדער אַזאַ סצענע. מיר זענען צווישן די מחנות פאַר־יתומטע, פאַרוואָרלאָזטע קינדער, וואָס באַהאַלטן זיך אויס, נעכ־טיקן אין די גריבער און קומען בעטן אַ שטיקעלע ברויט ביי די געטאָ־מענטשן, וועלכע האָבן געמאַכט לאַנגע שעהען אַ ריי, כדי צו באַקומען די מאָגערע ראַציע און וועלכע צעלויפן זיך גלייך מיטן טייערן פּיצל פאַרמעגן. אָבער צווישן זיי האָט דער מחבר דערזען אַן אַלטע פרוי:

„די אַלטע פרוי איז אַ רגע שטיין געבליבן, איינגעקוקט זיך אין די אויסגעהונגערטע קינדער און אָנגעהויבן פונאַנדערטיילן צווישן זיי דאָס ברויט, לאָזנדיק פאַר זיך בלויז אַ קליין שטיקעלע.

דערביי האָט זי מיט איר קוים הערנדיקער שטימע געזאָגט: טייערע קינדער, איך בין אַלט און קראַנק, מיין לעבן וועט מיטן שטיקל ברויט נישט פאַרלענגערט ווערן. פאַר אייך אומשולדיקע יונגע נשמהלעך קאָן אַ שטיקעלע ברויט געבן האָפענונג צו דערהאַלטן אייערע יונגע לעבנס.

אייניקע פון די, וואָס האָבן געוואַרט אין דער ריי, האָבן דערנאָך אַראָפּגענומען שטיקלעך פון די 300 גראַם שוואַרץ און וואָסערדיק ברויט און געגעבן די קינדער".

און אָט איז אַן אַנדערע סצענע: די פּאַרטיזאַנער־באַזע האָט באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן דאָס אָרט צוליב דער געפאַר פון דער דייטשער אַרומרינגלונג. דער רעדאַקטאָר פון דער פּאַרטיזאַנער־צייטונג האָט איינגעפּאַקט די שרייב־מאַשין, כדי זי צו נעמען מיט זיך אויפן שווערן וועג. דער מחבר האָט פאָרגעלייגט צו העלפן אים אַ ביסל טראָגן די שווערע מאַסע. אָבער דער רעדאַקטאָר וויל נישט אַרויסלאָזן זי פון זיינע הענט און זאָגט אים, אַז די מאַשין איז אַ וויכטיקסנדיקער האַרמאַט, וואָס איז אַנגעטרויט געוואָרן אויסצוהיטן פון אַלע געפאַרן. „דאָס מאַשינדל, ברודערקע, האָט ער אים געזאָגט, שיסט נישט און הרגעט נישט קיין מענטשן. פאַרקערט, עס וועקט פון אַפּאַטישקייט און שרעקעוודיקייט, עס בלאָזט אַריין אַ רוח־החיים, אַ ווילן נקמה צו נעמען אין אונדזער בלוטיקן שונא".

עס זענען אויך פאַראַן נאַטור־באַשרייבונגען, קורץ־געפּאַסטע, וואָס פּאַסן זיך אַריין אין די געגעבענע באַדינגונגען, אָפּטמאָל אין דראַמאַטישע אומשטענדן.

דאָס בוך איז אַן אינטערעסאַנטע כראָניק וועגן לעבן און מוטיקן קאַמף פון טייערע פאָלקס־מענטשן. עס איז אַ ווערטפולער ביישטייער צו דער יידישער חורבן־ליטעראַטור.

דוד דיאַמאַנט

16־טער יולי 1975.

אַבראַשאַ סלוכאָווסקי — דער מחבר

1. די ערשטע מלחמה-טעג

ווי אַ צעיושעטע סטאַדע חיות, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער דזשונגל, האָבן די דייטשע עראָפּלאַנען, פון ערשטן מלחמה־טאָג אָנגעהויבן פאַרניכטן און פאַרוויסטן מיט אויפרייס־און־ברען־באָמבעס די הויפּט־שטאָט פון פוילן, וואַרשע. די פאַשיסטישע בעסטיעס האָבן געצילט מיט זייער פּרעציזן געווער אין די געדיכט־באַוווינטע קוואַרטאַלן און האָבן געבראַכט טויט פאַר מענער, פרויען, קינדער.

אין דער נאַכט נאָכן ערשטן מלחמה־טאָג איז שטאַרק באָמ־באַרדירט געוואָרן די אַרבעטער־געגנט וואָליע. די באָמבעס האָבן געטראָפן אין אַ גרויס, געדיכט־באַוווינט אַרבעטער־הויז. 40 נפשות זענען אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן, צווישן זיי פיל קינדער און אַלטע לייט.

געשען איז אַזוי, אַז אין טאָג פון קריגס־אויסברוך האָב איך געמוזט גיין אין 5־טן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, כדי אַרויסצונעמען מיין פּאַספּאָרט. אַריינגעקומען אין קאָמיסאַריאַט, האָב איך דערזען אָנגעכמורעטע פּנימער פון די באַאַמטע. איך האָב דערהערט ווי זיי גיבן זיך איבער, אַז נאָר־וואָס האָט די פּוילישע ראַדיאָ געמאָלדן, אַז דייטשע עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט מערערע שטעט ביי דער פּוילישער מערב־גרענעץ.

ביים אַרויסגיין פון קאָמיסאַריאַט האָט זיך דערהערט אַן אַלאַרם־רוף אַראָפּצוגיין אין די שוץ־קעלערס, וואָס זענען געווען צוגעגרייט קעגן די עראָפּלאַנען־אָנפאַלן. איך לויף אַראָפּ צוזאַמען מיט אַלע

באַאַמטע. אומרו איז אויסגעגאָסן אויף אַלעמענס פּנימער. נאָך 15 מינוט ווערט דער אַלאַרם אָפּגערופן.

אויפן גאַס זעט מען מענטשן לויפן צעטומלטע, פאַרזאָרגטע. איינער פרעגט ביים צווייטן וואָס צו טאָן, וווּ זאָל מען זיך אויס־באַהאַלטן? קיינער ווייסט אָבער נישט וואָס צו ענטפערן. דערווייל לויפט מען אָפּנעמען די קינדער פון די שולן. טאַטעס און מאַמעס פירן ביי די הענטלעך זייערע דערשראָקענע קינדער. מען ווייסט נישט וווהין צו גיין, מען לויפט אין די שוץ־קעלערס ווי נאָר מען דערהערט אַן אַלאַרם. מענטשן הויבן אָן גרייטן פעקלעך, מאַכן פּלענער אַרויסצופאָרן אין די נאָענטע קליינע שטעטלעך און דער־פער, גלויבנדיק, אַז דאָרט וועט מען אויסמיידן די באָמבאַרדירונגען. דער אומרו, די צעטומלטקייט, וואַקסט פון שעה צו שעה.

עס פאַלט צו די נאַכט. וויפל שרעק עס קאָן ברענגען איין נאַכט! ס'איז די זאָרג פאַר פרוי און קינד. מען פרעגט זיך, צי זאָל מען זיך לייגן שלאָפן, אָדער מען זאָל וואַכן? ס'קאָן דאָך ווייטער זיין אַן אַלאַרם און מען וועט דאַרפן אַראָפּלויפן אין קעלער. מיר וואַרטן אין שפּאַנונג אויפן אָנקומענדיקן פרימאָרגן, כדי צו הערן די לעצטע נייעס וועגן אָנפאַל פון דער היטלער־אַרמיי אויף פּוילן.

די ידיעות זענען איינע ערגער פון דער צווייטער. פיל שטעט, וואָס געפינען זיך אין די אינדוסטריעלע צענטערס, זענען שוין באָמ־באַרדירט געוואָרן. מיר דערוויסן זיך, אַז נאָר וואָס איז באָמבאַרדירט געוואָרן די מעדעם־סאַנאַטאָריע אַ צוואַנציק קילאָמעטער פון וואַר־שע. דאָרט האָבן זיך געפונען ביי 200 יידישע קינדער פון אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן. די קינדער האָבן דאָרט געהאַט אַ וואַרעמע היים און אַ גוטע מעדיצינישע באַדינונג. פון דעם מערדערלעכן אָנפאַל זענען קרוב 100 קינדער אומגעקומען.

מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ שווערער זיך איינצושאַפן עסנוואַרג. מען זעט אומעטום לאַנגע רייען ביי די שפּייז־קראָמען. אויך ביי די בעקערייען וואַרטן שעהן־לאַנג פרויען און קינדער, כדי צו באַקו־

מען די צוגעטיילטע 500 גראַם ברויט פּאַר אַ מענטשן. עס טרעפט, אַז באָמבעס פאַלן אויף די רייען. עס בלייבן ליגן דערהרגעטע אין פאַרוווּנדעטע, און דאָך שטייט מען ווייטער.

עס הויבט אָן אויספעלן וואַסער. אין וואַרשע פעלט אויך עלעקטרישע ליכט. מען לויפט אין דער פינצטער זוכן וואַסער. מיט עמערס, מיט קריגלעך. מען לאָזט זיך צום גענשער בית־עולם, צום פּאָוואָנזקער צמענטער. אין יענער געגנט האָבן זיך נאָך געפונען אָפענע ברונעמס. אַ סך פון די וואַסער־זוכער קומען צוריק מיט ליידיקע עמערס. מענטשן ליידן פון דורשט. קראַנקע קינדער בעטן וואַסער.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין דעם הויז, ווו איך האָב געוווינט אויף דזשעלנע 29, האָבן זיך געפונען פיל פעסער מיט וואַסער, ווייל אין צווייטן טויער איז געווען אַ גאַרבעריי. די פעלן אויסצואַרבעטן לעדער האָבן זיך געמוזט לאַנג ווייקן אין וואַסער אויסגעמישט מיט אַ כעמישער סובסטאַנץ. נישט געקוקט דערויף, וואָס באַנוצן אַזאַ וואַסער איז געווען שעדלעך פאַרן געזונט, זענען די פעסער אין משך פון עטלעכע שעה אויסגעליידיקט געוואָרן.

עס קומט אַ פאַראָרדענונג, וואָס פאַרבאָט אַרויסצוגיין אין גאַס אין די אָוונט־שעהן. עס ווערט נאָך שווערער זיך איינצושאַפן עפּעס צום עסן און טרינקען.

עס דערגייען ידיעות, אַז די דייטשע אַרמיי דערנענטערט זיך צו דער הויפּט־שטאָט. דער רעטונגס־קאָמיטעט גיט אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע מענטשן, וואָס זענען פעאיק צו האַלטן אַ לאָפּאַטע, זאָלן גיין אין דעם ראַיאָן פון זשאָליבאָזש גראָבן שוץ־גרובנס. אַ גרויסע מענטשן־מאַסע האָט אָנגעהויבן שטראָמען אין יענער ריכטונג. עס זענען געקומען מענטשן פון אַלע וואַרשעווער קוואַרטאַלן. צווישן זיי אויך 12־14־יאָריקע יינגלעך, יונגע מיידלעך, עלטערע מענער און פרויען מיט לאָפּאַטעס אין די הענט. אויף זייערע פנימער איז אויסגעגאָסן צאָרן. ביי אַלעמען איז דער פאַרלאַנג צו פאַרטיידיקן וואַרשע קעגן דער אינוואַזיע פון דער דייטשער אַרמיי. מען גראָבט

אַ גאַנצע נאַכט טיפע גרובנס, גלויבנדיק, אַז דאָס וועלן זיין קברים פאַר די היטלעריסטן. דער אָפּקלאַנג פון די ווייט־שיסנדיקע דייטשע האַרמאַטן האָט נישט אָפּגעהאַלטן פון דער אַרבעט.

אין די פרימאָרגן־שעהן שטראָמט אַ נייע מענטשן־מאַסע, כדי אונז צו פאַרבייטן. ווי עס האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן, זענען די דייטשן אַריינגעדרונגען דורך די גאַסן לעשנע, וואָלסקע, דורכן מערבדיקן טייל פון וואַרשע, און נישט פון צפונדיקן. אונזער אַרבעט איז געווען אומזיסט.

דערווייל ווערט וואַרשע אַלץ שטאַרקער באָמבאַרדירט. ס'איז שוין כמעט אוממעגלעך זיך צו באַוועגן איבער דער שטאָט.

***

עס האָט זיך דערנענטערט ראש־השנה. יידישע פרויען און מענער באַמיען זיך צו באַקומען כאָטש אַ ביסל פּראָדוקטן לכבוד יום־טוב. גראָד ערב ראש־השנה האָבן זיך די באָמבאַרדירונגען אייג־געשטילט. רעליגיעזע יידן האָבן געגלויבט ,אַז דאָס איז געשען אין זכות פון די הייליקע טעג און ס'וועט דויערן ביז איבער יום־טוב. אָבער אין די אָוונט־שעהן פון דער ערשטער יום־טוב־נאַכט זענען אָנגעפלויגן עראָפּלאַנען און באַלד האָבן גענומען אויפרייסן באָמבעס. געדוכט האָט זיך, אַז זיי פאַלן נישט ווייט, לעבן אונזער הויז. מען לויפט אַהין און צוריק, מען ווייסט נישט וואָס צו טאָן. מען פילט זיך ווי אַ מויז אין אַ שטייגל.

מיר זענען אַראָפּגעלאָפן אונטן, אין טויער, מיטן געדאַנק, אפשר וועלן מיר דאָרט אויסמיידן דעם טויט. צוזאַמען מיט מיין פרוי און זונעלע געפינען מיר זיך אין טויער פון נאַלעווקי 26. יעדער איינער אין אַן אַנדערן ווינקל, מיט דער אויסרעכענונג, אַז אויב אַ באָמבע וועט פאַלן, וועט אפשר עמעצער פון אונדז בלייבן לעבן.

אין אַ ווינקל פון טויער איז געשטאַנען אַן אַלטער ייד מיט אַ גרייז־גרויער באָרד. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער אויסגעזונגען אַ יום־טובדיקע תפילה.

מיר האָבן פּרובירט עפענען דעם טויער, כדי צו זען וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. פון דאָרט הערט זיך אַ טומל. מיר שטעקן אַרויס די קעפּ און דערזעען: עס לויפט אַ צעשראָקענע מענטשן־מאַסע, וואָס קומט פון די אָרעמקייט־גאַסן — סטאַווקע, ניזקע, מילע, מוראַ־נאָווסקע. עס הערן זיך פאַרצווייפלטע געשרייען פון מאַמעס און קינדער. האַלב־נאַקעטע זענען זיי אַראָפּ פון די געלעגערס. עס טוליען זיך צו זיי פּיצלעך דערשראָקענע קינדער, ווי זוכנדיק שוץ אין דער מאַמעס אָרעמס.

די באָמבאַרדירונג דויערט ווייטער. עס הערן זיך געשרייען: „ווו איז מיין קינד?" קינדער רופן: „מאַמע, מאַמע! ווו ביסטו?!" די געשרייען פון דער שטראָמענדיקער מענטשן־מאַסע ווערן פאַר־טויבט דורך אויפרייסן פון באָמבעס. די יידישע געגנט ברענט. פון אומעטום זעט מען פלאַמען.

מיר זענען אַרויס פון טויער און געלאָזט זיך לויפן מיטן מענטשן־שטראָם. מיר זענען לאַנג געגאַנגען אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג. ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן און דערזען, אַז מיר זענען אויסער דער שטאָט. נאָכן אָפּרוען זיך, זענען מיר צוריקגעגאַנגען. וואַרשע איז געווען אין פלאַמען. מיין צוויי־יעריק זונעלע, וועלכן כ'האָב געהאַלטן אויף דער האַנט, האָט מיך געפרעגט: „פאַרוואָס ברענט מען אומעטום?". אין דער יידישער געגנט האָט מער געברענט, ווי אין אַנדערע קוואַרטאַלן. מיר האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז די דייטשע באָמבן־וואַרפער האָבן ספּע־ציעל געצילט, כדי צו פאַרניכטן די געדיכט־באַוווינטע יידישע גאַסן. ווען מיר זענען צוגעקומען צו אונדזער הויז, האָבן מיר עס געטראָפן אין פייער און אין רויך. מיר האָבן שוין נישט קיין היים ווו אַריינ־צוגיין.

מיר זענען היימלאָז. וווהין גייט מען? שכנים פון דערנעבנדיקן הויז, פון דזיעלנע 25, נעמען אונדז אַריין צו זיך. דאָס צימער פון זייערע צוויי זין, וועלכע זענען אויפן פראָנט, איז געווען פריי. אונדזער צימערל האָט זיך געפונען אויפן לעצטן שטאָק פון הויז. ווי נאָר

עס האָבן אויפגעהערט צו פאַלן באָמבעס, איז מיין פרוי אַוועק זוכן שפייז. ווי אַלע מענער, האָב איך געוואַכט אויף די דעכער, כדי צו ראַטעווען פון אַ שריפה נאָכן פאַלן פון באָמבע־שפליטערס.

***

דער לעצטער טאָג ערב דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע. אין די פרימאָרגן־שעהן האָבן די הימלען איבער דער שטאָט זיך באַדעקט מיט אַ כמאַרע פון אַנפליענדיקע דייטשע עראָפּלאַנען. עס האָבן זיך דערהערט פאַרטויבנדיקע אויפרייסן פון באָמבעס. זיי האָבן געזייט טויט און פאַרוויסטונג.

אין אונדזער צימערל אויפן לעצטן שטאָק איז דאָס לעבן שטאַרק איינגעשטעלט. און דאָך בלייבן מיר אויפן אָרט. אַ גאַנצן טאָג הערן מיר זיך צו צו די אויפרייסן פון די באָמבעס, פון די סנאַריאַדן פון די וויט־שיסנדיקע האַרמאַטן, וואָס זענען געוועזן אויסגעשטעלט אַרום דער שטאָט. אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר זיך געדרייט אין צימערל הין און צוריק, האַלטנדיק אונדזער קינד אויף די הענט. שריפה־פלאַמען האָבן באַלויכטן אונדזער פענצטער. אויף צומאָרגנס האָבן די באָמבאַרדירונגען אויפגעהערט. דער וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט, סטאַזשינסקי, האָט געמאָלדן דורך ראַדיאָ דעם באַשלוס צו קאַפּיטולירן.

די שטאָטישע גאַסן זענען אויסגעליידיקט פון מענטשן. איך גיי אין דער ריכטונג פון די גאַסן נאַוואָליפּקי, פּזשעיאַזד. ביי אַ מיליטערישער געביידע ליגן אויף די טראָטואַרן מענער און פרויען, טייל מיט די געזיכטער אַרויף, אַנדערע מיט די געזיכטער צו דער ערד. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זענען זיי דערשטיקט געוואָרן פון רויך, בעת אַלץ אַרום האָט געברענט.

אין דער געגנט פון קראַשינסקי־גאָרטן האָב איך דערזען מענטשן, וואָס האָבן זיך געלאָזט זוכן עסן. לעבן אַ קליינעם סקווער האָב איך געטראָפן אַ חבר פון שטריקער־פאַך, נתן פּיאַסקאָווסקי. ער

איז אויך געקומען זוכן עסן. מיר פרייען זיך איינער מיטן צווייטן, וואָס מיר זענען פון געבליבן. נישט ווייט פון אונדז איז געלעגן אַ דערהרגעט פערד. אין אַ דערנעבנדיקן מיסט־קאַסטן האָבן מ׳יר געפונען אַ שטיק בלעך. דערמיט האָבן מיר אָפּגעשניטן אַ שטיק פלייש פון פערד און עס אַוועקגעטראָגן צו אונדזערע משפחות.

**
*

פון מויל צו מויל האָט מען איבערגעגעבן, אַז די היטלעריסטישע אַרמיי געפינט זיך שוין אין די פאָרשטעט פון וואַרשע. די באַפעלקערונג איז פאַרבליבן אין די היימען. מען וויל זיך נישט באַגעגענען מיט די פאַשיסטישע חיילות, וועלכע קומען אָן פון די גאַסן וואָלסקע, לעשנע, מיט טאַנקעטקעס און מאָטאָציקלען.

פאַר דער יידישער באַפעלקערונג איז די לאַגע באַלד פון אָנהויב טראַגישער, ווי פאַר די אַנדערע איינוווינער. אויף די גאַסן באַגעגענען מיר אויסגעבלייכטע, אויסגעהונגערטע, פאַרזאָרגטע יידן. אַ סך האָבן פאַרלוירן זייערע היימען. איינער האָט פאַרלוירן אַ קינד, אַן אַנדערער אַ פרוי, אַ פאָטער, אַ מוטער. מען דערשטיקט אין זיך די טרערן. מען פרעגט איינער ביים צווייטן: „וואָס זאָל מען טאָן?" „אפשר אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון די סאָוויעטן?" עס האָבן זיך פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז די סאָוויעטן לאָזן אַריין צו זיך די יידן, וועלכע אַנטלויפן פון די אָקופּירטע דורך די דייטשן פּוילישע טעריטאָריעס. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן גרופּעס צום „שוואַרצן" די גרענעץ־ליניע און אַריבער צו די סאָוויעטן.

פון טאָג צו טאָג ווייזט די אָקופּאַציע־מאַכט אַלץ מער איר פּרצוף. געווען אַ פאַל, ווען אַ דייטשער סאָלדאַט איז אָנגעפאַלן אויף אַ יידישן טרעגער־אַרבעטער אויף נאַלעווקי־גאַס. דער יידישער אַרבעטער האָט דעם פאַשיסט באַצאָלט מיט זיין אייגן געווער. באַלד איז געקומען אַ שטראָף־עקספּעדיציע פון אויסדרעסירטע ס.ס.־באַנדיטן. זיי זענען אַריין אין דעם הויף אויף נאַלעווקי 11, וווּ ס׳האָט

זיך געפונען אַ יידישער רעסטאָראַן, אַרויסגעפירט 50 מענער און פרויען און אַלע אויפן אָרט אומגעבראַכט. דאָס איז געווען דער ערשטער מאָרד־אַקט פון די דייטשע פאַשיסטן איבער די יידן אין וואַרשע.

פון שעה צו שעה האָט זיך דער טעראָר פאַרשטאַרקט. די היטלעריסטן הויבן אָן קומען אומגעריכטערהייט אין יידישע הייזער אונטערן אויסרייד, אַז זיי זוכן געווער. דערוויל נעמען זיי צו ווערט־זאַכן. עס טרעפן פאַלן, אַז זיי נעמען מיט איינעם פון די מענער, כלומרשט אויף אַרבעט. דעם צוגענומענעם האָט מען שוין מער נישט געזען.

איינער דעם צווייטן האָט שטיל איבערגעגעבן, אַז 15 קילאָמע־טער פון דער שטאָט געפינען זיך פעלדער מיט נאָך נישט אויסגע־גראָבענע קאַרטאָפל, בוראַקעס. קיין סך נישט געטראַכט, האָב איך זיך געלאָזן אַהין צופוס. ווען איך בין צוגעקומען צום פעלד, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן אַ סך אַזעלכע בעלנים ווי איך. איך גראָב אויס אַ ביסל קאַרטאָפל, אַנדערע גרינוואַרג, פיל אָן דעם זאַק, אויף וויפל מיינע כוחות דערלויבן צו טראָגן. די לאַסט ווערט אַלץ שווערער. אָבער דער געדאַנק, אַז די פּראָדוקטן וועלן אַ געוויסע צייט זעטיקן מיין פרוי און קינד, מאַכט מיר פאַרגעסן אין דער מידקייט.

מיט גרויס מי בין איך אָנגעקומען אין שטאָט. אויפן גזשיבאָוו־פּלאַץ, ווו איך האָב געדאַרפט אַדורכגיין, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ דייטשן פּאַטראָל. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט:

— וואָס טראָגסטו דאָ, שמוציקער יודע? — האָבן די היטלע־ריסטן געשריגן און אַראָפּגעריסן דאָס זעקל פון מיינע פּלייצעס, אויסגעשאָטן די פּראָדוקטן און גענומען זיי טרעטן מיט די באָטש־וועקעטע שטיוול. זיי האָבן מיר אַפילו נישט געלאָזט צונויפקלייבן די צעקוועטשטע פּראָדוקטן. איך בין געקומען אַ היים מיט אַ ליי־דיקן זאַק.

די באַפעלקערונג באַמיט זיך ווי נישט איז צוצופּאַסן זיך צו די נייע באַדינגונגען. עס הייבן אָן זיך באַווייזן פויערים פון די

אַרומיקע דערפער מיט אַ ביסל פּראָדוקטן. זיי פאַרלאַנגען מ׳זאָל זיי דערפאַר באַצאָלן מיט וועש, קליידונג, מיט אַנדערע זאַכן פון טאָג־טעגלעכן געברויך. מען הויבט אָן רעדן וועגן דעם, אַז עס וועלן איינגעפירט ווערן ברויט־קאַרטן. עס ווערן אויך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז מען וועט איינפירן אַ געטאָ פאַר יידן.

אַליץ שווערער און שווערער ווערט מיר צו געפינען אַ שטיקל ברויט פאַר מיין משפחה. איך גיי אַוועק אַרבעטן ביים טריקאָטאַזש־פאַבריקאַנט טענענבוים, אויף קופּיעצקע גאַס 4. מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז צאָלן וועט ער מיט אויסגעאַרבעטע סוועטערס, וועלכע איך האָב געטוישט ביי פויערים אויף עסנוואַרג. נישט לאַנג האָט עס אָבער געדויערט. דער רעזערוו רויוואַרג האָט זיך אויסגעלאָזן. כ׳בין געבליבן אַרבעטסלאָז.

וואָס טוט מען? דער יקרות וואַקסט פון טאָג צו טאָג. ווי גיט מען זיך אַן עצה, קודם־כל ווו נעמט מען אויף שטילן דעם הונגער פון אונדזער קינד? אין פאַרצווייפלונג קומט אויף דער געדאַנק אַוועקצופאָרן אין מיין היים־שטעטל לאַשיץ, ווו עס איז מסתמא לייכטער זיך אַן עצה צו געבן מיט עסנוואַרג. און אפשר פּרוּוון בכלל זיך אַרויסרייסן פון היטלערישן גיהנום?

2. דער וועג אויף מזרח

דער ווילן זיך אַרויסצורייסן פֿון וואַרשע איז אויפֿגעקומען ביי אַ סך. עס האָבן זיך געשאַפֿן גרופּן, מערסטנטייל פֿון מענער אין מיטעלן עלטער, וועלכע האָבן געמאַכט פּלענער ווי אַזוי און מיט וועלכע וועגן צו דערגרייכן די סאָוויעטישע גרענעץ.

איך באַשליס צו פֿאַרלאָזן וואַרשע. מיר האָבן אָפּגעמאַכט מיט מיין פֿרוי, אַז דערוויל וועל איך גיין אַליין, דערנאָך צוריקקומען און מיטנעמען זי מיטן קינד.

אין אַ קאַלטן פֿרימאָרגן, סוף אָקטאָבער 1939, האָב איך אייניקע קילאָמעטער הינטערן שטאָט געטראָפֿן אַ פּויער, וועלכער האָט מיך אַרויפֿגענומען אויף זיין וועגעלע און מיך אָפּגעפֿירט עטלעכע צענד־ליק קילאָמעטער אין דער ריכטונג פֿון מיין געבורט־שטעטל לאָשיץ.

אין שטעטל איז מיר אַנטקעגנגעקומען דער בית־עולם, די בריק, געסלעך, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון פֿון די יוגנט־יאָרן, ווען מיר פֿלעגן זיך דאָרט פֿאַרזאַמלען, כדי אויסצוזינגען אונדזער טרוים וועגן אַ בעסערער וועלט, וואָס וועט ברענגען יושר פֿאַר אַלע מענטשן. איך בין אַריין אין שטעטל פֿאַרנאַכט און נישט באַגעגנט אויף די גאַסן קיין איינעם פֿון די לאָשיצער יידן. עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס בילן פֿון הינט.

דורך הינטערוועגן בין איך אַריין אין מיין אַלטער היים, ווו ס'האָט געוווינט די צווייטע פֿרוי פֿון מיין פֿאָטער און מיין ייִנגסטע שוועסטער שרה'לע. ווען זיי האָבן מיך דערזען, האָט זיך ביי זיי אַרויסגעריסן אַ געוויין.

אין די וועלדער

— גיי באַלד אַראָפּ און באַהאַלט זיך אין קעלער! — האָבן זיי מיר געזאָגט.

פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן גייען אין די ייִדישע הייזער און נעמען צו יונגע מענער, אויף וועלכע עס איז דאָ אַ פאַרדאַכט, אַז זיי האָבן אַמאָל מורד במלכות געווען, ד. ה. זיי האָבן געהערט צו די לינקע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן מיר אויך דערציילט, ווי אַזוי די דייטשן האָבן ביינאַכט אַרויסגעריסן פון זייערע היימען לאָשיצער ייִדן און זיי אויף אַ סאַדיסטישן אופן דערהרגעט. צווישן די קרבנות האָבן זיך געפונען דער קצב מאיר יענטע־פייגעס, דודל רישקעס, אַן אַקטיווער קאָמוניסט, פּיניע פּאַטקעווער, אַ רעליגיעזער פאָלקס־מענטש און נאָך פינף ייִדן. מיר האָבן זיי געראַטן ווי אַמ־שנעלסטן צו אַנטלויפן פון לאָשיץ.

איך בין דאָך געבליבן איינִיקע טעג אין שטעטל. דאָ האָבן זיך געפונען ייִדן פון פאַרשיידענע שטעט, וועלכע האָבן געוואָלט אַריבער אויף דער סאָוויעטישער זייט. איך האָב געפונען אַ יונגן לאָשיצער פּאָליאַק, וועלכער איז איינגעגאַנגען מיך אַריבערצופירן איבערן בוג צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע. מיט אונדז צוזאַמען איז אויך געווען דער באַקאַנטער ייִדישער שרייבער יוסף אָקרוטני.

מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון דער שטאָט אין די שפּעטע נאַכט־שעהן.

*
**

אַרום און אַרום איז פינצטער. מיר לאָזן זיך אין דער ריכטונג פון בוג, וואָס איז דעמאָלט געווען די גרענעץ צווישן דייטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד.

מיר הייבן זיך אָן צו דערנענטערן צום טייך. מיר זעצן זיך אַריין אין דעם שיפל און מיט אונדז דער דורכפירער. מיר שווימען פאַרזיכטיק, נישט באַמערקט צו ווערן פון דער דייטשער וואַך. בשלום זענען מיר אָנגעקומען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ. פון גרויס פרייד, וואָס מיר האָבן זיך אַרויסגעריסן פון היטלערישן

גיהנום, זענען מיר צוגעפאַלן צו דער ערד. מיר לאָזן זיך גיין אין דער ריכטונג פון נאָענטן שטעטל. עס הייבט אָן צו טאָגן. מיר טרעפן זיך מיט דער רויט־אַרמייאישער גרענעץ־וואַך. אויף זייער פראַגע ווער מיר זענען, ענטפערן מיר, אַז יידן, אַנטלאָפענע פון די דייטשע פאַשיסטן. זיי ווייזן אונדז די ריכטונג צום שטעטל דראָהאָטשין.

דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער, אַ וואַרעמער און גרינגער איז געוואָרן דאָס געמיט אָנקומענדיק קיין דראָהאָטשין. באַגעגנט האָט אונדז אַ מונטערע מוזיק פון די ראַדיאָ־הילכערס. דאָס האָט געשטאַרקט דעם גלויבן, אַז אַלע צרות פון דער מלחמה האָבן מיר שוין הינטער זיך.

דאָ טרעפן מיר באַקאַנטע פון לאָשיץ און פון אַנדערע אַרומי־קע שטעטלעך. אויך זיי האָבן דאָרט, אויף יענער זייט, איבערגעלאָזן זייערע פרויען, קינדער, טאַטע־מאַמע, גאַנצע משפחות. אייניקע פאָרן צוריק און זאָגן צו, אַז זיי וועלן מיטברענגען אויך אַנדערע משפחות. דער געוועזענער האַנדלס־אַנגעשטעלטער פון וואַרשע, שלמה, מיין פרויס אַ גוטער באַקאַנטער, פאַרזיכערט מיר, אַז ער וועט זי מיט מיין ייִנגעלע אַריבערברענגען פון וואַרשע אויף דער סאָ־

וויעטישער זייט.

לאַנג בלייבן אינעם גרענעץ־שטעטל, וווּ עס זענען אָנגעקומען אַלץ מער פליטים, האָבן מיר נישט געקענט. מיר האָבן זיך געלאָזט ווייטער אין וועג. אין סעמיאַטיטש האָבן מיר געטראָפן אַ יידישע עדה, וואָס האָט געפירט אַ נאָרמאַל לעבן. דאָ האָב איך געפונען אייניקע אַמאָליקע לאָשיצער באַקאַנטע, וועלכע האָבן זיך פון לאַנג געהאַט באַזעצט אין סעמיאַטיטש, למשל מיין חבר שעפסל ריבאַקאָווסקי. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז זינט די רויטע אַרמיי איז דאָרט אָנגעקומען, האָט זיך איינגעשטעלט אַ גוט צוזאַמענלעבן צווישן יידן און קריסטן. די זאָרג פאַרן גורל פון זייערע משפחות אויף דער דייטשער זייט, האָט אויך זיי קיין רו נישט געגעבן.

מיט דער באַן לאָזן מיר זיך קיין ביאַליסטאָק. אין וואַגאָן טרעפן

אין די וועלדער

מיר פיל יידישע יוגנט פון די אַרומיקע שטעטלעך. די שטימונג איז אַן אויפגעלייגטע.

אין ביאַליסטאָק באַגעגנט אונדז דאָס געזאַנג פון אַרבעטער־לידער. מיר גייען אין דער ריכטונג פון שטאָט־צענטער. אויף ליפּאָווע, שענקעוויטשאַ גאַס און אַנדערע גאַסן איז פול מיט מענטשן. מען טרעפט דאָ יידן פון אַלע געגנטן פון פוילן. דער געדראַנג איז אַ גרויסער, ס׳איז שווער זיך צו באַוועגן. מיר דערוויסן זיך, אַז עס איז פאַראַן אַ פּליטים־קאָמיטעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט העלפן די אַנטלאָפענע פון „יענער זייט״. דער קאָמיטעט איז נישט אין שטאַנד צו שאַפן פאַר אַלע וווינונגען. דער צופלוס פון יידן פאַרגרע־סערט זיך פון טאָג צו טאָג. אַ סך ניי־אָנגעקומענע בלייבן נעכטיקן אין גאַס. אין די מיטאָג־שעהן זעט מען מאַסן יידן פון פאַרשיידענעם עלטער אַרומדרייען זיך אין די גאַסן נישט קיין דערשלאָפענע, אָבער מיט צעשמייכלטע פּנימער.

אַ דאַנק דעם דיכטער משה וואַלדמאַן האָב איך באַקומען אַ פּלאַץ צום שלאָפן אין הויז פון די אַנטלאָפענע יידישע שרייבער אויף שענקעוויטש־גאַס. דאָרט האָבן יידישע שרייבער, דיכטער און בכלל קולטור־טוער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די היטלע־ריסטן, געפונען אַ צייטווייליקע היים און באַזאָרגט געוואָרן מיטן נויטיקסטן. דער דיכטער ישראל עמיאָט איז געווען מיין שלאָף־שכן. פון היטלעריסטישן גיהנום האָט ער אַרויסגעראַטעוועט זיין תּפילין־זעקעלע. יעדן טאָג האָט מען אים געקאָנט זען שטיין אין אַ ווינקל ביי זיין בעט, אָנגעטאָן אין די תּפילין און דאַווענען.

די גאַסן פון ביאַליסטאָק ווערן פון טאָג צו טאָג מער באַלאַגערט פון אָנקומענדיקע יידן. עס ווערן געשאַפן מעגלעכקייטן פון באַשעפ־טיקונג ביי געוויסע פאַכן. פאַרן גרעסטן טייל איז אָבער נישטאָ קיין אַרבעט. אין דער זעלבער צייט באַווייזן זיך אויף די ביאַליסטאָקער גאַסן מעלדונגען, וואָס גיבן צו וויסן, אַז ווער עס וויל פאָרן אַרבעטן אין ווייטע סאָוויעטישע געגנטן, קאָן קומען זיך פאַרשרייבן. איך לאָז

זיך צו דער ביוראָ און טרעף שוין דאָרט גרויסע מאַסן מענטשן, וואָס זענען געקומען זיך פאַרשרייבן צו פאָרן אויף אַרבעט.

דער טאָג פון אונדזער אָפּפאָר איז באַשטימט אויף דעם 14־טן נאָוועמבער 1939. מיר זענען 400 יידן. מען האָט צוגעשטעלט פאַר אונדז אַ ספּעציעלן עשעלאָן. עס שאַפט זיך צווישן אונדז אַ היימישע, חברישע פאַרשטענדיקונג. מיר טיילן זיך מיט די שפּייז־פּראָדוקטן. פיל פון די אָפּפאָרנדיקע האָבן דאָס עסנוואַרג, וואָס מ'האָט זיי מיטגעגעבן אויפן וועג, שוין געהאַט פריער אויפגעגעסן.

מיר פאָרן אין דער ריכטונג פון מינסק, די הויפּטשטאָט פון ווייסרוסלאַנד. דער וועג האָט געדויערט עטלעכע טעג, ביז מיר זענען דערפאָרן קיין ניעגאָרעלאָיע, די געוועזענע גרענעץ צווישן פוילן און דעם ראַטנפאַרבאַנד.

דער עשעלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ניעגאָרעלאָיע. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי ס'איז אַרויפגעקומען צו אונדז אַ יידישע דעלעגאַציע פון מינסק. זי איז באַשטאַנען פון זשורנאַליסטן, שרייבער, געזעלשאַפטלעכע טוער. מיר ווערן וואַרעם באַגריסט. די דעלעגאַציע האָט אויך מיטגעבראַכט עסנוואַרג. מען טרייסט אונדז און מען זאָגט אונז צו, אַז מיר וועלן אין עטלעכע שעה אַרום אָפּפאָרן צו אונדזערע אַרבעטס־פּלעצער.

אין אָוונט זענען מיר אָנגעקומען אין שטעטל פּוכאָוויטש, 60 קילאָמעטער פון מינסק. ווען מיר זענען אַריין אין וואָקזאַל, האָבן מיר דערזען געגרייטע טישן מיט עסנוואַרג. ס'איז קענטיק געווען, אַז דער וואָקזאַל איז געשלאָסן געווען פאַר פּאַסאַזשירן, פאַר וועלכע מ'האָט געעפנט בלויז אַ זייטיקן אַריינגאַנג. פאַרן זעצן זיך צו די טישן, האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ געהייצטער באָד, נישט ווייט פון וואָקזאַל. דאָס איז געווען פאַר אונדז אומדערוואַרט. נאָכן לאַנגן וועג און צוליבן מאַנגל אין היגיענישע באַדינגונגען איז אונדז זייער נויטיק געווען זיך גוט אַרומצוואַשן.

אין דעם זאַל, וווּ עס זענען געווען געגרייט די טישן, האָבן אונדז באַגריסט די אָנפירער פון דער שטאָט. מיט גרויס אַפּעטיט

אין די וועלדער

האָבן מיר געגעסן אונדזער קאָלעקטיוון מאָלצייט. אַרויסגייענדיק פֿון וואָקזאַל אויפֿן פּלאַץ, האָבן מיר דערזען אַ סך מענטשן, מערסטנס יידן פֿון פּוכאָוויטש און פֿון דער אומגעגנט, וועלכע זענען געקומען אונדז מיטנעמען אין זייערע היימען.

פֿאַר איין גרופּע פֿון אונדזער קאָלעקטיוו איז געווען צוגעגרייט אַ לאַסט־וואָגן. אַנדערע זענען אָפּגעפֿאָרן מיט וועגענער. אַ טייל פֿון אונדז איז אַוועק מיט די יידן, וואָס האָבן געווינט נישט ווייט פֿון וואָקזאַל.

אויף מיין גורל איז אויסגעפֿאַלן איך זאָל אויפֿגענומען ווערן דורך אַ האַרציקער יידישער פֿאַמיליע. עס איז שוין געווען צוגעגרייט פֿאַר מיר אַ ריין בעט. דאָס האָט מיר אויסגעזען ממש ווי אַ חלום. מיינע גאַסט־געבער זאָגן מיר אָן, אַז איך זאָל זיך פֿילן ביי זיי ווי אַן אייגן קינד. זיי באַזאָרגן מיך מיט אַלעם נויטיקן. איך בין פֿאַרבליבן ביי זיי 15 טעג, ביז כ׳האָב אָנגעהויבן אַרבעטן.

כ׳בין צוגעטיילט געוואָרן צו אַרבעטן אין וואַלד, ווו מען האָט געדאַרפֿט קאָכן די אַרויסגעצויגענע פֿון ביימער זשיווצע צו מאַכן סמאָלע. ליידער האָב איך ביי מיין שטריקער־פֿאַך נישט געקאָנט באַקומען קיין אַרבעט. די וואָס זענען געווען שוסטער, שניידער, סטאָליאַרעס, האָבן נאָך געהאַט מעגלעכקייטן צו געפֿינען אַ באַשעפֿטיקונג אין זייערע פֿאַכן. איך בין פֿאַרבליבן אַרבעטן עטלעכע וואָכן אין וואַלד. כ׳האָב באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין מינסק זוכן אַרבעט ביי מיין פֿאַך.

3. אין דער הויפּטשטאָט פֿון ווייסרוסלאַנד

כאָטש כ׳האָב נישט געקענט קיין רוסיש, האָב איך זיך דאָך דערוווּסט וווּ עס געפֿינט זיך אַ טריקאָטאַזש־פֿאַבריק. זי הייסט „קראַסני (רויטער) טעקסטילשטשיק״, געפֿינט זיך אויף דער ראַקאָווער גאַס. כ׳האָב זיך געלאָזט אַהין. ס׳איז פּונקט געווען אַ זונטיק, ווען אין די פֿאַבריקן אַרבעט מען נישט. אָבער גראָד איז די דאָזיקע פֿאַבריק נישט געווען פֿאַרמאַכט צוליב געווויסע אַרבעטן, וואָס זי האָט געדאַרפֿט מאַכן. כ׳קלינג אָן אין טויער פֿון דער פֿאַבריק און עס באַווייזט זיך אַ מאַן אין די עלטערע יאָרן. איך האָב דערקענט, אַז ער איז אַ ייד. כ׳האָב אים געזאָגט אין יידיש, אַז איך בין אַ שטריקער, איך זוך אַרבעט, און געפֿרעגט, צי איך קאָן זען עמעצן פֿון דעם ביוראָ. דער ייד האָט מיך אַריינגעפֿירט אין צימער פֿון בוכהאַלטער, סאַוויקאָווסקי — אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן מיט גוטמוטיקע יידישע אויגן. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן אַרבעט. צווישן אונדז האָט זיך פֿאַרבונדן אַ שמועס. ער האָט מיך אויסגעפֿרעגט וועגן די פֿאַרבליבענע יידן אין פּוילן, אויך וועגן דעם וואָס איך בין דורכגעגאַנגען און ביי וואָס פֿאַראַ אַרבעט איך בין געווען באַשעפֿטיקט, ביז איך בין אָנגעקומען קיין מינסק.

דער בוכהאַלטער האָט מיר געגעבן אַ ביסל געלט און אַן אַדרעס, וווּ איך וועל האָבן אַן אָרט צום שלאָפֿן.

אויף צומאָרגנס בין איך אַוועק אין דער פֿאַבריק. כ׳בין אויפֿגענומען געוואָרן דורכן דירעקטאָר, אַ יונגע ענערגישע פֿרוי, באַכראַך האָט זי געהייסן. זי האָט פֿריער געשמועסט מיט מיר וועגן פֿאַרשיידענע ענינים, דערנאָך האָט זי מיך אַריינגעפֿירט אין גרויסן פֿאַבריקס־

לאָקאַל, ווו עס זענען געשטאַנען עטלעכע צענדליק שטריק־מאַשינען, ביי וועלכע עס האָבן געאַרבעט יונגע מיידלעך. פרוי קאגאן, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער שטריקער־אָפּטיילונג, האָט מיר אָנגעוויזן די מאַשין, ביי וועלכער איך דאַרף אַרבעטן.

נאָך 5 טעג האָט די אַרבעט ביי מיר אָנגעהויבן צו גיין אַלץ בעסער. כ'האָב זיך צוגעוווינט צו דער מאַשין. ס'איז געווען איינגע־שטעלט אַ נאָרמע וויפל סוועטערס מען דאַרף אַרויסגעבן. מיט יעדן טאָג האָב איך מער איבערגעשטיגן די נאָרמע. איך בין געוואָרן אַ סטאַכאַנאָוויעץ.

אין דער זעלבער צייט איז דערגאַנגען צו מיר די גוטע ידיעה, אַז מיין פרוי העלע מיט מיין יינגעלע נאַטאַן און מיין שוועסטער חנה זענען אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. נאָך געוויסע באַמיאונגען האָב איך באַקומען די דערלויבעניש פון דער פאַבריק־דירעקציע זיי צו ברענגען קיין מינסק.

מוראדיק־לאַנג האָבן זיך געצויגן די טעג, ביז איך האָב דער־לעבט צו זען מיינע טייערסטע, וועלכע איך האָב געהאַט איבערגע־לאָזט אין דער חרוב־געוואָרענער, באַצוואונגענער דורך די היטלע־ריסטן וואַרשע. עס האָט זיך געקלאָמערט אין מיר מיין פאַרבענקט יינגעלע, און אומענדלעך זענען געווען די גרויל־געשיכטעס, וואָס עס האָבן דערציילט מיין פרוי און מיין שוועסטער, דאָס אַלץ וואָס זיי איז אויסגעקומען איבערצולעבן צוזאַמען מיט די דאָרטיקע יידן.

ביסלעכוויז האָבן מיינע משפחה־מענטשן זיך גענומען באַפרייען פונעם קאָשמאַר. מיין פרוי און די שוועסטער זענען אָנגעקומען אַרבעטן אין דער זעלבער פאַבריק. די אַרבעטערינס האָבן אַרויס־געוויזן אַ סך פריינטשאַפט לגבי זיי, געלערנט ווי אַזוי בעסער צו אַרבעטן. מיר האָבן באַקומען אַ צימער ביי דעם סטאָליאַר פון דער פאַבריק, איצקאָוויטש. מיין זונעלע איז אויפגענומען געוואָרן אין אַ קינדער־גאָרטן, פון וואַנען מיר פלעגן אים אָפּנעמען נאָך דער אַרבעט.

דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן אויסצוזען גאַנץ נאָרמאַל, כאָטש מיר האָבן אַלעמאָל געדענקט וועגן גורל פון אונדזערע נאָענטע, וועלכע זענען פאַרבליבן אויף יענער זייט גרענעץ.

מיטן אָנקום פון ווינטער 1940 האָט מען גענומען פילן שווערי־קייטן צוליבן מאַנגל פון באַשפּייזונג. די טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן זענען קלענער געוואָרן צוליב דער מלחמה מיט פינלאַנד, דאָך האָט מען באַקומען דאָס נויטיקסטע. יעדן טאָג פלעגן אָנקומען נייע גרופּן יידישע יוגנטלעכע, טיילווייז אויך עלטערע מענטשן, וועלכע ט׳האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצורייסן פון אָקופּירטן פּוילן.

אין דער מינסקער טריקאָטאַזש־פאַבריק זענען געקומען יוגנטלעכע פון וואַרשע און לאָדזש, צווישן זיי מיינע חברים, שמעלקע ווארום פון וואַרשע — אַן אַקטיווער יונגער קאָמוניסט פון טעקסטיל־פאַראיין, דער קליינער כיל און לייבל גראָמב, פון שטריקער־פאַך. עס זענען אויך אָנגעקומען אין פאַבריק אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געקענט דעם פאַך. מ׳האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט זיך אויס־צולערנען די אַרבעט און בעת־מעשה באַקומען עסן, אַן אָרט צום וווינען און אויך אַ ביסל טאַשן־געלט. נאָך עטלעכע חדשים זענען זיי געוואָרן גוטע אַרבעטער ,אייניקע אַפילו שלאגלער, סטאַכאַנאָווי־צעס. מיר אַלע האָבן זיך צוזאַמענגעלעבט מיט די ווייסרוסישע אַר־בעטער. פאַר אונדז זענען געשאַפן געוואָרן אָוונט־קורסן צו לערנען די רוסישע שפּראַך.

מיטן אָנקומען פון זומער האָט מען זיך גענומען גרייטן צום יערלעכן אורלויב. אין אויגוסט ווערט די פאַבריק געשלאָסן. די דירעקציע שיקט דעמאָלט אַרויס אַ טייל אַרבעטער אויף אַ מאָנאַט־לעכן אָפּרו. צווישן זיי איז אויך געווען אַ געוויסע צאָל אַנטלאָפענע יידן פון פּוילן. דערביי האָט זיך אויך איינגעשטעלט אַ צוזאַמענלעבן צווישן רוסישע און יידישע אַרבעטער־פאַמיליעס. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז דעם 21־טן יוני 1941.

**
*

ס'איז געקומען דער אומדערוואַרטער אָנפאַל פון היטלערס אַרמיי אויפן ראַטנפאַרבאַנד. געווען איז עס אַ זונטיקדיקער רו־טאָג. איך מיט מיין יינגעלע זענען אינדערפרי אַוועק שפּאַצירן צו דעם נאָענטן טייך.

צוריקקומענדיק צופרידענע פון שפּאַציר, האָבן מיר פון דער וויטנס דערזען מיין פרוי העלע און מיין שוועסטער חנה. זיי זענען אונדז אַנטקעגנגעלאָפן מוראדיק־דערשראָקענע. פון זיי דערוויס איך זיך אַז נאָר־וואָס איז געמאָלדן געוואָרן דורכן ראַדיאָ וועגן אָנגריף פון דער דייטשער אַרמיי אויפן ראַטנפאַרבאַנד. ס'איז אויך געמאָלדן געוואָרן, אַז פיל שטעט ביי די מערבדיקע גרענעץ־געביטן זענען שוין באָמבאַרדירט געוואָרן און ס'זענען פאַראַן אַ סך קרבנות. צום מיטאָג האָבן מיר זיך שוין נישט צוגערירט, דער אַפּעטיט איז אונדז פאַרגאַנגען. ס'האָט אונדז אָנגעכאַפּט אַ שרעק און א טיפע זאָרג פאַר אונדזער ווייטערדיקן גורל.

כ'בין אַראָפּ אין גאַס. מענטשן מיט אומרואיקע, צעשראָקענע געזיכטער זענען געלאָפן אין אַלע ריכטונגען. איך בין אַוועק אין פאַבריק און דאָרט שוין געטראָפן אייניקע פון דער אָנפירערשאַפט און אויך אַ צאָל אַרבעטער, וועלכע זענען געקומען זיך דערוויסן, ווי אַזוי און מיט וואָס העלפן באַשיצן די פאַבריק פון באָמבאַרדירונגען. איך בין שוין פאַרבליבן אין דער פאַבריק צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער. עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז עטלעכע פון אונדז זאָלן אַכטונג געבן אויפן דאַך פון דער פאַבריקס־געביידע. אין פאַל, ווען עס וועלן געוואָרפן ווערן צינד־באָמבעס, האָט מען געדאַרפט נישט דערלאָזן צו קיין שריפות. דער סיסטעם פון שיצן פאַבריקן און נאָך אַנדערע רעגירונגס־אינסטיטוציעס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין דער גאַנצער שטאָט. באַלד אין די ערשטע טעג פון אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד ווערט מינסק אַרומגענומען פון פלאַמען. עס ברענען וווין־הייזער און אויך דער גרעסטער טייל פאַבריקן. מענטשן לויפן זיך ראַטעווען אין די וועלדלעך, הינטער דער שטאָט. ווי נאָר די באָמבאַרדירונגען הערן אויף, לויפט מען צוריק, אָבער פיל פון די

פאַרלאָזענע היימען שטייען שוין אין פלאַמען. די היימלאָזיקייט הויבט זיך אָן אָנזען אין דער גאַנצער שטאָט. עס גייען אַרום גאַנצע פאַמי־ליעס מיט קינדער און ווייסן נישט ווו זיך אַהינטאָן. עס זענען אויך דאָ א סך קרבנות.

איך האָב זיך אומגעקערט פון פאַבריק אויף צומאָרגנס אינדער־פרי. מיין פאַמיליע האָט מיט אומרו געוואַרט אויף מיר, אויף מיין וואָרט: „וואָס טוט מען, ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך פון דעם שונאס אָנפלי?". אויפן זינען זענען געקומען די טעג און נעכט אין דער באָמבאַרדירטער וואַרשע. צי דען'זשע דערוואַרט אונדז נאָכאַמאָל דער זעלבער גורל?!



מינסק ווערט באָמבאַרדירט

פאַרלאָזענע היימען — אין פלאַמען

4. איך ווער מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי

דעם 23־טן יוני האָב איך באַקומען אַ מעלדונג, אַז איך דאַרף זיך אויפצומאָרגנס צושטעלן אין דער מיליטערישער רעקרוטירונגס־ביוראָ. דעם זעלבן טאָג בין איך צוזאַמען מיט מיין פרוי אַוועק אין קינדער־הויז, עטלעכע קילאָמעטער הינטער מינסק, ווו ס'האָט זיך געפונען מיין יינגעלע. מיר האָבן געטראָפן די קינדער זיך שפּילן צוזאַמען. זייער זאָרגלאָזיקייט איז נאָך נישט צעשטערט געווען. מיר האָבן אונדזער קינד געלאָזט ווייטער זיך שפּילן.

מיר האָבן זיך אָנגעפרעגט ביי דער פאַרוואַלטערין פון קינדער־הויז, וואָס טוט מען, כדי די קינדער זאָלן זיין אויסער געפאַר. מיר האָבן געבעטן אַז זי זאָל אונדז אַרויסגעבן נאָטאָנעך, ווייל מיר ווילן, אַז ער זאָל אין אַזאַ צייט זיין מיט אונדז. דערויף האָט זי געענטפערט, אַז זי קאָן עס נישט טאָן, ווייל אין די נאָענטסטע טעג דאַרף דאָס גאַנצע קינדער־הויז עוואַקואירט ווערן אין ווייטע געגנטן פון ראַטנפאַרבאַנד, ווו די קינדער וועלן זיין אויסער געפאַר. אַרויס־געוויזן האָט זיך, אַז מען האָט דאָס קינדער־הויז נישט באַוויזן צו עוואַקואירן און אַ סך קינדער זענען אומגעקומען.

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט מיט גרויס אומרו פאַר אונדזער זונעלע. אינדערפרי בין איך אַוועק, באַגלייט דורך מיין פרוי, אין דער רעקרוטירונגס־ביוראָ. אַלע לאָקאַלן זענען דאָרט געווען איבער־פולט מיט מאָביליזירטע. אויף אַלעמענס געזיכטער איז געווען אומרו און צאָרן. נאָכדעם ווי מען האָט צוגענומען ביי אונדז די דאָקומענטן, האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז אין די ביינאַכטיקע שעהן וועט יעדער איינער צוגעטיילט ווערן צו זיין מיליטערישער איינהייט.

כ'האָב זיך געזעגנט מיט מיין העלאָן. מיט טרערן אין האַלדז און מיט פאַרבענקטע בליקן זענען מיר געשטאַנען, אַן אַ וואָרט אויס־צורעדן. ס'האָט זיך דערנענטערט דער אָוונט. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ גערויש פון עראָפּלאַנען. אין דער געביידע ווערט אַ צעטומלעניש. מענטשן לויפן אין פאַרשידענע ערטער, ווו מען קאָן זיך שיצן קעגן באָמבעס. ווען די באָמבאַרדירונג האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין דער רעקרוטירונגס־ביוראָ. די גאַנצע געביידע איז אָבער געשטאַנען אין פלאַמען.

מיר האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַ 25־30 מאָביליזירטע און באַראַטן זיך וואָס מ'האָט צו טאָן. מ'האָט אַוועקגענומען ביי אונדז אַלע דאָקומענטן, און אויב יעדער באַזונדער וועט זיך אין אַזאַ לאַגע לאָזן אין וועג, שטעלט ער זיך אויס אויף אַ געפאַר. דער באַשלוס צו זיין צוזאַמען איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. מיר האָבן אויך באַשטימט צו גיין אין אַ ריכטונג, ווו ס'איז פאַראַן אַן אויסזיכט צו טרעפן אַ מיליטערישע איינהייט, מיט וועלכער מיר וועלן זיך פאַראייניקן. איינער פון אונדז האָט זיך אונטערגענומען צו פירן, ביז מיר וועלן געפינען אַ מיליטערישע באַזע. מיר האָבן זיך פאַרנומען מיטן הויפּט־שאָסיי קיין סמאָלענסק. ס'איז אָבער באַלד אוממעגלעך געוואָרן פאָרצוזעצן דעם וועג. מ'האָט געמוזט גיין מיט זייטיקע וועגן און דורך וועלדלעך, ווייל ווי גיך די דייטשע פליער האָבן באַמערקט אַ באַוועגונג, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריק און געצילט מיט זייערע באָמבעס אין די אַנטלויפנדיקע מענטשן. מיר האָבן כסדר געמוזט ענדערן דעם פּלאַן פון אונדזער גאַנג.

אויף די וועגן באַגעגענען מיר פיל פרויען און קינדער. אַ סך יידישע פאַמיליעס. זיי זענען אַוועק פון זייערע היימען מיט קליינע פּעקלעך. זייער פאַרמעגן איז פאַרברענט געוואָרן, אָדער געלאָזט געוואָרן אויף הפקר. די שרעק פאַר די דייטשן האָט זיי אַרויסגעיאָגט פון שטעטל אָדער דאָרף. מען זעט אויף די וועגן זיך וואַלגערן קינ־דער־וועגעלעך. די פאַשיסטישע רויב־פויגל האָבן געצילט אין מאַ־מעס מיט קינדער. טיילמאָל איז אַזוי געשען, אַז קינדער זענען פון

זייערע וועגעלעך אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אין די קאַנאַוועס ביי די וועגן. מ׳האָט אויך געקאָנט זען ליגן פרויען מיט קינדער צוזאַמען, ווי די טויטע מאַמעס וואָלטן נאָך געהאַלטן זייערע דערהרגעטע קינדער אין די אָרעמס. עס זענען אויף די וועגן אויך געלעגן דער־הרגעטע פערד, קי.

דער וועג דורך וועלדער און דערפער האָט אונדז דערפירט ביז דער שטאָט באָריסאָוו,ביים טייך בערעזינאַ. מיר זענען אַריין אין דער שטאָט, וווּ אַלץ איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש. מיר האָבן געפונען אַ ליידיקע שטאַל. מיר האָבן אַוועקגעלייגט אונדזערע פאַרמאַטערטע קערפּערס אויף דעם פאַרמיסטיקטן באָדן און איבערגעקומען אַ שלאָפלאָזע נאַכט.

גלייך מיטן זון־אויפגאַנג האָבן מיר זיך געלאָזט גיין אין דער שטאָט. מיטאַמאָל האָבן מיר דערזען ווי אַ געדיכטע מענטשן־מאַסע גייט אין איין ריכטונג. מיר זענען מיטגעגאַנגען און אַרויסגעקומען אויף אַ וועג, וואָס האָט געפירט צו אַ וואַלד. מיר זענען אָנגעקומען צו אַ פּלאַץ, וווּ עס זענען שוין געשטאַנען אַ סך מענטשן, יונגע און אַלטע, פרויען און קינדער. מיט לאָפּאַטעס אין די הענט האָבן זיי געגראָבן גריבער אויף דעם שאָסיי, וואָס שניידט דורך דעם וואַלד. די גריבער האָט מען פאַרדעקט מיט אונטערגעהאַקטעביימער, מיט צווייגן. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ פאַרטיידיקונג קעגן דייטשע טאַנקען. מיר האָבן זיך תיכף גענומען צו דער אַרבעט. נאָכן פאַרענדיקן איז אונדזער גרופּע אַוועק מיט דער גאַנצער מענטשן־מאַסע אין דער ריכטונג פון באָריסאָוו.

ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום טייך האָבן מיר דערזען, ווי אין זיין גאַנצער ברייט זענען שוין געווען אויפגעריסן די בריקן וואָס פירן צו דער שטאָט. אויף אַ לענג פון עטלעכע הונדערט מעטער זענען געווען אויסגעלייגט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, וואָס האָבן געהאַט לאַנגע, שאַרפע ציין. געוויינלעך האָבן זיי געדינט צו אַקערן און בראָנעווען די פעלדער. איצט האָבן זיי געהאַט אַן אַנדערע אויפגאַבע: זיי זענען געלעגן מיט די ציין אַרויף, גרייטע צו צערייסן

די פאַשיסטישע װעלף, אויב זיי װעלן פּרוּװן דורכגיין דעם טייך. דאָס אַלץ איז צוגעגרייט געװאָרן צו פאַרהאַלטן דעם פאָרויסגאַנג פון די פאַשיסטישע חילות.

דער אָנגריף פון דער דייטשער אַרמיי איז אַלץ שטאַרקער געװאָרן. מיר זענען געצװוּנגען געװען זיך צוריקצוציען צוזאַמען מיט די לעצטע איינהייטן פון דער רויטער אַרמיי. אונדזער גרופּע האָט זיך פאַרקלענערט. עס זענען געװען אַזעלכע, װאָס האָבן אין דער געגנט געהאַט קרובים. זיי זענען דאָרט פאַרבליבן. מיר זענען דורכגעגאַנגען די שטאָט אָרשע. זי איז אַ פולשטענדיק־איינגעהילטע אין פלאַמען, כמעט אויסגעליידיקט געװען פון איינװוינער.

אויפן װעג קיין סמאָלענסק האָבן מיר באַגעגנט אַ גרויסע צאָל טאַנקן, װאָס זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון באָריסאָװ, כדי צו פאַרהאַלטן דעם אָנגריף פון דער דייטשער אַרמיי. מיר האָבן פאַרגעזעצט דעם װעג, כדי צו גרייכן צו אַ רעקרוטירונגס־קאָמיסאַריאַט, אָבער אויפן גאַנצן װעג ביז סמאָלענסק זענען שוין אַלע רעקרוטירונגס־אַמטן געװען עװאַקויִרט.

דער װעג איז געװען זייער אַ שװערער און אַ געפאַרפולער אויך צוליב דעם, װאָס מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום דאָקומענטן צו באַװייזן די מיליטערישע פּאָסטנס, װעלכע זענען זייער שטרענג געװען. מיר זענען פאַרבליבן בלויז 8 מאַן. ס'זענען געװען פאַלן, װען אַ מיליטערישע קאָנטראָל האָט אונדז אָפּגעשטעלט און מיר האָבן נישט געהאַט װאָס צו באַװייזן אויף באַשטעטיקן װאָס ס'איז מיט אונדז פאָרגעקומען אין מינסק. איניקע מיליטערישע קאָנטראָלעס האָבן אונדז נישט געגלויבט און באַשולדיקט, אַז מיר זענען... דייטשע שפּיאָנען אָדער אַראָפּגעװאָרפענע דעסאַנטן פון דער דייטשער אַרמיי. דער חשד איז געקומען צוליב דעם, װייל אין יענער צייט זענען װירקלעך געװען פאַלן, װען די דייטשע אַרמיי האָט אַראָפּגעװאָרפן אין פאַרשידענע ערטער דעסאַנטן, אָנגעטוענע װי רוסישע אַרבעטער, פּויערים, אָדער װי סטודענטן.

מיט גרויסע שוועריקייטן זענען מיר אָנגעקומען אין דער פאָרשטאָט פון סמאָלענסק. די שטאָט איז באַלאַגערט פון מיליטער, מען זעט נישט קיין ציווילע באַפעלקערונג. מיר האָבן זיך קוים דערשלאָגן צום רעקרוטירונגס־קאָמיסאַריאַט. אַ צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין קאָמיסאַריאַט זאָל זיך געפינען איינער פון די באַאַמטע פון מינסקער רעקרוטירונגס־ביוראָ. ער האָט געוווסט, אַז מ׳האָט צו־גענומען ביי אונדז די דאָקומענטן. די האָפענונג, אַז מען וועט אונדז אַריינגעמען אין דער רויטער אַרמיי האָט מאָראַליש געשטאַרקט.

כ׳האָב באַקומען מיליטערישע קליידונג, וואָס איז נישט געווען לויט מיין מאָס. איך נעם אַלץ אָן פאַר ליב. איך ווער אַלס רויטאַר־מייער צוגעטיילט צו אַ גרופּע פון צוועלף מאַן. מיר ווערן געשיקט הינטער דער שטאָט סמאָלענסק, אין דער געגנט פון אַ קייט בערג, ווו ס׳איז אָרגאַניזירט די פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט. עס זענען שוין געווען צוגעגרייט שוץ־גרובנס און קעגן־אַוויאַציע־קוילנוואַר־פערס.

איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו אַן איינהייט קעגן־אַוויאַציע־האַרמאַטן. די ערשטע נאַכט איז דורך רואיק. אויף צומאָרגנס אינדערפרי בין איך אַוועק נאָך מיין פּאָרציע עסן אין דער מילי־טערישער קיך, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע הונדערט מעטער פון אונדזער מיליטערישן פּאָסטן. אַ טייל פון דער פּאָרציע, וואָס איז באַשטאַנען פון קאַלטער קאַשע מיט שטיקלעך פלייש, עס איך באַלד אויף. דאָס איבעריקע לייג איך אַריין אַלס רעזערוו אין די כאַלעוועס פון די צו גרויסע פאַר מיר מיליטערישע שטיוול.

אויף מיין פּאָזיציע בין איך צוריקגעקומען אַ מונטערער, גע־שטאַרקט מיט דער האָפענונג, אַז עס וועט נאָך קומען דער טאָג, ווען מיר וועלן דערלעבן די מפּלה פון דער דייטשער אַרמיי.

איך האָב באַשלאָסן אָנצושרייבן בריוו צו מיין פרוי און קינד. איך האָב זיך פאַרשאַפט פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער. שרייבנדיק דעם בריוו האָט זיך אָבער אַזוי באַקומען, ווי איך וואָלט זיך געזעגנט מיט זיי...

ס'איז געקומען דער אוונט. דער אויסגעשטערנטער הימל מיט דער לבנה האָבן מיר דעמלט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געווען פאַר דער דייטשער אַוויאַציע. עטלעכע שעה שפּעטער האָב איך דערהערט אַ גערויש פון אָנקומענדיקע עראָפּלאַנען. באַלד האָבן זיך דערהערט אויפרייסן פון באָמבעס. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט ווי די עראָפּלאַנען האָבן זיך דערנענטערט צו אונדזערע פאַרטיידיקונגס־גרובנס און זיי באַוואָרפן מיט באָמבעס. שפּליטערן זענען אַריינגעפאַלן אין די דערנעבנדיקע גרובנס, ווו עס זענען געשטאַנען די אַנטי־אַוויאַציע־האַרמאַטן. איך האָב דאָרט דערזען דריי דערהרגעטע.

ס'איז געקומען אַ באַפעל, אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן סמאָלענסק. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי איין גרויסע חורבה. פון אַלע זייטן פלאַמען, מען זעט נישט קיין ציווילע מענטשן. מיר האָבן זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג פון דער שטאָט יעלנאָ, 90 קילאָמעטער פון סמאָלענסק. קיין טראַנספּאָרט־מיטלען זענען נישטאָ. מיר גייען צופוס. צוויי טעג און צוויי נעכט דויערט דער וועג.

אין יעלנאָ איז געשטאַנען גרייט אַ גרויסער טראַנספּאָרט־צוג. מען האָט אונדז געגעבן שפּייז. מיר האָבן נישט געוווסט וווהין מיר פאָרן. נאָך עטלעכע טעג האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז אונדזער לעצטער אָפּשטעל וועט זיין אין טאַמבאָוו, אַן ערך 700 ק"מ אויף מזרח פון סמאָלענסק.

דער וועג דויערט 6 טעג. די שפּייז־רעזערוון ענדיקן זיך. מען טיילט זיך איינער מיטן אַנדערן מיט די לעצטע רעשטן. די אַטמאָספער איז אַ חברישע. דער גרעסטער טייל סאָלדאַטן זענען פּויערים. מ'האָט זיך צו ביסלעך פריילעך געמאַכט.

דעם פינפטן טאָג פון דער רייזע זענען מיר אָנגעקומען אין דער שטאָט מיטשורינסק. מיר זענען אַרויס פון די וואַגאָנען. אויף דער סטאַציע איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר אונדז אַ נאַכט־עסן. די אויפנאַמע איז געווען אַ וואַרעמע. נאָכן שטילן דעם הונגער קערן מיר זיך אום אין די וואַגאָנען און פאָרן ווייטער.

אין די וועלדער

אויף צומאָרגנס, מיטאָג־צייט, זענען מיר אָנגעקומען אין טאַמבאָוו. די זון האָט געוואַרעמט. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט 5 קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, וווּ עס געפינען זיך גרויסע וועלדער. מיר טרעפן דאָ אַ סך מיליטער. דאָס זענען מאָביליזירטע פון פאַרשידענע געגנטן, וואָס דאַרפן באַקומען אַ מיליטערישע צוגרייטונג. דאָ האָט זיך אויך געפונען אַ מיליטערישער אָפּקלייב־צענטער, וואָס שטעלט צוזאַמען פאַרשיידענע מיליטערישע פאָרמאַציעס. די געדיכטע וועלדער האָבן געשיצט די מיליטערישע איינהייטן פון אַן אומגעריכטן אָנפאַל פון דער דייטשער אַוויאַציע.

מיר זענען אַלע געווען אין ביידלעך פון צווייגן. די ערשטע טעג איז מיט באַשפּייזונג געווען נישט שלעכט. שפּעטער איז אַלץ ערגער געוואָרן. דער פראָנט האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן און די טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן זענען באַגרענעצט געוואָרן.

יעדן טאָג האָבן מיר געלערנט, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט די פאַרשידנסטע קריגס־מכשירים. נאָך פיר וואָכן איז געקומען אַ באַפעל זיך צו לאָזן צו אַ פראָנט־ליניע. מיר זענען געפאָרן און נישט געוווסט וווּהין. צום עסן האָט מען אונדז מיטגעגעבן אַ מינימום. נאָך עטלעכע טעג האָבן מיר אָנגעהויבן פילן דעם הונגער. אונדזער טראַנספּאָרט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קליינער באַן־סטאַציע. פון דער ווייטנס האָבן מיר באַמערקט אַ קליינשטעטלדיקן מאַרק פול מיט מענטשן. עס האָט זיך אונדז געוואָרפן אין די אויגן דאָס גריבווארג. מיר לאָזן זיך לויפן צום מאַרק. אַ ביסל געלט איז נאָך געווען ביי יעדן איינעם. מ'האָט זיך איינגעקויפט וואָס מ'האָט נאָר געקאָנט. טייל פויערטעס האָבן נישט געוואָלט מען זאָל זיי באַצאָלן. צוריקקומענדיק טרעפן מיר שוין אָבער נישט אונדזער טראַנספּאָרט. מיר זענען פאַרבליבן אַ גרופּע פון 15 סאָלדאַטן. אַלע זענען מיר איבערגענומען מיט דער אומגעריכטער סיטואַציע. מיר האָבן זיך באַראַטן און באַשלאָסן זיך צו ווענדן צום נאַטשאַלניק פון דער באַן־סטאַציע. מיר האָבן אים געבעטן ער זאָל אונדז אָנווייזן אין וועלכער ריכטונג אונדזער טראַנספּאָרט איז אָפּגעפאָרן.

— אין דער ריכטונג פון סוכיניטשי האָט אונדז געענטפערט דער נאַטשאַלניק.

מיר האָבן געוואַרט ביז שפּעט ביינאַכט. אַן אָנקומענדיקער צוג האָט אונדז מיטגענומען. ווי גיך מיר זענען אָנגעקומען אויף דער סטאַציע סוכיניטשי, האָט אונדז אַרומגערינגלט אַ מיליטערישע וואַך.

— פון וואַנען קומט איר?

נאָכדעם ווי מיר האָבן איבערגעגעבן די סיבה פון אונדזער פאַרשפּעטיקונג, זענען מיר אָפּגעפירט געוואָרן צום מיליטערישן קאָמענדאַנט פון סוכיניטשי. קיין פריינטלעכע אויפנאַמע האָבן מיר ביי אים נישט געהאַט. לויט אים וואָלט אַן שאָדן אונדז יעדן איינעם געקומען אַ קויל... יעדער איינער פון אונדז ווערט באַזונדערס אויסגעפאָרשט. מיר איז אויסגעקומען צו זיין דער צוועלפטער. איך האָב דערציילט אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. ער האָט באַלד דערקענט פון מיין שלעכטן רוסיש, אַז איך בין נישט קיין רוס.

— איך בין פון דער זעלבער נאַציאָנאַליטעט — האָט ער מיר געזאָגט — נאָר קיין נאַציאָנאַלע סענטימענטן קאָן איך נישט נעמען אין באַטראַכט. מ'מוז האַנדלען לויט די קריגס־געזעצן, וואָס ווערן אָנגעווענדעט צו די, וועלכע דעזערטירן...

מ'האָט אונדז אָפּגעפירט אין אַ צייטווייליקן אַרעסט־צימער, ווו עס זענען שוין געווען עטלעכע אַרעסטירטע. מיר וואַרטן אויפן אורטייל. די שלאָפלאָזע נאַכט איז דורך מיט שרעק און מיט פאַר־דרוס אויף זיך אַליין.

אינדערפרי האָט מען אונדז אַלע אַרויסגערופן צום מילי־טערישן קאָמענדאַנט. מיר זענען געגאַנגען צו אים מיט שרעק אין די הערצער. מיר דערוויסן זיך אָבער, אַז די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז מיר האָבן פאַרלאָזט דעם טראַנספּאָרט בלויז צוליב דעם, וואָס מיר האָבן געוואָלט שטילן דעם הונגער.

— אייער שטראָף וועט זיין: איר וועט תיכף געשיקט ווערן

אויף דער ערשטער פראָנט־ליניע — האָט אונדז געמאָלדן דער קאָמענדאַנט.

מיר זענען באַפרייט געוואָרן. מיר האָבן באַקומען צוויי עמערס עסן. חוץ דעם האָט יעדער באַקומען אַ פעקל עסן אויפן וועג. מיר האָבן אָנגעהויבן דעם וועג אויף צופוס און אַזוי אָפּגעגאַנגען מער פון הונדערט קילאָמעטער. די באַפעלקערונג פון די קליינע שטעטלעך האָט אונדז אויפגענומען פריינטלעך. מיר האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט צו דער פראָנט־ליניע. אין דער געגנט פון מאָזשייסק־וויאַזמע, ווו עס געפינען זיך געדיכטע וועלדער, האָבן מיר געטראָפן אַ סך מיליטער. מ׳האָט אונדז צוגעטיילט צו אַ מיליטערישער איינהייט, וואָס האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צוצוגרייטן זיך צום פאַרטרעטן די געפאַלענע און פאַרוווּנדעטע אויף דער ערשטער פראָנט־ליניע. מיר זענען דאָ פאַרבליבן עטלעכע טעג. מיט באַשפּייזונג איז שווער געווען. מ׳האָט אונדז דערלויבט צו גיין אין די דערנעבנדיקע פעלדער זיך צו פאַרשאַפן קאַרטאָפל און אַנדערע גרינוואַרג.

ס׳איז געקומען דער טאָג ווען אַ גרופּע פון 120 סאָלדאַטן האָט געדאַרפט אַוועק אויף דער ערשטער פראָנט־ליניע. איך האָב זיך געפונען צווישן זיי. יעדער גייט אָפּנעמען זיין פּאַרציע עסן אויפן וועג. כ׳האָב געוואַרט אין דער ריי. דער אַרויסגעבער פונעם עסן, אַן עלטערער מענטש, רוימט מיר איין, אַז איך זאָל וואַרטן דער לעצטער.כ׳האָב געוואַרט און באַקומען אַ גרעסערע פּאַרציע.

— פאַרוואָס מאַכט איר פאַר מיר אַן אויסנאַם ? — האָב איך געפרעגט.

— כ׳האָב דערקענט אַז איר זענט א ייד... איך בין אויך א ייד — האָט ער מיר געזאָגט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער שטאַמט פון אַ קליין שטעטל לעבן מינסק, און מיר דערמאָנט, אַז ס׳איז פונקט... יום־כיפור.

— אין דעם זכות וועט איר בלייבן לעבן — האָט ער מיר געזאָגט. זיינע ווערטער האָבן מיך געשטאַרקט און געגעבן האָפענונג, אַז איך וועל טאַקע בלייבן צווישן די לעבעדיקע.

5. אויף דער פאָדערשטער פראָנט-ליניע

די נאַכט איז געווען אַ שטאָק־פינצטערע. מיר זענען געפאָרן מיט לאַסט־וועגענער. אויפן וועג האָבן זיך געהערט שיסערייען. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ וועלדל. עס הויבן זיך אָן באַווייזן סימנים פון אָנקומענדיקן טאָג. אַ יונגער לייטענאַנט, וועלכער האָט אונדז אויפגענומען, זאָגט אונדז צו, אַז ווי נאָר ס׳וועט ליכטיק ווערן, וועלן מיר באַקומען עסן און דערנאָך וועלן מיר פונאַנדערגעטיילט ווערן אויף פאַרשידענע פראָנט־פּאָזיציעס.

עס באַווייזט זיך די זון. עס ווערט אונדז וואַרעמער. די שטי־מונג איז אַ גוטע. חוץ עסן באַקומט יעדער איינער פון אונדז אַ פּאָרציע וואָדקע. מען טיילט יעדן צו צו זיין פּאָזיציע. איך, צוזאַמען מיט אַ יונגן אוזבעק, ווער צוגעטיילט צו אַן אויטאָמאַטישן קוילנ־וואַרפער.

מיר האָבן פאַרנומען אונדזערע פלעצער אין די גרובנס און געוואַרט אויף באַפעלן, וואָס זענען דירעקט געקומען דורך דעם ראַדיאָהילכער. מיטאַמאָל דערהערן מיר אַ שטאַרקע האַרמאַטן־שי־סעריי. מען באַוואַרפט אונדזערע פּאָזיציעס מיט סנאַריאַדן. מיר באַ־קומען אַ באַפעל צו ענטפערן. דער דועל פון פייער און שטאָל פילט אויס דעם גאַנצן רוים. ער שטעלט זיך אָפּ בלויז אויף געציילטע רגע׳ס. מיר פילן, אַז אויך מיר זענען אַ טייל פון די שיסנדיקע אויטאָ־מאַטן. אַזוי האָט עס געדויערט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט.

לויט דער נאָענטקייט פון די שיסערייען האָבן מיר געפילט, אַז דער שונא איז נישט ווייט פון אונדזערע פּאָזיציעס. פלוצלונג איז ווי אַ דונער מיט אַ בליץ צוזאַמען — אַ שפּליטער פון אַ האַרמאַטן־

באַמבע אַריינגעפאַלן אין מיין גרובן און געטראָפן אין קאָפּ פון מיין חבר, מיט וועלכן כ׳בין געשטאַנען ביים אויטאָמאַטישן קוילנוואַרפער. דער פיין צוליבן פלוצלונגן טויט פון מיין חבר ווערט דערשטיקט דורך דעם באַפעל צו פאַרשטאַרקן דאָס פייער. איך נעם איבער דעם פלאַץ פון דעם דערהרגעטן חבר, איך טו צוויי אַרבעטן.

מיטאָג־צייט איז געקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן וואָס שנעלער די פּאָזיציעס, ווייל דער שונא דערנענטערט זיך. איך בין אַרויס פון די גרובנס און דערזען ווענט פון פייער און רויך פון אַלע זייטן. איך ווייס נישט אין וועלכער ריכטונג איך זאָל אָפּטרעטן. איך פּרוווו זיך אָריענטירן לויט דעם, אין וועלכער ריכטונג מ׳האָט באַפוילן צו צילן דאָס פייער און לויף אין אַ פאַרקערטער זייט. איך לויף דורך אַ רויך־וואַנט. אַ האָגל פון שיסערייען קומט פוןביידע זייטן פראָנט־ליניעס. איך וואַרף זיך אויף דער ערד און קריך אויפן בויך, ביז איך באַמערק פונדערווייטנס אַן אַנטלויפנדיקע מאַסע און עטלעכע לאַסט־אויטאָס. איך דערשלעפּ זיך צו די אַנטלויפנדיקע און דערנאָך יאָג איך אָן אַ לאַסט־אויטאָ, אויף וועלכן מען פירט קעסלען און אַנדערע קיך־מכשירים. דער שאָפער הויבט אָן צו פאָרן מיט אַ גרויסער שנעלקייט כדי זיך אַרויסצורייסן פון דער אַרומרינגלונג. די ערד אויף די נאַקעטע פעלדער איז נישט קיין גלייכע. דאָס שנעלע פאָרן קומט אָן שווער. פאַרנדיק האָבן מיר געזען מאַסן טויטע רויט־אַרמייער. אַ סך אויך אין גסיסה־צושטאַנד. עס לויפן מענטשן, עס לויפן פערד. דאָס הירזשען פון די פערד מישט זיך אויס מיט די געשרייען פון די פאַרוואונדעטע רויטאַרמייער. דאָס אַלץ ווערט באַגלייט מיט שיסערייען און אויפרייסן, וואָס קומען פונעם שונא׳ס זייט.

אויף צומאָרגנס האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן הונגער. דעם פאַרגאַנגענעם טאָג האָב איך אויך נישט געהאַט געגעסן. איך הויב אָן צו זוכן אין לאַסט־אויטאָ און געפין גאָרנישט. איך קוק אַריין אין די קיך־קעסלען און באַמערק פאַרטריקנטע רעשטלעך פון די געקאָכטע עסנס. צוליבן באַפעל זיך וואָס שנעלער צוריקצוציען האָבן די קוכערס נישט באַוויזן אויסצוואַשן די קעסלען. דאָס פאַרטריקנטע

איבערבלייבעכץ איז געוואָרן פאַר מיר א טייערער שפּייז־רעזערוו אין משך פון די דריי טעג, וואָס מיר האָבן אַרומגעוואַנדערט מיטן אויטאָ.

מיר זוכן ווייטער א וועג. מיר רעכענען אַרויסצורייסן זיך פון דער בלאָקאַדע דורך וואַלד־וועגן. מיר ווערן באַגעגנט מיט א שטאַר־קער שיסעריי. מיר שטעלן זיך אָפּ נישט ווייט פון ראַנד וואַלד און שיצן זיך אונטערן אויטאָ. ליגנדיק דערזעען מיר, ווי עס באַוועגט זיך פון דער ווייטנס א מאַסע מיליטער. איך הויב אָן לויפן און פאַר־אייניק זיך מיט דער מאַסע. מיר זענען צוגעקומען צו אַן אָרט, ווו ס׳זענען געווען פאַרזאַמלט אַ סך סאָלדאַטן. פּלוצלונג הער איך ווי איינער רופט אויס מיט אַן ענערגישער שטימע: „חברים רויטאַר־מייער! ווו לויפט איר? איר וועט דאָך אַלע אַריינפאַלן אין די הענט פון שונא!" ער רופט מען זאָל זיך נישט לאָזן באַהערשן פון קיין פּאַ־ניק, מ׳זאָל פּרווון זיך דורכרייסן דורך די פראָנט־ליניעס איידער אַריינפאַלן צו די פאַשיסטן אין געפאַנגענשאַפט, ווו עס וואַרט א זיכערער טויט. דורכרייסנדיק זיך פון דער אַרומרינגלונג איז פאַ־ראַן אַ האָפענונג צו בלייבן לעבן און צו קעמפן קעגן פאַשיסטישן שונא. ער האָט דורכן הילכער פיל מאָל איבערגעחזרט די דאָזיקע ווערטער.

אונטער דער אָנפירונג פון א סערזשאַנט האָבן מיר אָנגעהויבן אונדזער מאַרש. מיר האָבן געמוזט זיך פונאַנדערטיילן אין גרופּן. צוליב דער שטאַרקער שיסעריי, וואָס איז געקומען פון אַלע זייטן, האָבן מיר אָפט זיך געוואָרפן אויף דער ערד. קריכנדיק אויף די בייכער האָבן מיר געמאַכט עטלעכע הונדערט מעטער, ביז מיר זענען אָנגעקומען אין א דאָרף. מיר זענען אַריין אין די פּויערישע כאַטעס און נישט געטראָפן קיין לעבעדיקן נפש. אַלע זענען אַנטלאָפן אין די נאָענטע וועלדער. אויך די בהמות האָט מען מיטגענומען מיט זיך. מיר זענען געווען גליקלעך, וואָס מיר וועלן זיך קענען אויסרוען אין די אויסגעליידיקטע וווינונגען. דאָס גליק האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אַן אומגעריכטער שטורעם פון מינעס־וואַרפער וועקט

אונדז אויף פון פאַרמאַטערטן שלאָף. די מינעס פליען איבער די דעכער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד פאַלן זיי אַריין אין די הייזער.

דער שטורעם פון די מינעס האָט זיך איינגעשטילט. מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרזיכטיק אַרויסצוגיין פון די הייזער. צו אונדז איז דעמאָלט דערגאַנגען א הילכיקער רוף אין רוסיש און דייטש, אַז די רוסישע סאָלדאַטן און אָפיצירן זאָלן זיך אונטערגעבן און מען וועט זיי קיין שלעכטס נישט טאָן. פאַרקערט, מ'וועט אונדז ראַטעווען דאָס לעבן...

מיר זענען באַהערשט געוואָרן פון פאַרצווייפלונג. צווישן די יידישע רויטאַרמייער איז גרויס די שרעק. מיר האָבן שוין געוווסט, אַז ווי נאָר די דייטשן געפינען יידן צווישן די געפאַנגענע, טיילט מען זיי אָפּ און מען דערמאָרדעט זיי.

6. אין דער היטלערישער געפאַנגענשאַפט

א טייל פון די סאָוויעטישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דאָרף, האָט זיך געלאָזט באַווירקן פון דער דייטשער פראָפּאַגאַנדע און איז אַוועק אין דער ריכטונג, פון וואַנען ס'זענען געקומען די רופן זיך אונטערצוגעבן. די איבעריקע, צוזאַמען מיט דער קליינער גרופּע יידן, זענען אַוועק אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. מיר זענען צוגעקומען צו א וועלדל. דאָרט האָבן זיך שוין נישט געהערט קיין שיסערייען. מיר האָבן געהאָפט, אַז פון דאַנען וועט מען קאָנען גרייכן צו דער צווייטער זייט פראָנט. אייניקע פון אונדז זענען אַוועק אין אויסשפּיר. זיי האָט באַגעגנט א שיסעריי. זיי זענען אומגעקומען. מיר זענען פאַרבליבן אין וועלדל און דאָ געוואַרט, אַז די שיסערייען זאָלן זיך אָפּשטעלן. פּלוצלונג האָבן זיך באַוויזן דייטשע סאָלדאַטן. מ'האָט אונדז אַרומגערינגלט און באַפוילן אויפצוהויבן די הענט אין דער הויך. דערביי האָבן זיי געזידלט און אָנגעזאָגט, אַז מיר וועלן אַלע גיין קאַפּוט. מ'האָט אונדז געבראַכט אויף אַ זאַמל־פּונקט, ווו ס'האָט זיך שוין געפונען א גרויסע מאַסע געפאַנגענע. פון זייערע בלאַסע, פאַרוואַקסענע געזיכטער איז קענטיק געווען, אַז זיי זענען דורכגעגאַנגען פּייניקונגען. א גאַנצע נאַכט זענען מיר פאַרבליבן אויף א פעלד. מיר זענען הונגעריק געווען. ס'איז אונדז קאַלט, מיר פאַרגעסן אָבער אין דער קעלט און הונגער. מיר פילן וואָס פאַר אַ געפאַרן עס דראָען אונדזער לעבן. די גאַנצע נאַכט, וואָס מיר זענען געשטאַנען אויפן פעלד, האָט קיין איינער פון אונדז נישט אויסגעמיטן צו קריגן קלעפּ. מיר האָבן באַלד פון אָנהויב דערפילט דעם חיה'שן סאַדיזם פון די היטלעריסטן.

אונדז איז נישט דערלויבט געווען אַוועקצולייגן זיך אויף דער

ערד. מיר האָבן זיך געדרייט הין און צוריק, ווי מיר וואָלטן געווען חיות אין א שטייג, וואָס זוכן זיך אַרויסצוקריגן אויף דער פריי. פּלוצלונג דערזע איך, ווי א רויט־אַרמייער, שוין נישט קיין יונגער, א פאַרמאַטערטער, לייגט זיך אַוועק אויף דער ערד אָפּצורוען. א דייטשער סאָלדאַט איז צו אים צו און באַפוילן ער זאָל אויפשטיין. דער פאַרמאַטערטער סאָלדאַט איז באַלד נישט אויפגעשטאַנען. דער דייטשער סאָלדאַט האָט אים מיט זיין אויטאָמאַטישן געווער דערשאָסן. צו דעם האָט זיך צוגעקוקט אַן אַנדער רויטאַרמייער, א יונגער, א הויכער, מיט אַ צאָרנדיק פּנים. ער איז שנעל צוגעגאַנגען הינטער דעם דייטש, אים אָנגעכאַפּט פאַר די פיס, אומגעוואָרפן, צוגעדריקט אים צו דער ערד און מיטן דייטשס אויטאָמאַטישן געווער אים דערשאָסן. עס זענען באַלד אָנגעקומען דייטשע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אונדז געהיט און דערשאָסן דעם יונגן נקמה־נעמער צוזאַמען מיט אַנדערע, וואָס זענען געשטאַנען לעבן אים. אויף צומאָרגנס אין דער פרי האָט מען אָנגעהויבן אונדז טרייבן ווי אַ סטאַדע בהמות. דער וועג איז אַ ברייטער. מיר זענען באַוואַכט פון אַלע זייטן. נאָך אונדז פאָרן הינטער אויף מאָטאָציקלען, ס׳זאָל עמעצער נישט קאָנען אַנטלויפן. מיר זענען א לאַנגע קאָלאָנע געפאַנגענע, אפשר טויזנטער. מיר ווייסן נישט וווהין מען פירט אונדז. מיר טרעפן אויפן וועג דערפער מיט פאַרברענטע הייזער, אויסגעליידיקטע פון מענטשן. ערטערווייז זעט מען נאָר פלאַמען, וואָלקנס רויך.

עס האָט אָנגעהויבן פאַלן א שניי. דער הונגער און די מידקייט איז דערגאַנגען ביז צו דער לעצטער גרענעץ. כ׳האָב דערזען ביים ראַנד וועג אַן אויסגעברענט הויז. די קיך איז אָבער נישט געווען אינגאַנצן פאַרברענט. איך טראַכט נישט לאַנג, נוץ אויס די געלעגנהייט, וואָס דער שניי פאַלט שטאַרקער, און לויף אַריין אין דער קיך פון פאַרברענטן הויז. איך הויב אָן זוכן און דערזע הינטערן אויוון אַן עפענונג. איך קריך אַריין אַהין און געפין קאַרטאָפל. אַ טייל איז געווען אָפּגעבראָטן פון דעם פייער, ווען דאָס הויז האָט געברענט. איך פיל שנעל אָן מיין מיליטעריש זעקל מיט קאַרטאָפל. איך האָב

שוין א רעזערוו פון שפייז. נישט טראַכטנדיק וועגן דער טויט־גע־פאַר, לויף איך צוריק אין דער קאָלאָנע, וואָס האָט זיך געצויגן גאַנצע קילאָמעטערס. איך שליס זיך פאַרזיכטיק אָן אין איר, נישט באַמערקט צו ווערן דורך די וואַך־מאָטאָציקליסטן.

מיר זענען שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ שפּאָר ביסל קילאָמע־טערס, ווי עס האָבן זיך דערהערט שאָסן פון דער קאָלאָנע גופא. די שאָסן האָבן זיך דערנענטערט צוזאַמען מיט די אָנפליענדיקע מאָטאָ־ציקליסטן. איך הער ווי זיי ציילן ביז צען. יעדער צענטער ווערט דערשאָסן. עס קומט דאָס ציילן צו מיין ריי. איך בין דער אַכטער. דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל נישט זיין דער צענטער...

די אָפּהילכן פון שאָסן זענען דערנאָך געקומען פון די פאָ־דערשטע רייען פון דער קאָלאָנע. מיר גייען פאַרביי דערשאָסענע רויט־אַרמייער, וואָס האָבן נאָך דאָ נישט לאַנג געלעבט. מען טרייבט אונדז ווייטער דורך אַ וועג ווו ס׳איז קענטיק, אַז דאָ זענען געווען גאַסן. מיר זעען סקעלעטן פון אויסגעברענטע הייזער, פון פאַבריקן. דאָ איז געווען א שטאָט. ס׳איז פאַרבליבן די אויפשריפט: דאָראָ־גאָבוזש. קיין מענטשן זעט מען נישט. בלויז אַ פאַרבלאָנדזשעטע קאַץ, א הונט, וואָס זוכט די בעלי־בתים און זייערע היימען.

מען האָט אונדז אַריינגעטריבן אין אַ געוועזענע סאָוויעטיש־מלוכהשע לאַנדווירטשאַפט נישט ווייט פון דער פאַרברענטער שטאָט. דאָרט זענען געווען שטייענדיקע וואַסערן פאַר פיש־צוכט. ווען מיר האָבן דערזען די שווימענדיקע פיש, זענען מיר מונטערער געוואָרן, האָפנדיק, אַז מיר וועלן דאָ קאָנען שטילן דעם הונגער. עס איז אָבער באַלד געקומען א וואָרענונג, אַז ווער פון די געפאַנגענע עס וועט זיך דערנענטערן צום וואַסער, וועט גלייך דערשאָסן ווערן. די דייטשע היטער האָבן אונדז דערנאָך צוגעטריבן צום וואַסער, כדי צו רייצן אונדזער פאַרלאַנג צו שטילן דעם הונגער און דורשט.

מיר זענען ווייטער געבליבן אונטערן פרייען הימל, ביז ס׳איז געקומען א פאַראָרדענונג, אַז א טייל פון אונדז זאָל גיין אין די פעלדער צוזאַמענעמען די דערהרגעטע פערד און זיי ברענגען אין

די צייטווייליק־איינגעאָרדנטע קיכן פאַר געפאַנגענע. מיר האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד ביז דאָס עסן איז פאַרטיק געוואָרן און מיר האָבן באַקומען אַביסל וואַסערדיקע זופּ, אין וועלכער ס׳זענען אַרומגעשווומען קערנער פון קאָרן מיט א פערדישן ביין. צום באַ־קומען דעם דאָזיקן ביסל עסן, האָט מען געמוזט וואַרטן אין די רייען לאַנגע שעהן. די לעצטע רייען האָבן געמוזט וואַרטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ס׳זענען געווען פאַלן, ווען די וואָס האָבן זיך נישט גע־קאָנט דערוואַרטן אויפן ביסל זופּ, זענען געלאָפן שטילן זייער דורשט און הונגער צום וואַסער און זענען דערשאָסן געוואָרן.

געווען איז אַ פינצטערע נאַכט. מען זעט נישט איינער דעם צווייטן. מען זוכט א שטיקל אָרט, ווו זיך אַוועקצולייגן, אויסרוען זיך פון דעם פאַרמאַטערנדיקן וועג. מען געפינט אַ שטיקל אייזן צום גראָבן פלאַכע גריבער. מען לייגט זיך אַריין צו צוויי, כדי ס׳זאָל אונדז זיין וואַרעמער. מען דעקט זיך צו מיטן בלעטער־אָפּפאַל פוןביימער. איך ליג אין אַזאַ פלאַכן גרוב מיט נאָך צוויי געפאַנגענע. צוקאָפּנס האַלט איך די רעשטן פון מיין קאַרטאָפל־רעזערוו. איך שלאָף איבער די נאַכט, כאַפּ זיך אויף און דערזע, אַז אונטערן קאָפּ איז ליידיק. נישטאָ מיין קאַרטאָפל־רעזערוו...

איך בין אַוועק צו דער מאַסע געפאַנגענע. אויף זייערע געזיכ־טער דערקענט מען די שלאָפלאָזיקייט און פאַרמאַטערטקייט. יעדער זוכט מיט די אויגן עפּעס וואָס פאַרן אויסגעליידיקטן אויסגעהונ־גערטן מאָגן. מיר באַמערקן א פערד, וואָס שלעפּט א גרויסן מילי־טערישן וואָגן, פול מיט קאַרטאָפל. עס באַווייזט זיך אַ שטראַל פון האָפענונג. אפשר וועלן מיר אויך געניסן פון די קאַרטאָפל?

דער וואָגן איז געווען באַוואַכט דורך צוויי באַוואָפנטע דייטשן. נישט קוקנדיק אויף דעם האָבן צוויי געפאַנגענע זיך פאַרגנבעט, אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן כדי צו נעמען עטלעכע קאַרטאָפל. די דייטשע היטערס האָבן זיי באַמערקט און גלייך געשאָסן. די געפאַנ־גענע זענען געבליבן הענגען אויפן וואָגן מיט קאַרטאָפל אין די פויסטן.

7. איך פרוּוו אַנטלויפן

איך האָב אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבערן לאַגער, נישט וויסנ־דיק צוליב וואָס און ווען. פון דער וויטנס האָב איך געזען די דראָט־פאַרצוימונג, געהיט דורך א דייטשן וואך־פּאָסטן. אין דער פאַרצוי־מונג איז געווען אַן אַרויסגאַנג. דאָרט איז אויך געשטאַנען אַ וואַך. אַרום אַרויסגאַנג האָבן זיך געזאַמלט פאַרוווּנדעטע רויט־אַרמייער. ביי א טייל פון זיי האָט מען געקאָנט זען אָפענע ווונדן, ביי אַנדערע זענען געווען באַנדאַזשן אויף די פיס, הענט, קעפּ. זיי אַלע האָבן געוואַרט מען זאָל זיי אַרויספירן אויף דער צווייטער זייט, ווו ס'האָט זיך געפונען א סאַניטאַרע אָפּטיילונג. איך הויב אָן זוכן אַ באַנדאַזש און געפין אויף דער ערד אַ פאַרבלוטיקט שטיקל לייוונט. איך וויקל אַרום מיין געזונטע האַנט און דערנענטער זיך צו אַ רויט־אַרמייער מיט א פאַרוווּנדעטן, באַנדאַזשירטן פוס. איך נעם אים אונטערן אָרעם, פיר אים צו צום טויער און ווייז דעם היטער אויף אונדזערע ביידנס ווונדן און זאָג דערביי: „קראַנק, דאָקטאָר...״ מען לאָזט אונדז דורך און מיר גייען צו דער סאַניטאַר־אָפּטיילונג. איך וואַרט ביז עס דערגייט די ריי פון דעם רויט־אַרמייער מיטן פאַרוווּנדעטן פוס. דעמלט הויב איך אָן זיך אַרומצוקוקן. דער וועג איז פריי, נישטאָ קיין פאַרצוימונג. כ'האָב זיך געלאָזט גיין פּאָרויס. פון דער וויטנס זעט מען ווי עס מיניען זיך פייערלעך. הייסט עס, אַז דאָרט זענען פאַראַן הייזקעס מיט מענטשן. עס ווילט זיך מיר קוים גלויבן, אַז איך בין נישט מער אין געפאַנגענשאַפט. איך הויב אָן האָפן, אַז מיר וועט זיך איינגעבן אַרויסצורייסן פון די נעגל פון טויט.

איך בין געגאַנגען צו אַ קליינעם דאָרף. איך קלאַפּ אָן אין דער

טיר פון ערשטן הויז. אַן עלטערע פרוי עפנט די טיר און פרעגט וואָס איך פאַרלאַנג.

— איך בין פאַרמאַטערט און הונגעריק...

זי האָט מיך אַריינגעלאָזט אין הויז, געגעבן אָפּצועסן, דער־מוטיקט נישט צו פאַרלירן די האָפענונג. אָבער איך קאָן דאָ ביי איר נישט זיין. די דייטשן קומען זוכן אַנטלאָפענע געפאַנגענע. איר עצה איז געווען איך זאָל גיין צום סוף פון דאָרף, ווו עס געפינט זיך אַ קאָלכאָז־באַד און ווו עס באַהאַלטן זיך שוין אויס אייניקע אַנטלאָפענע פון געפאַנגען־לאַגער.

איך בין אַוועק אויפן אָנגעוויזענעם אָרט. כ׳האָב דאָרט גע־טראָפן רויט־אַרמייער, אַנטלאָפענע פון לאַגער. זיי האָבן געהאַלטן אין מיטן צוגרייטן אַן אָוונט־עסן.

— דיעדושקאָ, קום צו נעענטער, וועסט עסן צוזאַמען מיט אונדז — זאָגן זיי צו מיר.

דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געווען יונגע בחורים. מ׳האָט זיך דערציילט אַנעקדאָטן. די שטימונג איז געווען אַ מונטערע. ביים לייגן זיך שלאָפן האָט מען זיך צוזאַמענגעדריקט אויף דער נאַקעטער, צעמענטענער פּאָדלאָגע, כדי ס׳זאָל זיין פּלאַץ פאַר אַלעמען. פאַרן איינשלאָפן האָט מען זיך נאָך דערציילט וואָס ס׳איז פאַרלאָפן בעתן אַנטלויפן. אינדערפרי, אויסגערוטע האָבן מיר אָנגעהויבן זיך גרייטן אין וועג. יעדער איינער פּלאַנירט ווו צו גיין. דער גרעסטער טייל שטאַמט פון דער דאָזיקער געגנט. אַנדערע האָבן ערגעץ־ווו נישט ווייט קרובים, באַקאַנטע. זיי קענען אַלע וועגן און הינטער־וועגן, וואָס פירן צו זייערע היימען. איך איינער, דער איינציקער ייד, בין געבליבן דער לעצטער פון דער גרופּע. איך האָב דאָ נישט קיין היים, נישט קיין משפחה. וווהין זאָל איך גיין?

איך בין געבליבן שטיין אויף אַ וועג, וואָס צעגייט זיך אין פאַר־שידענע ריכטונגען. איין ריכטונג איז אויף מינסק. איך מוז זען מיין פרוי, מיין קינד, מיין שוועסטער. איך ווייס גאָרנישט וועגן זיי. צי האָבן זיי געהאַט צייט צו אַנטלויפן פון מינסק, איידער די

דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט? איך באַשליס זיך צו לאָזן אין דער ריכטונג, וואָס פירט קיין מינסק, כאָטש דער וועג איז אַ לאַנגער און געפאַרפולער. איך פאַרנעם זיך מיט וואַלדיקע קליינע וועגן. איך מייד אויס אַפילו אין וואַלד הויפּט־וועגן.

ס׳איז אָנגעקומען דער אָוונט. כ׳האָב נישט אָנגעטראָפן אויף קיין ישוב, בין איך געבליבן נעכטיקן אין וואַלד. צווישן קליינע יונגע ביימלעך האָב איך זיך צוזאַמענגעדריקט, כדי אָנצוואַרעמען זיך מיטן אייגענעם אָטעם. פאַרטאָג לאָז איך זיך ווייטער אין וועג. פון דער ווייטנס דערזע איך אַ מענטש. כ׳האָב אָנגעהויבן לויפן און דעריאָגט אים. ער האָט אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ און מיט טריבע בליקן געפרעגט ווער איך בין.

— אַן אַנטלאָפענער פון געפאַנגענשאַפט, איך וויל דערגיין קיין מינסק — האָב איך אים געזאָגט.

— דאַרפסט זיך פאַר מיר נישט שרעקן — איך בין אויך אַ געוועזענער געפאַנגענער — האָט ער מיר געענטפערט.

צוזאַמען זענען מיר אַוועק מיט וואַלדיקע סטעזשקעס. ער האָט אַביסל געקענט די געגנט. מיר זענען געווען נישט ווייט פון סמאָלענסק. די שטאָט מוזן מיר אויסמיידן. גיין דאַרפן מיר בלויז מיט זייטיקע וועגן.

מיין וועג־חבר האָט אַרויסגענומען פון זיין רוק־זאַק אַ שטיק שוואַרצן ברויט און זיך געטיילט מיט מיר. מיר האָבן זיך דערציילט ווי אַזוי יעדערן פון אונדז איז געלונגען צו אַנטלויפן. ער האָט אויסגענוצט אַ מאָמענט ווען דער דייטשער וואַכמאַן האָט אָנגעצונדן אַ פּאַפּיראָס, האָט ער אָנגעהויבן לויפן צו אַ דערנעבנדיקן וועלדל. מ׳האָט נאָכגעשאָסן און די קוילן האָבן אים נישט געטראָפן. אַ גאַנצע נאַכט איז ער פאַרבליבן אין וואַלד.

— פון דער צווייטער זייט, הינטער סמאָלענסק איז פאַראַן אַ קאָלכאָז, וווּ עס וווינען מיינע עלטערן. איך וויל דערגיין צו זיי. איז געווען זיין פּלאַן.

אין די וועלדער

אין מיין אויסשפּראַך האָט ער דערקענט, אַז איך בין נישט קיין רוס, האָט ער מיר געפרעגט צו וואָסער נאַציאָנאַליטעט איך געהער. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ ייד. דעמאָלט האָט ער מיר דערציילט, אַז די לעצטע טעג אין געפאַנגען־לאַגער האָט ער געזען, ווי די דייטשן האָבן צוזאַמענגענומען אַלע יידישע געפאַנגענע און געפייניקט זיי ביז צום טויט. ער האָט מיר דערציילט, אַז די דייטשן האָבן אויך געמאָרדעט רוסישע געפאַנגענע, אָבער לגבי די יידן האָבן זיי באַנוצט ספּעציעלע סאַדיסטישע מיטלען. „פאַר־וואָס טוען זיי עס? פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ מין רציחה?!

כ׳האָב געפּרוווט מיט מיין שוואַכן רוסיש, האַלב אויף פּויליש, אים דערציילן וואָס אַזוינס עס איז דער פאַשיזם, דער היטלעריזם און פאַרוואָס ווענדן זיי זייער ווילדן האַס קודם־כל לגבי די יידן, אָבער אויך קעגן די סלאַווישע פעלקער, וועלכע זיי ווילן פאַרוואַנד־לען אין שקלאַפן. מיין וועג־חבר האָט מיך פאַרשטאַנען און בלויז מיט איינציקע ווערטער אויסגעדריקט זיין זיכערקייט, אַז די היטלעריסטן וועלן מוזן האָבן אַ וויסטן סוף. „מיר וועלן נאָך באַווייזן וואָס מיר קאָנען ...״

8. ...און פאַל ווידער אַריין

מיר זענען אַריין אין אַ וועלדל, וואָס האָט געזאָלט אונדז דער־מעגלעכן פאַרבייצוגיין סמאָלענסק. פּלוצלונג האָבן מיר דער־הערט אויסגעשרייען „פאַרפלוכטע רוסן! שטיין בלייבן!" אַ גרופּע דייטשן האָבן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן אונדז אַרומגערינגלט.

— פון וואַנען קומט איר?!

איך מאַך זיך נישט פאַרשטיין. זיי דערנענטערן זיך צו אונדז, קוקן מיט רוצחישע אויגן און הויבן אָן צו שלאָגן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן. מיט ווילדע געשרייען גיבן זיי אונדז צו וויסן, אַז זיי וועלן זיך נישט שפּילן מיט אונדז, אַז מיר וועלן דערשאָסן ווערן.

דערווייל האַלטן זיי אונדז אין וועלדל. דאָרט געפינט זיך אַ גרויסער לאַגער פון געווער, און די וואָס האָבן אונדז פאַרהאַלטן, יונגע דייטשן, זענען די היטערס. פאַרנאַכט איז אָנגעקומען אַ מיליטערישער לאַסט־אויטאָ. מ'האָט אונדז אַרויפגעטריבן אויף אים. געבראַכט האָט מען אונדז אין אַ לאַגער, ווו ס'האָבן זיך געפונען פיל געפאַנגענע. מיר זענען אָפּגעזונדערט געוואָרן אין אַ ווינקל, וואָס איז אַרומגעצוימט געוואָרן מיט שטעכל־דראָטן.

באַלד איז אָנגעקומען דער לאַגער־קאָמענדאַנט. פון רציחהדיקן פּנים האָט מען געקאָנט דערקענען, וואָס עס דערוואַרט אונדז. ער האָט מיט זיך געבראַכט אַ „דאָלמעטשער", אַ רוסישן געפאַנגענעם. דער ערשטער בין איך געווען.

— פון וואָסער נאַציאָנאַליטעט ביסטו? — האָט געפרעגט דער דאָלמעטשער אין רוסיש.

—אַ ווייסרוס, האָב איך געענטפערט.

אין די וועלדער

דער דאַלמעטשער האָט דערקענט פון מיינע ענטפערס, אַז איך בין נישט קיין ווייסרוס און זאָגט מיר, אַז איך בין אַ ייד. כ'האָב עס באַשטעטיקט.

זיי האָבן אָנגעהויבן די אויספאָרשונג פון מיין וועג־חבר. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ געוועזענער אַרעסטאַנט, אַז ער איז אַנטלאָפן פון אַ רוסישער תפיסה און געוואָלט גיין צו זיינע עלטערן, וואָס וווינען אין אַ קאָלכאָז נישט ווייט פון סמאָלענסק. נאָך דער אויספאָרשונג האָב איך זיך צוגעהערט, ווי דער קאָמענדאַנט האָט געזאָגט צום איבערזעצער, אַז דעם יודע וועט מען מאָרגן פרי ליק־ווידירן און דעם רוסישן געפאַנגענעם וועט מען צוטיילן צו אַן אַרבעטס־גרופּע אין לאַגער.

איך בין געבליבן אין דעם פאַרצוימטן אָרט, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ שטייג און געטראַכט וועגן מאָרגן, וואָס וועט ברענגען אַ סוף צו מיין לעבן. צו דעם אַלעמען האָבן פאַרבייגייענדיקע גע־פאַנגענע אונדז פאַרזיכערט, אַז פון דאַנען גייט מען שוין נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. און אַזוי ווי ס'איז אַלץ איינס, ווי אַזוי מען איז אָנגעטאָן נאָכן טויט, לייגן זיי אונדז פאָר מיר זאָלן זיך טוישן מיט זייערע מלבושים און שיך, וואָס זענען ביי זיי צעריסן.

ס'איז געקומען די נאַכט. אין לאַגער איז פינצטער. אויך מיינע מחשבות זענען פינצטערע. עס גייט מיר דורך אַ געדאַנק, אַז ס'וואָלט מיר לייכטער געווען דער טויט, ווען עמיצער פון מיינע באַקאַנטע וואָלט כאָטש געוווסט וווּ און ווי אַזוי איך בין אומגעקומען. פאַר די אויגן איז מיר געשטאַנען דאָס בילד פון מיין פרוי הענלאַ מיט מיין זונעלע נאַטאַן און מיין שוועסטער חנה. כ'האָב דערזען דאָס פאַרוויינ־טע פּנים פון מיין פרוי ווען מיר האָבן זיך געזעגנט און מיר זענען געשטאַנען אַרומגענומען. ס'האָבן זיך דערמאָנט די יאָרן פון אונדזער געטריישאַפט און אינטימען צוזאַמענלעבן. עס זענען אויפגעקומען די גליקלעכע מאָמענטן פון געבורט פון אונדזער נאַטאַנען, פון

קאָנען שטעלן זײַנע ערשטע טריט ביז ער איז געוואָרן אַ מענטשעלע און אָנגעהויבן שטאַמלען די ערשטע ווערטער פּאַפּאַ, מאַמאַ.

מײַן טראַכטן האָט איבערגעריסן אַ ממש ספּאַזמאַטישער געוויין פון מײַן רוסישן חבר. ער ווייסט, זאָגט ער, אַז מען וועט אים דערשיסן צוזאַמען מיט מיר. איך פּרוּוו אים טרייסטן:

— וועסט בלײַבן לעבן, ביסט דאָך נישט קיין ייִד.

איך בעט בײַ אים, אַז ער זאָל מיר טאָן די טובה און פאַרגעדענקען דעם אַדרעס פון מײַן פרויס ברודער, וועלכער וווינט אין נאָוואָסיבירסק, און אים צוויסן געבן, וואָס מיט מיר איז געשען. ער זאָגט מיר צו און איך זע ווי דורך דעם שטאַרקט זיך בײַ אים די האָפענונג, אַז ער וועט ווירקלעך בלײַבן לעבן.

אינדערפרי זענען די געפאַנגענע אַרויס פון די באַראַקן. פּלוצלונג איז צו אונדזער שטײַג צוגעקומען אַ לאַגער־אָרדנער, אויפגעשלאָסן די טיר, מיך אַרויסגעשלעפּט דעם ערשטן און געהייסן גיין מיט די געפאַנגענע, וואָס אײַלן זיך צו באַקומען די וואַסערדיקע פּאָרציע זופּ. איך האָב נישט געקאָנט צוזאַמענגעמען די געדאַנקען און אויך דערנאָך נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס עס איז פאָרגעקומען. שפּעטער בין איך געקומען צום אויספיר, אַז זיי האָבן זיך טועה געווען, זיי האָבן מסתמא געדאַרפט אַרויסרופן מײַן חבר, דעם רוסישן געפאַנגענעם. ער האָט געזאָלט גיין צו דער אַרבעט. ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן איז דער רוסישער געפאַנגענער אויך געבליבן לעבן. איך האָב שפּעטער אים באַגעגנט.

אין הויף פון לאַגער האָב איך געפונען אַ ליידיקן זאַק פון קאַרטאָפל. כ׳האָב זיך אײַנגעוויקלט אין אים און געשיצט זיך קעגן פאַלנדיקן שניי. גלײַכצײַטיק האָב איך מיט אים פאַרדעקט דאָס פּנים, כדי נישט דערקענט צו ווערן פון די לאַגער־אויפזעער. איך האָב אויך געפונען אַן אויסגעליידיקטע קאָנסערוון־פּושקע און זיך געלאָזט מיט אַלע געפאַנגענע צום באַקומען די פּאָרציע זופּ. עס זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַרבעטס־גרופּן. איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו אַ גרופּע פון 10 געפאַנגענע. אונטער אַ שטרענגער וואַך

האָט מען אונדז געטריבן אין אַ נאָענטן וואַלד. אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין לייגן אויסגעהאַקטע ביימער אויפן בלאָטיקן באָדן, וואָס האָט געפירט צו דער באַן־סטאַציע. דעם גאַנצן טאָג זענען מיר געווען אויף דער קעלט, אָן עסן. ווי נאָר עמעצער האָט געוואָלט אָפּטעמען פון דער שווערער אַרבעט, האָט מען אים געשלאָגן. נאָכן שווערן טאָג אַרבעט, ווערן מיר צוריק געטריבן אין לאַגער. מיר לויפן נאָך דער וואַסערדיקער זופּ און גייען אין די באַראַקן — געוועזענע שטאַלן פאַר פערד, ווו מ׳האָט איינגעאָרדנט נאַרעס פון ברעטער. מיר האָבן געמוזט ליגן בלויז אויף דער זייט, ענג צוזאַמענגעדרענגט, ווייל ס׳איז נישט געווען גענוג פּלאַץ פאַר אַלע־מען.

קוים וואָס מיר זענען איינגעשלאָפן, ווי עס האָבן זיך דער־הערט באַפעלן פון די לאַגער־אויפזעער, אַז מיר זאָלן אַלע אַרויס אין הויף. עס האָבן שוין געוואַרט לאַסט־וועגענער, מיט וועלכע מ׳האָט אונדז אַוועקגעפירט צו דער באַן־סטאַציע. דאָרט איז געשטאַנען אַ גרויסער טראַנספּאָרט מיט סנאַריאַדן פאַר ווייט־שיסנדיקע האַר־מאַטן. מיר האָבן געמוזט איבערטראָגן שווערע משאות אויף די לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן געדאַרפט אַוועקגיין צום פראָנט. יעדער געפאַנ־גענער האָט אַליין געדאַרפט איבערטראָגן אַ סנאַריאַד, וואָס האָט געוואויגן מער פון 50 קילאָ. אַ סך פון די געפאַנגענע זענען געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט, אַנדערע זענען קראַנק געווען און זענען גע־פאַלן מיט דער שווערער מאַסע. די געפאַלענע האָבן די דייטשן ברוטאַל געשלאָגן. נישט איינער איז געבליבן ליגן און האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט אויפהויבן.

מ׳האָט אונדז צוריקגעבראַכט אין לאַגער. מיר האָבן שוין נישט געקאָנט איינשלאָפן. מיטן אָנקומענדיקן טאָג האָט מען אונדז ווידער אַרויסגעטריבן צו דער אַרבעט אין וואַלד, ווו מיר זענען גע־ווען אַ גרופּע פון 15 געפאַנגענע.

אין איינעם אַ טאָג זענען מיר, אַ גרופּע געפאַנגענע, געשיקט

געוואָרן צו דער באַן־סטאַציע אויסצולאָדן אַ טראַנספּאָרט קאָלדרעס פאַר דער דייטשער אַרמיי. פון דער ווייטנס זענען געשטאַנען פּויער־טעס. ס'איז זיי נישט דערלויבט געווען זיך צו דערנענטערן צו אונדז. זיי האָבן אָפּגעוואַרט אַ רגע, ווען די דייטשע היטערס האָבן נישט געזען, און צוגעוואָרפן אונדז שטיקער ברויט און אַנדערע עסנוואַרג. מיר האָבן דערמיט געקאָנט אַביסל שטילן דעם הונגער. אינמיטן דער אַרבעט דערזע איך פּלוצלונג, ביי אַ צווייטן וואַגאָן, דעם רויט־אַרמייער, וועלכער איז געווען פאַרשפּאַרט מיט מיר אין לאַגער. קוקנדיק אויף אים איז צו מיר געקומען די האָפענונג, אַז אויך איך קאָן אפשר בלייבן לעבן.

איך האָב זיך דערנעענטערט צו אים. ער האָט מיר דערציילט, אַז ס'איז געווען אַ טעות, אַז דאָס האָט מען אים אָנגענומען פאַרן ייד, וואָס האָט געדאַרפט דערשאָסן ווערן. ער האָט אָבער געהאַט געפונען אַ דאָקומענט, וואָס האָט באַוויזן, אַז ער איז אַ רוס און שטאַמט פון דער דאָרטיקער געגנט. דערביי האָט ער זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז ער רעכנט ווידער צו אַנטלויפן. ער האָט מיר צוגע־רעדט איך זאָל טאָן דאָס זעלבע, ווייל אַלס ייד וועל איך אין לאַגער נישט האָבן קיין אויסזיכטן צו בלייבן לעבן. ער האָט לאַנג געוואַרט, אויסגענוצט אַ מאָמענט ווען די היטערס האָבן נישט געזען און איז אַריינגעלאָפן אין אַ גרוב.

מען האָט אונדז פאַרנאַכט צוזאַמענגענומען צוריקצו־פאָרן אין לאַגער. ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן, זענען מיר געווען 60 געפאַנגענע. פאַרן צוריקפאָרן האָט מען אונדז איבערגעציילט. ס'האָבן געפעלט 8, צווישן זיי אויך מיין שכן, וועלכער איז געשטאַ־נען מיט מיר אַ גאַנצע נאַכט אין דער שטייג.

מיר זענען צוריקגעקומען אין לאַגער ווייניקער הונגעריקע ווי געוויינלעך. די באַגעגעניש מיט מיין שכן האָט מיר אויך גע־שטאַרקט. איך קריך אַרויף אויף מיין געלעגער אין דער פערדישער שטאַל און טרעף אַ נייעם שכן. דאָס איז געווען אַן עלטערער אוק־

אין די וועלדער

ראַינער. כ׳האָב געזען אַז ער פיבערט און אים געבראַכט אַ ביסל וואַסער. איך האָב אים דערציילט, אַז איך בין אַ ייד. ער האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם צו דער געשיכטע, ווי אַזוי איך בין אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט און ווי איך בין דורך אַ צופאַל געבליבן לעבן. ער האָט מיר דערמוטיקט און געראַטן, אַז איך זאָל שוין זען צו אַנטלויפן.

9. איך אַנטלויף צום צווייטן מאָל

אויף צו מאָרגנס האָט מען אונדז ווידער געטריבן צו דער אַרבעט אין וואַלד. איך בין געווען אין אַ גרופּע פון 15 געפּאַנגענע. אונדזערע היטערס זענען געווען זעקס פרייוויליקע פון דער היטלער־יוגנט. זיי האָבן אונדז געטריבן מיט ווילדע געשרייען, באַגלייט מיט קלעפּ. מיטאָג־צייט איז אַ טייל פון די דייטשע וועכטער אַוועק עסן אין לאַגער. מיר זענען פאַרבליבן בלויז מיט צוויי היטערס נאָענט פון דער סטאַציע. איך קוק זיך אַרום און דערזע פונדערווייטנס קוסטעס און דערלעבן ליגט אָנגעוואָרפן אַלט אייזנוואַרג און אויך אַלטע דאַך־בלעך אויסגעבויגן אַזוי, אַז מיין קליינער קערפּער וועט קאָנען אַריינקריכן. איך נוץ אויס די געלעגנהייט, וואָס די דייטשע היטערס זענען אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו מיר און מאַך דעם אָנשטעל אַז איך דאַרף טאָן אַ מענטשלעכן געברויך. איך דערנענטער זיך צו דעם ברוכוואַרג, קריך אַריין אינעם בלעך, קורטשע מיך איין מען זאָל מיך נישט אַרויסזען און בלייב אין דער באַהעלטעניש ביז אויף צומאָרגנס אין די נאָכמיטאָג־שעהן. ערשט דעמלט האָב איך באַמערקט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום באַוועגונג אַרום. כ׳האָב אָנגעהויבן פאָרזיכטיק אַרויסצוקריכן פון דער באַהעלטעניש און זיך פאַרנומען מיטן וועג, וואָס האָט געפירט צו אַ דאָרף. כ׳האָב באַגעגנט אַ רוסישע פרוי.

— ווייט נאָך צום דאָרף? — האָב איך זי געפרעגט.

— דאָס דאָרף איז פאַרברענט. עס זענען פאַרבליבן איינצלנע הייזער, אין וועלכע עס ווינען עטלעכע פאַמיליעס — האָט זי מיר געענטפערט.

איך האָב זי געפרעגט, צי זי קאָן מיר געבן עפּעס צום עסן און בין אַוועק מיט איר צוזאַמען. זי האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ הויז, ווו איך בין אַריין און געטראָפן עטלעכע פרויען מיט קינדער, וואָס זענען באַשעפטיקט געווען ביים וואַשן וועש פאַר די דייטשע סאָל־דאַטן. איך האָב זיי געזאָגט פון וואַנען איך קום און געבעטן עפּעס עסן. איינע פון די פרויען האָט מיר דערלאַנגט אַ שטיק שוואַרצן ברויט. די פרוי האָט מיר געזאָגט, אַז איך מוז פון דאַנען וואָס גיכער אַוועקגיין, ווייל די דייטשן קומען אָפּנעמען די וועש. אויב זיי וועלן מיך דאָ טרעפן, וועלן זיי מיך דערשיסן און אויך זיי וועלן ליידן צוליב מיר. די פרויען האָבן מיר אָנגעוויזן אַ וועג, מיט וועלכן כ׳דאַרף גיין אַ צוויי קילאָמעטער, ביז כ׳וועל קומען צו אַ כוטער. אַן אָפּגעזונדערט פּויעריש הויז.

איך האָב זיך געלאָזט אין וועג. צוגעקומען צום כוטער און אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַן אַלטער פּויער האָט מיך געפרעגט וואָס איך פאַרלאַנג.

— איך בעט ביי אייך מיר צו לאָזן איבערנעכטיקן — האָב איך אים געזאָגט.

— קום אַריין — האָט ער גוטמוטיק געענטפערט.

ער האָט מיך פאַרבעטן צום טיש, צוגעגרייט אַ דאַרפישע זופּ, דערלאַנגט מיר ברויט און אָנגעזאָגט איך זאָל עסן וויפל איך וויל. נאָך לאַנגע וואָכן הונגער האָב איך צום ערשטן מאָל זיך אָנגעגעסן צו דער זעט. דערנאָך האָט דער פּויער מיר געזאָגט, אַז איבערנעכ־טיקן אין שטוב קאָן איך נישט, ווייל די דייטשן קומען זוכן אַנטלאָ־פענע, און אויב זיי וועלן מיך דאָ געפינען, וועלן מירביידע האָבן אַ שלעכטן סוף. ער האָט מיר אָבער פאַרגעלייגט צו שלאָפן אין שטאַל, זיך אויסבאַהאַלטן אין שטרוי.

איך בין געבליבן אין שטאַל אַ גאַנצע נאַכט. ס׳איז געווען אַ ברענענדיקער פראָסט און איך האָב געציטערט פון קעלט. איך האָב אָבער אַלץ אָנגענומען פאַר ליב. פאַרט זיך אַרויסגעריסן פון אַ טויט־געפאַר.

אינדערפרי האָט דער פויער געבראַכט אַ שיסל זופּ מיט ברויט און אָנגעזאָגט מיר, אַז ווי גיך איך וועל פאַרענדיקן עסן, זאָל איך פאַרלאָזן די שטאַל. ער האָט מיר מיטגעגעבן ברויט און אָנגעוויזן אין וועלכער ריכטונג איך דאַרף גיין, כדי אָנצוקומען קיין מינסק. איך האָב זיך ווידער געלאָזט אין וועג דורך וואַלדיקע סטעזשקעס, דורך אומוועגן, כדי נישט צו באַגעגענען קיין דייטשע פּאָסטנס.

גיך איז צוגעפאַלן דער אָוונט. צווישן געדיכטע ביימער האָב איך פונדערווייטנס פלוצלונג דערזען ליכט. איך האָב זיך פאַרנו־מען מיטן וועג, וואָס האָט געפירט צום באַלויכטענעם הויז, איך האָב זיך געפונען אויף אַ פרייען פעלד, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט דעם וואַלד אויף צוויי טיילן. אין מיטן פעלד האָט זיך דורכגעשניטן אַ שמאָל טייכל, וואָס איז שוין פאַרפרוירן געווען. דאָס אייז איז געווען באַדעקט מיט אַ שיכט שניי. איך בין זיכער געווען, אַז דאָס טייכל איז גוט פאַרפרוירן. איך הויב אָן דורכצוגיין און פאַל אַריין אין וואַסער. צום גליק איז דאָס וואַסער נישט געווען זייער טיף. אַן אויסגעווייקטער אין פראָסטיק־קאַלטן וואַסער האָב איך זיך גע־לאָזט צום הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל.

אַ יונגע פרוי האָט אויפגעמאַכט די טיר און מיך אָנגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן. זעענדיק ווי איך ציטער פון קעלט האָט זי מיר אַריינגעפירט אין אַ וואַרעמען צימער. כ׳האָב גענומען אויסטרי־קענען מיינע קליידער און זיך אַוועקגעלייגט אָפרוען. נאָכדעם ווי זי האָט מיר געגעבן עפּעס אָפּצועסן, האָט זי מיר געפרעגט ווער איך בין און פון וואַנען איך קום. כ׳האָב איר אַלץ דערציילט.

אויף צומאָרגנס פאַרטאָג האָט זי מיך אַרויסבאַגלייט צום וואַלד. זי האָט מיר אָנגעצייכנט דעם וועג קיין מינסק, פון וואַנען ס׳האָט מיך נאָך אָפּגעטיילט צוויי הונדערט קילאָמעטער.

10. אַזאַ איז געווען דער צוריקוועגס

די געדיכטע ביימער אין וואַלד האָבן מיך ביז איצט אויסגעהיט פון געפאַרן. אפשר וועלן זיי ווייטער באַשיצן מיין לעבן? אַ גאַנצן טאָג בין איך געגאַנגען דורכן וואַלד. ערשט פאַרנאַכט בין איך אָנגעקומען אין אַ דאָרף. דאָ האָב איך שוין מורא געהאַט אָנצוקלאַפּן אין אַ טיר. די יונגע פרוי האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל פאָרזיכטיק זיין, ווייל וואָס ווייטער איך וועל אָפּגיין, אַלץ מער וועלן זיין פּאָליצייאישע פּאָסטנס. כ׳האָב דערזען אַ שטאַל און בין אַהיין אַריין, כדי איבערצוקומען די נאַכט. אין שטאַל זענען געווען עטלעכע בהמות. אין אַ ווינקל איז געלעגן אַביסל שטרוי. איך האָב אַוועקגעלייגט מיינע מידע גלידער.

אינדערפרי איז אַריינגעקומען אַ פּויערטע מיט אַן עמער אין האַנט צו מעלקן די קי. ווי גיך זי האָט מיך דערזען אין ווינקל, איידער כ׳האָב באַוויזן איר צו זאָגן ווער איך בין, האָט זי אויפגעהויבן אַ געשריי איך זאָל שוין אַרויס פון שטאַל, אויב נישט וועט זי מיך שלאָגן מיטן עמער. מיט זידלערייען האָט זי מיך אַרויסבאַגלייט פון שטאַל. אויף אירע געשרייען זענען זיך צונויפגעלאָפן די שכנים און זי האָט געזאָגט, אַז איך האָב זי געוואָלט באַגנבענען...

איך האָב באַגעגנט אַן עלטערן פּויער און אים דערציילט דעם אמת, ווער איך בין און פון וואַנען איך קום. ער האָט מיט מיטגעפיל געזאָגט, אַז איך זאָל זיך נישט וווּנדערן וואָס מענטשן האָבן אַזוי מורא, ווייל די דייטשן טוען דאָ אָפּ שרעקלעכע זאַכן. מען שרעקט זיך פאַר יעטוועדן פרעמדן מענטש. ער האָט מיך אַרויסבאַגלייט פון דאָרף און מיטגעגעבן עפּעס עסן.

איך האָב זיך ווידער געלאָזט אין וועג. דער וואַלד אין דער צייט איז ווי אָפּגעשטאָרבן. מען הערט נישט און מען זעט נישט קיין סימן פון לעבן. מ'האָט געזאָגט, אַז אין די דאָזיקע וועלדער זענען פאַראַן וועלף. דאָ האָט מען אָבער נישט געהערט אַפילו קיין וואָיען פון וועלף. מען האָט געהערט בלויז דאָס שאָקלען זיך פון דיביימער. גייענדיק אַזוי האָב איך נישט באַמערקט, ווי איך האָב זיך פאַרנומען מיט אַ קליינעם וואַלד־וועג, וואָס האָט געפירט צו אַ דאָרף. כ'האָב קיין צווייטן וועג נישט געקאָנט געפינען און געמוזט אַריינגיין אין גרויסן דאָרף.

פּלוצלונג איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ מאַן אין פּאָליציי־אישער קליידונג. ס'איז קענטיק געווען, אַז ער געהער צו דער ווייסרוסישער פּאָליציי, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט די דייטשע אָקופּאַנטן. ער האָט מיך באַגעגנט מיט אַן אויסגעשריי: „יעוורעי, פון וואַנען קומסטו?" ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ פּאָליציי־פּאָסטן און באַפוילן איך זאָל אַהין אַריינגיין. אין זעלבן מאָמענט האָב איך דערהערט ווי ער שרייט צו עמעצן, וואָס איז נישט געווען ווייט פון מיר, און ווי ער באַפעלט אים זיך אָפּצושטעלן און ווייזן זיינע דאָקומענטן. איך האָב דערפילט, אַז עס לויערט אויף מיר אַ געפאַר. איך בין שנעל אַוועק אין פּאָליציי־פּאָסטן. צום גליק איז דאָרטן קיינער נישט געווען. דורכן פענצטער זעט זיך אַ וועלדל. איך שפּרינג אַרויס און לויף אַהין, וווּ ס'זענען געווען געדיכטע קוסטעס. באַלד האָב איך דערהערט אַ שיסעריי. די קוילן זענען געפלויגן אין מיין ריכטונג. איך בין געלאָפן צווישן די ביימער, געמאַכט זיגזאַגן, ביז איך בין אָנגעקומען אין אַ געדיכטן וואַלד. דאָ האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און אָפּגעכאַפּט אַביסל דעם אָטעם. צו מיינע אויערן איז דערגאַנגען דער עכאָ פון אַ באַוועגונג אין וואַלד. איך באַהאַלט זיך נאָך טיפער צווישן די ביימער. פון מיין באַהעלטעניש האָב איך דערזען אַ פּויער מיט אַ פערד און וואָגן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן צוזאַמענ־נעמען אָראָפּגעפאַלענע צווייגן.

איך בין צוגעגאַנגען צום פויער און געפרעגט ווי ווייט איז נאָך קיין מינסק.

— אַ זעכציק־זיבעציק קילאָמעטער — האָט ער גע־ענטפערט. דער פויער האָט מיר אויסגעזען צו זיין אַ מענטש צו וועלכן מ׳קאָן האָבן צוטרוי. איך האָב אים דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מיר אין יענעם דאָרף. דערויף האָט ער מיר געענטפערט, אַז איך האָב מזל, וואָס איך בין אַרויס פון דאָרט אַ לעבעדיקער. דאָס דאָרף איז באַקאַנט אין דער געגנט מיט דעם ווייסרוסישן פּאָליציי־פּאָסטן, וואָס האָט פאַר אַן אויפגאַבע צו כאַפּן די אַנטלאָפענע פון געפאַנ־גענשאַפט רויט־אַרמייער און זיי איבערגעבן דער אָקופּאַציע־מאַכט. יידישע אַנטלאָפענע געפאַנגענע דערשיסן זיי אויפן אָרט.

דער פויער האָט מיר געהייסן צווואַרטן, ביז ער וועט אָנלאָדן זיין וואָגן מיט צווייגן. דערנאָך זענען מיר צוזאַמען געגאַנגען ביזן כוטער.

— וואַרט דאָ — האָט ער מיר געזאָגט — כ׳וועל דיר ברענ־גען עפּעס צום עסן.

ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער מיר געזאָגט, אַז אַלץ איז דאָ פאַרברענט געוואָרן, ווו עפּעס צו קויפן איז נישטאָ. ער טיילט זיך מיט מיר מיט דעם, וואָס ער האָט נאָך. ער האָט מיר אויך אָנגעזאָגט נישט צו בלייבן אין דעם כוטער, ווייל די ווייסרוסישע פּאָליציי קומט אָפט זוכן אַנטלאָפענע געפאַנגענע און יידן פון די קליינע שטעטלעך.

דעם ווייטערדיקן וועג קיין מינסק האָב איך דורכגעמאַכט מיט גרויס פאָרזיכטיקייט. איך האָב זיך דערנענטערט צו דער שטאָט אָוונט־צייט. נישט ווייט פון מינסק האָב איך אין פרייען פעלד דער־זען אַ הילצערנע געביידע, אַ מין שייער. איך בין אַהין אַריין און דערפרייט זיך, וואָס עס האָבן זיך געפונען דאָרט סנאָפּעס מיט שטרוי. כ׳האָב זיך איינגעגראָבן אינעם שטרוי און פאַרבליבן דאָרט די נאַכט. אינדערפרי האָב איך מיט זייטיקע וועגן גענומען פאָרזיכטיק זיך דערנענטערן צו דער שטאָט. אויף די פעלדער אַרום

מינסק זענען געלעגן פאַרברענטע טאַנקן, לאַסט־וועגענער, סימנים פון שלאַכטן, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַרן אָפּטרעטן פון דער רויטער אַרמיי. ביים ראַנד פון וועג זענען געלעגן פאַרשידענע זאַכן, וואָס מענטשן האָבן אַוועקגעוואָרפן, ווען זיי זענען אַנטלאָפן פון די דייטשע באָמבאַרדירונגען.

איך בין אַריין אין אַ פאַרשטאָט פון מינסק. ס'איז שווער געווען צו דערקענען ווו ס'איז געווען אַ גאַס. עס זענען געשטאַנען הייזער־סקעלעטן, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך די שריפות. פון דאָרט בין איך מיט זייטיקע געסלעך געגאַנגען צו דער זאַסלאַווסקע־גאַס, וועלכע איך האָב פאַרלאָזט מיט זעקס חדשים צוריק. כ'האָב אָנגעטראָפן עטלעכע מינסקער איינוווינער מיט בלאַסע, באַזאָרגטע געזיכטער. איך בין דערגאַנגען צו דער גאַס און צום הויז, ווו איך האָב געהאַט געוווינט, אָבער איך האָב דאָרט נישט געטראָפן קיין שום יידישע שכנים. דאָס הויז איז געווען פאַרצוימט מיט אַ פאַרקאַן.

11. אין געטאָ

דאָס מינסקער געטאָ, ווו ס'איז אַריינגעשטופּט געוואָרן בערך אַכציק טויזנט יידן, איז ווי אַלע געטאָס, וואָס די היטלעריסטן האָבן אויפגעשטעלט, געווען אַ פאַרניכטונגס־לאַגער.

ווען איך האָב זיך אַהין דערנענטערט, האָב איך דערזען אַ הויכע פאַרצוימונג פון שטעכל־דראָט. די הייזער זענען געווען אויס־געבראָכענט, געבליבן זענען פענצטער־לעכער. איך האָב געזען, ווי פון דער צווייטער זייט דראָטן באַוועגן זיך מענטשן, אַזוי ווי שאָטנס.

אין איינעם אַן אָרט האָבן מענטשן זיך דערנענטערט צו דער פאַרצוימונג. פון דער צווייטער זייט זענען געשטאַנען פּויערים און פּויערטעס, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך ברויט, קאַרטאָפל און אַנדער עסנוואַרג. פרויען מיט אויסגעבלייכטע געזיכטער האָבן זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן. זיי האָבן אויסגענוצט יעדע מינוט, ווען די געטאָ־פּאָליציי, וואָס האָט פון אינעווייניק געהיט, איז נישט געווען דערלעבן און אויסגעטוישט מענער און פרויען־קליידער, אַפילו קינדערשע שיכלעך אויף פּראָדוקטן. מיינענדיק אַז איך בין אַ פּויער, האָבן זיך אייניקע פרויען געווענדעט צו מיר דורך די דראָטן, צי איך האָב נישט עפּעס אויסצוטוישן, אָדער אפשר קאָן איך עפּעס שענקען פאַר זייערע אויסגעהונגערטע קינדער. איך האָב זיי גע־זאָגט, אַז איך בין אויך אַ ייד, אַן אַנטלאָפענער פון געפאַנגענשאַפט. איך פרעג זיך נאָך, צי זיי ווייסן נישט עפּעס פון מיין פרוי און קינד. זיי האָבן מיר געענטפערט, אַז מיין משפחה קענען זיי נישט און האָבן מיר געוואָרנט, אַז איך זאָל נישט אויסזאָגן קיינעם, אַז איך בין אַן אַנטלאָפענער פון געפאַנגענשאַפט, ווייל כ'קען אַריינפאַלן אין די

הענט פון דער געסטאַפּאָ, וואָס פאַרפּייניקט ביז צום טויט די אַנט־לאָפענע פון געפאַנגענשאַפט.

אין אַ גינסטיקן מאָמענט, ווען די וואַך האָט זיך געטוישט, בין איך אַריין אין געטאָ. כ'האָב אָנגעהויבן וואַנדערן איבער די געטאָ־גאַסן, געגאַנגען פון הויז צו הויז און נאָכגעפרעגט זיך אויף מיין משפחה. כ'האָב זיך פאַרט דערוווסט ווו מיינע טייערסטע געפינען זיך. מיט האַרצקלאַפּעניש בין איך אַריין אין צימער, ווו ס'האָט געזאָלט זיין מיין משפחה. כ'האָב געטראָפן מענער, פרויען און קינ־דער און צווישן זיי מיין שוועסטער חנה און יינגעלע נאַטאַן. איך האָב זיי קוים דערקענט, אַזוי זענען זיי געווען אויסגעמאָגערט. מיין שוועסטער איז מיר געפאַלן אין די אָרעמס אָן אַ וואָרט אויסצורעדן. די טרערן האָבן זי געשטיקט אין האַלדז. כ'האָב זיך דערנענטערט צו מיין זונעלע. ער האָט אָבער געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ פרעמדן. כ'האָב אים גענומען אויף די הענט און געפרעגט, צי ער דערקענט נישט דעם טאַטן. ס'האָט געדויערט עטלעכע מינוט ביז ער האָט זיך געכאַפּט ווער איך בין. ער האָט מיך אַרומגעכאַפּט מיט די הענט־לעך, אָנגעהויבן קושן און וויינען, דערנאָך מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך בין נישט געווען מיט זיי צוזאַמען און ווו איך בין געווען.

פון מיין קינד האָב איך זיך דערוווסט, אַז די מאַמע איז נעכטן אַוועקגעגאַנגען אויסערן געטאָ און נאָך נישט צוריקגעקומען. דער־נאָך האָט מיר מיין שוועסטער דערציילט, אַז הענע איז מיט עטלעכע טעג צוריק אַוועק אין דער רוסישער געגנט איינצושאַפן אַביסל שפּייז. צוזאַמען מיט אַנדערע פרויען איז זי דאָרט פאַרהאַלטן גע־וואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. זיי אַלע זענען פאַרשפּאַרט אין דער מינס־קער טורמע. וואָס ס'וועט זיין מיט זיי — ווייסט מען נישט. איך האָב שוין מער מיין הענען נישט געזען...

מיין שוועסטער האָט מיר אויך איבערגעגעבן ווי אַזוי מיין זונעלע האָט זיך אָפּגעפונען:

ווען די מלחמה איז פּלוצלונג אויסגעבראָכן, איז נישט געווען קיין צייט צו עוואַקואירן די קינדער פון הויז, ווו מיין נאַטאַן האָט

זיך געפונען. מינסק און די אומגעגנט זענען כסדר באָמבאַרדירט געוואָרן. בעת די דייטשן זענען אָנגעקומען, האָבן זיי די קינדער געטריבן אין שטאָט אַריין. אַ סך זענען אויפן וועג אומגעקומען. מיין פרוי איז נאָך לאַנגע זוכענישן געלונגען צו געפינען דאָס קינד, אַ קראַנקס, אַ פאַרלאָזנס. זי האָט אַלץ געטאָן צו שטעלן אים אויף די פיסלעך. ער איז געזונט געוואָרן. העלע האָט באַוויזן נסים, כדי צו באַקומען פאַר אים די נויטיקע שפייז און רפואות.

איצט איז מער העלע נישטאָ...

מיט קנאַפע 8 יאָר צוריק האָבן מיר זיך באַגעגנט. דאָס יידישע מיידל, וואָס האָט געשטאַמט פון אַן אַרבעטער־היים, האָט שוין פון די יינגסטע יאָרן געוווסט דעם טעם פון נויט, פון שווערער מי. אויך נאָכדעם, ווי מיר האָבן חתונה געהאַט, איז זי געגאַנגען אַרבעטן, כדי צוזאַמען פאַרדינען אויף דער חיונה. נישט לייכט איז עס גע־ווען אין יענער שווערער צייט אין פוילן, ווען עס האָט געהערשט אַרבעטסלאָזיקייט און מאַסן־נויט.

אונדזער קליין צימערל אין סאַמע מיטן פון דער יידישער וואַרשע אויף דזשעלנע גאַס, איז אַדאַנק העלענען געוואָרן אַ וואַרעמע היים פאַר אונדזערע ביידנס פילצאָליקע חברים און פריינד. אַלע האָבן זיך דאָרט געפילט משפחהדיק־היימיש.

און ווען ס'איז געבוירן געוואָרן אונדזער זונעלע איז דאָס קליין צימערל פול געוואָרן איבער די ברעגן מיט אונדזער ביידנס גליק. וואָס פאַר אַ גוטע, זאָרגעוודיקע מאַמע העלע איז געווען! איר כסדרדיקע מי, אַז דעם קינד זאָל גאָרנישט פעלן, האָט זי באַגלייט מיטן טרוים, אַז אונדזער נאַטאַנדל זאָל אויסוואַקסן אַ פרייער מענטש, אין אַ וועלט פון גערעכטיקייט, פון מענטשן־פריינטשאַפט...

איצט, — גראָד איצט! — אין דער סאַמע שווערסטער צייט, ווען אויף אונדז, קודם כל אויף אונדזער קינד, לויערט דער ווילדס־טער שונא, איצט איז העלע מער נישטאָ...

ווי וועט עס זיין אָן איר?!

12. טויט-געפֿאַר אויף שריט און טריט

די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט געהאַט אַרויסגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז אַלע געוועזענע יידישע סאָלדאַטן און אַנטלאָפֿענע פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט דאַרפֿן זיך מעלדן אין יודען־ראַט. די אַלע, וואָס האָבן זיך צוגעשטעלט, זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין אַ שטאַל, וואָס האָט זיך געפֿונען נישט ווייט פֿון בית־עולם, ווו די ס. ס.־לייט האָבן זיי אויסגעמאָרדעט. ווי עס האָבן שפּעטער איבערגעגעבן איינצלנע אַנטלאָפֿענע פֿון דעם מאָרד־אָרט, האָבן די ס. ס.־מענער צווישן אַנדערע אָנגעווענדעט אַזאַ מין מיטל: אין אַ פּראַקטיקער נאַכט האָבן זיי אָנגעפּילט פֿעסער מיט אייז־קאַלטן וואַסער און אַריינגעטריבן אין זיי נאַקעטע מענטשן. דאָס וואַסער איז פֿאַרפֿרוירן געוואָרן און דער געפֿאַנגענער האָט ביסלעכווייז אויסגעהויכט דעם לעבנס־אָטעם.

נאָך מיין אַריינקומען אין געטאָ איז מיין שוועסטער און אויך די שכנים, פֿריינט, געוואָרן זייער באַזאָרגט וועגן מיר. זיי האָבן צוזאַמען געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי מיך אויסהיטן איך זאָל נישט אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון די ס. ס.־באַנדיטן. פּונקט זענען צו יענער צייט פֿאָרגעקומען זוכונגען אין די הייזער. מען האָט געזוכט יידן, וועלכע האָבן זיך נישט רעגיסטרירט אין יודען־ראַט.

מ׳האָט אויסגעפֿונען פֿאַר מיר אַ באַהעלטעניש אין קעלער פֿון זעלבן הויז. דאָרט האָב איך זיך איינגעגראָבן אין זאַמד אַזוי, אַז איך זאָל בלויז קענען עטעמען. ווען מ׳האָט מיר געבראַכט עסן, האָב איך אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און דערנאָך זיך צוריק פֿאַרשטעקט. אַזאַ

פּאַרזיכטיקייט איז נויטיק געווען, ווייל די יידישע פּאָליציי האָט שטאַרק געזוכט אין די קעלערס.

פריינד און שכנים האָבן דערווייל געמאַכט באַמיאונגען ביים יודען־ראַט, אַז מען זאָל מיך פאַרשרייבן ווי אַ געוויינלעכן איינוווי־נער פון געטאָ. אינגיכן האָב איך באַקומען אַ געטאָ־צייגעניש. כ׳האָב זיך אָנגעבייט צוויי געלע לאַטעס, איינע פון הינטן אויף דער פּלייצע און איינע פון פאָרנט. שפּעטער האָט מען נאָך געדאַרפט אַ דריטע לאַטע, אַ ווייסע, אויף וועלכער ס׳איז געווען דער נומער פונעם הויז וווּ מען האָט געוווינט.

כ׳האָב זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס, אפשר וועל איך באַגעגענען מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט איידער איך בין אַוועק פון מינסק. כ׳האָב אָבער קיינעם נישט באַגעגנט. כ׳בין אַוועק צו דער אַרבעטס־בירזשע נישט ווייט פון יודען־ראַט, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט אַ יונגער מאַן פון פוילן. געהייסן האָט ער וויינשטיין.

די אַרבעטס־בירזשע האָט זיך געפונען אין אַן אַלט הילצערן הויז. די שמוץ, נאַכלעסיקייט האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע ווינקלען. מענער און פרויען, מערסטנס עלטערע מענטשן, האָבן זיך געשטופּט. יעדער האָט געוואָלט זיין פון די ערשטע צום באַקומען אַרבעט. בלייבן אין געטאָ אָן אַרבעט איז געווען געפערלעך.

איך בין געווען צווישן די לעצטע. מען האָט מיך פאַררעגיסט־רירט. אויף צומאָרגנס אינדערפרי האָב איך ביי דער אַרבעטס־בירזשע געטראָפן שוין אויסגעשטעלטע קאָלאָנעס, וואָס האָבן גע־וואַרט אויף זייערע דייטשע און אוקראַינישע „באַגלייטער״. איך בין אַוועק מיט אַ גרופּע פון 12 מאַן. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויסגלייכן אַ פּלאַץ, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען פאַרוואָרפן מיט שטיינער, מיט אומריינקייטן. די ערד איז געווען פאַרפרוירן און מיר זענען געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט, אָן עסן. דערצו האָבן די דייטשע היטער ביים קלענסטן פאַרלאַנגזאַמען די אַרבעט באַגלייט אונדז מיט קלעפּ, באַגלייט מיט זידלערייען: „שמוציקע יודען, איר וועט אַלע קאַפּוט גיין!״

פון געטאָ

פולשטענדיק אויסגעשעפּטע פירט מען אונדז צוריק אין געטאָ. אין איין צימער וווינען זיבן־אַכט מענטשן — מענער, פרויען און קינדער. ס'איז נישטאָ קיין פּלאַץ אויפצושטעלן מער בעטלעך. מען שלאָפט אויף די טישן, אונטער די טישן, פאַרמאַטערטע, מיט לייִדיקע מאָגנס קומט מען איבער די נאַכט. זיבן אינדערפרי דאַרף מען צוריק זיין ביי דער אַרבעטס־בירזשע, פון וואַנען מען פירט אונדז באַוואַכטע צו דער שווערער אַרבעט.

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אייניקע וואָכן. צום הונגער איז צוגעקומען די שטאַרקע קעלט. די ערשטע חדשים פון ווינטער 1942 זענען געווען פראָסטיקע. אונדזערע קליידער זענען נישט צוגעפּאַסט געווען צו די שטאַרקע קעלטן. אַ טייל מענטשן פון מיין גרופּע איז קראַנק געוואָרן. ס'זענען געווען פאַלן, ווען מענטשן זענען בשום אופן נישט געווען אין שטאַנד צו גיין צו דער אַרבעט, און אויף נישט גיין האָט מען געמוזט האָבן אַ באַשטעטיקונג פון דער אַרבעטס־בירזשע מיט אַן אונטערשריפט פון דאָקטער. אויב אַ קראַנקער האָט זיך נישט געקאָנט אויפהויבן, האָט ער געמוזט וואַרטן לאַנגע טעג, ביז דער דאָקטער איז צו אים געקומען. אָפטמאָל איז דער דאָקטער געקומען שוין צו באַשטעטיקן, אַז דער פּאַציענט איז טויט.

די מעדיצינישע הילף אין געטאָ האָט זיך כסדר פאַרערגערט. די צאָל דאָקטוירים איז קלענער געוואָרן. די געסטאַפּאָ האָט אַרעסטירט און דערמאָרדעט אַ צאָל דאָקטוירים מיטן אויסרייד, אַז זיי העלפן די אונטערערדישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וואָס האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אין געטאָ. ביים אייציקן געטאָ־שפּיטאָל איז געווען אַן אַמבולאַטאָריום. אָבער ביי דער קליינער צאָל דאָקטוירים און גרויסער צאָל קראַנקע האָט מען טיילמאָל געדאַרפט וואַרטן גאַנצע טעג, ביז מען איז אָנגעקומען צו אַ דאָקטער. מעדיקאַמענטן איז געווען גאָר ווייניק. אָפט פלעגט טרעפן, אַז מען איז געגאַנגען אָפּנעמען די פאַרשריבענע רפואות און מען איז צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. טויט־פאַלן זענען געווען אַלץ מער און מער.

אין די וועלדער

ביז העלפט מערץ 1942 בין איך יעדן טאג געגאַנגען צו דער אַרבעט. אין אָנהויב מערץ איז מיין אַרבעטס־קאָלאָנע אַוועקגעפירט געוואָרן קיין לאָכאָווקע, אַ פאָרשטאָט פון מינסק. עטלעכע דייטשן, וואָס זענען געווען אויפן אָרט, האָבן אונדז אָנגעוויזן אַן אָפּגעבערנט הויז, וואָס איז נישט געווען פולשטענדיק פאַרניכטעט. דער באַפעל איז געווען אָפּצורייניקן דעם פלאַץ פון די חורבות אין משך פון איין טאָג. די היטער פאָדערן צו אַרבעטן וואָס שנעלער, זיי לאָזן אונדז נישט אָפּעטעמען. איינער פון אונדזער גרופּע האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און מיטן גראָב־אייזן דערלאַנגט איינעם פון די ס. ס.־לייט איבערן קאָפּ. דער דייטש איז אַוועקגעפאַלן אַ באַגאָסענער מיט בלוט. די ס. ס.־לייט האָבן מערדערלעך צעשלאָגן דעם יידן און אים אַוועקגענומען ערגעץ, פון וואַנען ער האָט זיך שוין נישט צוריקגעקערט. געווען איז ער מיינער אַ חבר פון שטריקער־פאַך, פון וואַרשע. מיר האָבן זיך געקענט פון טעקסטיל־פאַראיין. זיין נאָמען איז געווען קלמן. ער האָט געשפילט אין דעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער „אָרפעאוש". אין די ערשטע טעג פון קריגס־אויסברוך איז ער מיט זיין פאַמיליע אַנטלאָפן קיין ראַטנפאַרבאַנד און געלעבט אין אַ קליין שטעטל, נישט ווייט פון מינסק. נאָכן דייטשן איבערפאַל איז ער מיט זיין פרוי און קינד פאַרטריבן געוואָרן אין מינסקער געטאָ. ער האָט זיכער פאָרויס געוווסט, אַז פאַרן נקמה־אַקט וועט ער טייער באַצאָלן. ער האָט זיך אָבער נישט געוואַקלט.

נאָכדעם האָבן די רעפּרעסיעס קעגן אונדז זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. מען האָט אונדז אויך פאַרקלענערט די פאָרציעס עסן.

13. קינדער אין געטאָ

אַ קאַלטער פּראַקטיקער ווינט בלאָזט אויף אונדז פֿון אַלע זייטן. די געטאָ־מענטשן זאַמלען זיך ביי אַן אַלטער, הילצערנער, צוויי־שטאָקיקער געביידע. דאָרט געפינט זיך דער יודען־ראַט, אויך די אָפּטיילונג פֿאַר באַשפּייזונג. אַהער קומט מען אָפּנעמען די צו־געטיילטע פּאָרציע ברויט.

אין דער ריי מיט מיר שטייען אַלטע פרויען און קינדער. מיר וואַרטן מיט אומגעדולד. מיר וואַרטן שוין לאַנג. פּלוצלונג דערזעען מיר אַן אַלט אויסגעדאַרט פערדל, וואָס שלעפּט אַ וואָגן מיט ברויט.

מיר האָבן זיך דאָך דערוואַרט. די ערשטע וואָס האָבן באַקומען זייערע פּאָרציעס, טוליען דאָס ברויט צו זיך. מיר וואַרטן ווייטער. עס באַפאַלט אונדז אַ שרעק. צי וואַרטן מיר נישט אומזיסט ?! עס פלעגט טרעפן, אַז נאָך שעהן וואַרטן האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז היינט וועט שוין מער קיין ברויט נישט זיין, מ׳זאָל קומען מאָרגן. פּלוצלונג דערזעען מיר אַן אָנגעלויף פון קינדער אין פאַרשידענעם עלטער. דער הונגער קוקט אַרויס פון זייערע אויגן. זיי באַפאַלן די מענטשן, וואָס גייען מיט די באַקומענע ברויט־פּאָרציעס. זיי שטרעקן אויס די ביינערדיקע הענטלעך און בעטן אַ שטיקעלע ברויט. זיי האָבן נישט קיין היים, קיין עלטערן. טאַטע־מאַמע זענען דערמאָרדעט געוואָרן. זיי בעטן, זיי גייען פון איינעם צום אַנדערן. יעדער אַנט־לויפט אָבער מיט זיין פּאָרציע ברויט, כדי וואָס גיכער צו שטילן דעם הונגער פון זיין משפּחה.

מיר זענען שוין געווען נישט ווייט פון אַריינגאַנג, ווי אַן עלטערע פרוי איז אַרויס מיט איר ברויט־פּאָרציע. עטלעכע קינדער

קינדער אין געטאָ

האָבן זיך געלאָזט צו איר און אָנגעהויבן בעטן זי זאָל זיי געבן אַ שטיקעלע ברויט. די אַלטע פרוי איז אַ רגע שטיין געבליבן, איינגע־קוקט זיך אין די אויסגעהונגערטע קינדער און אָנגעהויבן פונאַנ־דערטיילן צווישן זיי דאָס ברויט, לאָזנדיק פאַר זיך בלויז אַ קליין שטיקעלע. דערביי האָט זי מיט איר קוים הערנדיקער שטימע גע־זאָגט: טייערע קינדער איך בין אַלט און קראַנק. מיין לעבן וועט מיט דעם שטיקל ברויט נישט פאַרלענגערט ווערן. פאַר אייך אומשולדיקע יונגע נשמהלעך קאָן אַ שטיקעלע ברויט געבן האָפענונג צו דער־האַלטן אייערע יונגע לעבנס. אייניקע פון די, וואָס האָבן געוואַרט אין דער ריי, האָבן דערנאָך אויך אַראָפּגענומען שטיקלעך פון די 300 גראַם שוואַרץ און וואַסערדיק ברויט און געגעבן די קינדער.

אין איינעם אַ פראָסטיקן סוף־טאָג, ווען מיר זענען געגאַנגען צוריק פון דער אַרבעט, האָבן מיר נאָענט פון דעם געטאָ־טויער דערהערט אַ גערויש פון אַן אויטאָ. אַזאַ גערויש איז ביי די געטאָ מענטשן אַלעמאָל געווען פאַרדעכטיק און אָנגעוואָרפן אַ שרעק. דער טראַנספּאָרט פון געטאָ איז באַשטאַנען בלויז פון פערד. דאָס גערויש פון אַן אויטאָ האָט באַטייט, אַז עס פאָרן היטלעריסטן.

וואָס מער דער אויטאָ האָט זיך דערנענטערט, אַלץ שאַרפער האָבן מיר דערהערט אַ יאָמער פון קינדער. ווען דער אויטאָ איז פאַרבייגעלאָפן לעבן אונדזער אַרבעטס־קאָלאָנע, וואָס איז באַוואַכט געווען פון ס. ס.־לייט, האָבן מיר דערזען די בראָך: יידישע קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער האָבן אויסגעצויגן צו אונדז זייערע הענט־לעך און פאַרצווייפלט געשריגן, געבעטן אין יידיש און אין רוסיש מען זאָל זיי ראַטעווען. זיי האָבן געוווסט, אַז מען פירט זיי צום טויט.

דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג פון בית־עולם, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס אָרט, ווו די דייטשן האָבן אויסגעפירט טויט־אורטיילן.

דאָס „פאַרברעכן" פון די אַלע קינדער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך געפּרוווט אַרויסרייסן פון געטאָ, כדי צו ברענגען שפּייז פאַר זייערע משפחות. דורך פאַרשיידענע אומוועגן האָבן קינ־

דער זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ. טיילמאָל פלעגן זיי זיך אַריינגנ־בענען אין די אַרבעטס־קאָלאָנעס און צוזאַמען מיט זיי אַרויסגיין אויסער דער געטאָ. ווען זיי זענען אָנגעקומען אויף דער צווייטער זייט, האָבן זיי אויסגענוצט אַ מאָמענט, ווען די קאָלאָנען־היטערס האָבן נישט געזען, און זיך אַרויסגעגנבעט פון דער ריי, אַראָפּגענומען די לאַטעס, אָדער אַרויפגעצויגן עפּעס אַן אַנדערן מלבוש אויף זיך, כדי מען זאָל נישט זען, אַז זיי זענען יידן.

די קינדער פלעגן זיך לאָזן אין פאַרשיידענע געגנטן פון מינסק, ווו עס האָבן געוווינט ווייסרוסן. דאָרט פלעגן זיי צייטנווייז איבער־נעכטיקן. זיי זענען געגאַנגען אויפן מינסקער באַזאַר און דאָרט צוזאַמענגענומען רעשטן אָפּפאַלעכץ פון עסנוואַרג. עס זענען געווען פאַלן, ווען הענדלער האָבן צוגעוואָרפן ביסלעך עסנוואַרג. די קינ־דער פלעגן אויך גיין אין די הייזער בעטן מ׳זאָל זיי עפּעס שענקען. אַזוי האָבן זיי אָנגעזאַמלט פּראָדוקטן פאַר זייערע עלטערן און קרו־בים. דאָס אַלץ איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר. די קינדער האָבן געוווּסט וועגן דעם און אָפט איבערגעלעבט גרויס שרעק. דער דראַנג צו שטילן דעם הונגער און צו העלפן די משפחות האָט זיי אָבער געגעבן כוח זיך צו לאָזן אויף דעם וועג זוכן שפּייז. נישט אַלע מאָל האָט זיך זיי עס איינגעגעבן. אין שטאָט זענען שטענדיק פאַר־געקומען זוכונגען. די ווייסרוסישע פּאָליציי צוזאַמען מיט די ס.ס.־לייט האָבן זיך געיאָגט נאָך יידישע קינדער, זיי צונויפגעטריבן אין דער מינסקער טורמע און דאָרט געהאַלטן ביז עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל. ווען ס׳איז געווען גענוג קינדער אָנצופילן אַ לאַסט־וואָגן, האָט מען זיי אַוועקגעפירט אויפן געטאָ־בית־עולם און זיי אַלע אויסגעמאָרדעט.

אַ געוויסע צייט האָבן יידן, בעתן גיין פון געטאָ צו דער אַרבעט, מיטגענומען מיט זיך קינדער. עס פלעגט אויך טרעפן, אַז מען האָט מיטגענומען אַ קינד, וואָס האָט שוין קיינעם נישט געהאַט. די קאָנטראָל איז נאָך דעמלט נישט געווען קיין צו שטרענגע. אין איינעם אַ טאָג, אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1942, האָט דער

יודען־ראַט געוואָרנט, אַז מען זאָל נישט מיטנעמען קיין קינדער, און אויב מ׳וועט טרעפן ביי דער אַרבעט אַ קינד, וועט דער טאַטע אָדער די מאַמע שטרענג באַשטראָפט ווערן. די פאַראָרדענונג האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די מענטשן פון געטאָ. אַלע האָבן געוווסט וואָס עס הייסט ביי די היטלער־לייט „שטרענג באַשטראָפט ווערן״. דאָס האָט אַלעמאָל געהייסן: „טויט!״.

אין יענער צייט האָט די דייטשע מאַכט פאַראָרדנט דעם יודען־ראַט צוצושטעלן אַ געוויסע צאָל יידן — אָן אונטערשייד: יונגע, אַלטע...

די געטאָ־גאַסן זענען צום מאָמענט, ווען די געטאָ־פּאָליציי צו־זאַמען מיט ס. ס.־לייט האָבן אָנגעהויבן די כאַפּעניש, פולשטענדיק אויסגעליידיקט געוואָרן. פון די הייזער האָט מען געפירט אַלטע לייט, קראַנקע מענטשן, נישט קיין אַרבעטס־פעיקע, און קודם כל קינדער. זיי אַלע האָט מען אַריינגעשטויסן אין פאַרמאַכטע פון אַלע זייטן לאַסט־אויטאָס. ווי מ׳האָט זיך שפּעטער דערוווסט, זענען עס געווען „דושעגובקעס״, ווו מיטן גאַז פון אויטאָמאָביל האָט מען אַלעמען דערשטיקט. קיין טוטשינקע, ווו עס זענען געווען פאַרטיקע גריבער, האָט מען שוין געבראַכט בלויז מתים. דערוווסט האָט מען זיך עס פון איינעם, וועלכער איז לעבן געבליבן, ווייל ער האָט אַ טיכל באַנעצט מיט אורין און פאַרדעקט מיט איר מויל און נאָז...

ביי וועמען עס איז נאָך פאַרבליבן אַ קינד, האָט מען געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען מיטצונעמען עס צו דער אַרבעט. אין מיין קאָלאָנע האָט זיך געפונען אַ פרוי, וואָס האָט נאָכן פאַרבאָט מיטצונעמען קינדער צו דער אַרבעט, דאָך מיטגענומען איר 7־יעריק מיידעלע, וואָס איז איר פאַרבליבן פון פיר קינדער. מיר זענען צוגעקומען צו דער קאָנטראָל־בודקע ביים אַרויסגאַנג פון געטאָ. ס׳איז פונקט אַרויסגעגאַנגען אַן ס. ס.־מאַן מיט אַ באַנדיטישן אויס־זען. ווען ער האָט דערזען דאָס מיידעלע, האָט ער זיך געוואָרפן אויפן צעשראָקענעם קינד ווי אַ צעווילדעוועטע חיה. ער האָט עס אַרויס־געריסן פון דער מאַמעס אָרעמס און אַריינגעשטופּט אין דער קאָנ־

טראָל־בודקע. די מאַמע פון דעם קינד האָט אויפגעהויבן אַ יאָמערלעך געוויין. זי האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, געבעטן מ׳זאָל איר צוריק־געבן איר קינד. דער ס.ס.־מאַן האָט דעמאָלט אַרויסגעשלעפּט דאָס קינד פון דער בודקע, צוגעפירט צום ברעג טראָטואַר און אַרויפגע־שטעלט זיין באַטשוועקטן שטיוול אויפן העלדזל פון דעם צאַפּלדיקן קינד... די מאַמע איז אַראָפּ פון זינען. דער ס.ס.־מאַן האָט די אומ־גליקלעכע פרוי צוגעפירט צום דערמאָרדעטן קינד און זי דערשאָסן.

געווען איז עס אין אָקטאָבער 1942. די פרימאָרגנס זענען שוין געווען קאַלטע, די ערד איז געווען באַשיט מיט אַ דינעם שיכט שניי. מיט דעם אַרבעטער פון אונדזער קאָלאָנע, וועלכער האָט געהאַט דעם נומער 376 (דאָס האָט זיך גוט פאַרענדיקט...) איז געשען אַזוי, אַז ער איז אינדערפרי אַוועק שטילערהייט צו דער אַרבעט און איבערגעלאָזט אין בעט זיין קליין יינגעלע מיט אַ קראַנק פיסל. ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו זיין קאָלאָנע, וואָס האָט איינגיכן גע־דאַרפט אַוועקגיין צום אַרבעטס־פּלאַץ, האָט ער פּלוצלונג דערהערט אַ קינדערישן געוויין. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען זיין יינגעלע. ער איז געלאָפן אַ באָרוועסער אויפן פאַרשנייטן, פאַרפרוירענעם באָדן. דאָס קינד, וואָס איז נאָך נישט אַלט געווען קיין זעקס יאָר, איז געלאָפן אַזוי שנעל, ווי ווילדע חיות וואָלטן אים געיאָגט. ער איז צוגעפאַלן צום פאָטער מיט אַ געשריי, מיט זידל־ווערטער, וואָס די קינדער האָבן איבערגענומען פון די דערוואַקסענע. דאָס יינגל האָט זיך איינגעקלאַמערט אין פאָטער און געמאַכט אים פאָרווורפן פאַר־וואָס ער לאָזט אים איבער אַליין אין געטאָ, ס׳זאָל קומען נאָך אים דאָס קעטשל און פאַרגאַזן. „איך וויל נישט בלייבן אַליין אין געטאָ, איך וויל אויך לעבן" — האָט ער געשריגן.

דאָס געוויין פון קינד, זיינע געשרייען, האָבן דערשיטערט די אַרבעטער. אַפילו דער קאָלאָנען־פירער, אַ דייטשער באַן־אַרבעטער, האָט דוכט זיך אָפּגעפילט דעם קאָשמאַר. ער האָט דעם פאָטער באַ־פרייט דעם טאָג פון דער אַרבעט און געהייסן אים גיין מיטן קינד אַהיים.

אין די וועלדער

שפּעטער האָט דער ייִד מיר דערציילט: פאַרבלייבנדיק אַ גאַנצן טאָג מיטן קינד אין שטוב האָט ער איבערגעלעבט מוראדיקע שרעק. פּונקט יענעם טאָג איז די געטאָ־פּאָליציי געלאָפן איבער די הייזער און געזוכט מענטשן, וועלכע זענען נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. דעמלט האָט זיין יינגעלע אַליין צוגעטראַכט אַזאַ מין פּלאַן: ער וועט פון געטאָ אַרויסגיין אַליין, ער איז אַ קליינער, וועט ער זיך קענען דורכשטופּן דורך די דראָט־פאַרצוימונגען, און דערנאָך וועט ער אויף דער צווייטער זייט אָניאָגן דעם פאָטער, ווען ער וועט גיין מיט זיין קאָלאָנע צו דער אַרבעט.

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט איז דער פאָטער אַרויס פון שטוב מיטן קינד. ער איז געגאַנגען מיט אַן אַנדער וועג, מיט הינטערגעסלעך צו דער דראָט־פאַרצוימונג אין שכנות מיט אַ ווייסרוסישער געגנט. ער האָט דאָרט געלאָזט דעם יינגל און איז אַוועק אין זיין אַרבעטס־קאָ־לאָנע. מיט אַ צעקלעמט האַרץ איז ער אַרויס פון געטאָ און מיט אומרו זיך אַרומגעקוקט, צי דער פּלאַן וועט זיך זיין קינד איינגעבן. ער איז שוין געווען מיט זיין קאָלאָנע אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, ווי ער האָט דערזען זיין זונעלע, וועלכער קוקט זיך אַרום ביי דער פאַרצוימונג, הויבט פאַרזיכטיק אויף די שטעכעדיקע דראָטן ביי דער ערד, קריכט דורך און הויבט אָן שנעל צו לויפן. ער איז צו צו דער קאָלאָנע, צוגעפאַלן צום טאַטן און מיט קינדערישער פרייד אים געזאָגט: „זעסט, כ'האָב זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ און די פּאָליציי האָט מיך נישט געזען" דער דייטשער באַן־באַאַמטער, וועלכער האָט אָבסערווירט די סצענע, האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט.

14. ביינאַכט אין געטאָ

די ווינטער־נעכט אין מינסקער געטאָ זענען געווען לאַנגע, אומרואיקע. לויט דער פאַראָרדענונג פון די דייטשן איז שטרענג פאַרבאָטן געווען צו פאַרלאָזן די שטוב, נאָכדעם ווי ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט. די פאַראָרדענונג האָט אויך געוואָרנט, אַז ווער ס'וועט געטראָפן ווערן אין גאַס אין די פאַרבאָטענע שעה'ן וועט דערשאָסן ווערן. צוליב דעם איז קיין קאָנטאַקט צווישן שכנים כמעט ווי נישט געווען. צום פאַרפינצטערן דאָס לעבן האָבן אויך מיטגעווירקט די וווינונגס־באַדינגונגען. עטלעכע פאַמיליעס האָבן געלעבט אין איין צימער מיט אַ קיך. יעדער האָט געוואָלט אָפּקאָכן זיין ביסל געקעכטס פריער און ס'זענען אַנטשטאַנען קריגערייען. ס'איז געווען אַלעמאָל ווייניקער וואָס צו קאָכן. די הויפּט־דערנערונג איז באַשטאַנען פון קאַרטאָפל, מער פון שאָלעכץ פון קאַרטאָפל, וואָס מ'האָט אויסגעמישט מיט קאָרן־מעל צוזאַמען מיט קלייען. דערנאָך איז דאָס אויך געוואָרן אַ לוקסוס. אַ טייל איינוווינער פון געטאָ האָבן נאָך אַלץ געקאָנט זיך איינשאַפן פּראָדוקטן דורך אויסטויש. מ'האָט אַרויסגעטראָגן קליידער און שוכוואַרג פון די געשטאָרבענע און אומגעקומענע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, פון קינדער, און מען האָט עס ביי די שטעכל־דראָטן אויסגעטוישט אויף פּראָדוקטן, וואָס די פּויערים פלעגן אַלץ זעלטענער ברענגען צו דער געטאָ־פאַרצוימונג.

די מעגלעכקייטן צו באַקומען שפּייז זענען אַלץ מער באַגרענעצט געוואָרן און מען האָט כסדר געמוזט זוכן נייע מיטלען זיך צו ראַטעווען פון אַ הונגער־טויט. מ'איז געגאַנגען אויף ערטער, וווּ עס זענען געווען גערטנער, וואָס זענען פאַרלאָזט געוואָרן און ס'זענען

מיינע געטאָ־שכנים און פּאַרטיזאַנישע קאַמפּס־חברים — בעלאַ
און יעקב גרינשטיין. זיי לעבן היינט אין ישראל.

געוואַקסן ווילד־גראָזן. צווישן די ווילד־גראָזן איז אַנזעעוודיק געווען קראָפּעווע. אין יענער צייט איז עס געווען איינער פון די אָפּטסטע דערנערונגס־מיטלען. מיר האָבן די אַנגעריסענע גראָזן געקאָכט צוזאַמען מיט די רעשטן שוואַרצע מעל. אָפט איז עס געווען די איינציקע שפּייז פאַרן גאַנצן טאָג.

אויך ביי דער אַרבעט האָט מען קיינמאָל נישט באַקומען אָפּ־צועסן צו דער זעט. דאָרט איז דער „מיטאָג״ באַשטאַנען פון אַ האַלבן ליטער וואַסערדיקע זופּ מיט הונדערט גראַם קלעפּעדיק־שוואַרצע ברויט. דאָס האָט געדאַרפט גענוג זיין אויף אַ גאַנצן טאָג שווערע אַרבעט. עס זענען געווען פאַלן, ווען יידן, אין עלטער פון פערציק־פופציק יאָר, זענען ביי דער אַרבעט געפאַלן פאַרחלשטע. עס האָט אַ סך מאָל געטראָפן, אַז צוריקקומענדיק אַהיים פון דער אַרבעט, האָט מען אין שטוב גאָרנישט מער געהאַט צו נעמען אין מויל. דערצו זענען צוגעקומען די ליידן פון די אויסגעהונגערטע קינדער. זייערע קרעכצן איז שווער געווען איבערצוטראָגן. דער צער פון די קינדער האָט נישט געלאָזט איינשלאָפן.

צום הונגער, קעלט און שמוץ, זענען אין די שלאָפלאָזע לאַנגע נעכט צוגעקומען נאָך אַנדערע צרות. ביינאַכט האָט מען פּלוצלונג דערהערט געשרייען, וואָס זענען געקומען פון אַ הויז נישט ווייט פון אונדז. פריער זענען עס געווען געשרייען פון דייטשן, באַגלייט מיט דער בילעריי פון הינט.

אין אָנהויב 1943 יאָר האָט די געסטאַפּאָ אָנגעהויבן אין די שפּעטע נאַכט־שעהן מאַכן איבערפאַלן אויף איינצלנע הייזער פון געטאָ אונטערן אויסרייד, אַז זי זוכט פאַרטיזאַנער.

געווען איז עס אין אַ נאַכט פון חודש פעברואַר 1943. ס׳האָט זיך דערהערט אַ טומל ביי אַ דערנעבנדיק הויז און געשרייען פון דייטשן. דאָס זענען געקומען איינזאַץ־גרופּן, וואָס האָבן דורכגעפירט מאָרד־אַקציעס. אין אונדזער וווינונג זענען מיר געווען דריי משפּחות, צוזאַמען מיט צוויי קינדער, צווישן זיי מיין ייִנגל, נאַטאַן. מיר זענען אַלע אַראָפּגעלאָפן פון די געלעגערס און זיך גלייך געלאָזט צו דער

באַהעלטעניש אין קעלער, וואָס איז געווען פון לאַנג צוגעגרייט פאַר די קינדער. די קינדער האָבן געוווסט, אַז אין פאַל פון אַ געפאַר דאַרף מען וואָס גיכער אַראָפּלויפן און זיך באַהאַלטן אונטער דעם פאַס מיט וואַסער, וואָס האָט מאַסקירט דעם אַריינגאַנג.

מיר, די איבעריקע איינוווינער פון דעם הויז, זענען געבליבן וואַרטן אין דער וווינונג. צו יענער צייט איז געווען אַ פאַראָרדענונג, אַז ביים אַריינגאַנג פון הויז דאַרף זיין אַ ליסטע מיט די נעמען, עלטער און געשלעכט פון אַלע איינוווינער. בעת די ביינאַכטיקע אָנפאַלן פלעגט געסטאַפּאָ קודם־כל קאָנטראָלירן די ליסטע פון די איינוווינער, די צאָל אַנוועזנדיקע אין דער וווינונג. אויב די צאָל האָט נישט געשטימט, זענען אַלע איבעריקע דערמאָרדעט געוואָרן.

ווען מיר האָבן דערהערט ,אַז די ס.ס.־באַנדיטן זענען אַריין אין דעם שכנותדיקן הויז, זענען מיר זיכער געווען, אַז זיי וועלן אויך קומען צו אונדז, ווו ס׳האָבן שוין געפעלט אייניקע פון די איינוווי־נער, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע, אוק־ראַינישע און אַנדערע באַנדיטן. איינצלנע פון דעם הויז זענען אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער. צווישן די פאַרבליבענע איז געווען דאָס פּאָרפאָלק יעקב און בעלאַ גרינשטיין, די פרוי נאַדיע מיט איר 10־יאָריק טעכטערל, איך מיט מיין שוועסטער חנה און מיין זונעלע נאַטאַן.

מיר האָבן גוט געפילט די געפאַר, וואָס דערנענטערט זיך צו אונדז, צוליב דעם וואָס עס האָבן געפעלט אייניקע מענער און פרויען פון די אויסגערעכנטע אין דער אויסגעקלעפּטער ביים טיר ליסטע. מיר זענען אין גרעסטער נערוו־שפּאַנונג געגאַנגען הין און צוריק, צייטנווייז זיך באַגעגנט מיט די אומרואיקע בליקן. די געשרייען פון די דייטשן האָבן זיך געהערט נענטער. ס׳האָט זיך אויך דערהערט אַ שיסעריי. מיר האָבן דעמלט געמיינט, אַז די שיסעריי איז געצילט אין אונדזער הויז. באַלד זענען געקומען פאַרצווייפלטע געשרייען פון פרויען און קינדער פון דעם דערנעבנדיקן הויז. מיר האָבן געהערט דעם באַפעל פון די דייטשן ,אַז אַלע זאָלן אַרויס פון די וווינונגען און זיך שטעלן אויפן פלאַץ פאַרן הויז.

מיר האָבן קלאָר געהערט, ווי פרויען און קינדער האָבן פאַר־צווייפלט געבעטן מ׳זאָל זיי לאָזן לעבן. ביי די לעצטע געשרייען פון די שכנים האָבן די נערוון ביי אונדז נישט אויסגעהאַלטן. מיר האָבן נישט געקאָנט בלייבן אויף איין אָרט. מיר זענען געלאָפן הין און צוריק. איניקע זענען אַרויף אויפן בוידעם און באַלד צוריק אַראָפּ. אַנדערע זענען דאָרט געבליבן און דורך אַ קליינער עפענונג געזען, ווי אַזוי די ס.ס.־באַנדעס האָבן געפייניקט און אומגעבראַכט די מענטשן.

מיר האָבן געזען ווי מ׳האָט אַלע, וועלכע זענען צונויפגעטריבן געוואָרן אויפן פּלאַץ, אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, מערסטנס פרויען און קינדער. דורך אַ שפּאַרונע האָב איך באַמערקט, ווי איינער פון די ס.ס.־לייט, אַ געוויקסיקער, מיט אַ רוצחישן פּנים האָט זיך דער־נענטערט צו אַ יונגן ייד פון די אויסגעשטעלטע און ביי אים געפרעגט וועלכע עס איז זיין מוטער. אין זעלבן מאָמענט האָט ער אים אָנגע־הויבן שלאָגן מיט אַ לאַנגן האָלץ און דערנאָך אים באַפוילן ער זאָל מיטן זעלבן האָלץ שלאָגן זיין מוטער. דער יונגערמאַן, אַ צעממית־טער, האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם באַפעל. ער איז דערמאָר־דעט געוואָרן אויפן אָרט.

מיר זענען אַראָפּ פון בוידעם. אויב די ס.ס־לייט וועלן אַריינ־קומען צו אונדז אין הויז, איז בעסער מיר זאָלן זיין אויפן אָרט. אפשר וועלן זיי נישט זוכן באַהאַלטענע קינדער. געשען איז אַזוי, אַז די מערדער זענען צו אונדז נישט אַריין.

די נאַכט זענען מיר שוין פאַרבליבן אין אונדזערע קליידער, נישט צומאַכנדיק קיין אויג. ביסלעכווייז האָבן מיר אָנגעהויבן קומען צו זיך. אויף צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען אויפן פּלאַץ געזען בלוט־קאַלוזשעס, צעריסענע פּערענעס. דאָס הויז איז געשטאַנען שטום. די אויפגעריסענע טירן, צעהאַקטע שויבן, האָבן עדות געזאָגט וועגן דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען ביינאַכט.

ווען מיר זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָט איינער דעם צווייטן אין די קאָלאָנעס איבערגעגעבן וועגן דעם ביינאַכטיקן חורבן.

פון געטאָ

אַ סך האָבן אויפגענומען די ידיעה מיט אַ קרעכץ, מיט פולער האָפ־נונגסלאָזיקייט. געווען זענען שוין אָבער דעמלט אין מינסקער געטאָ נישט ווייניק, וועלכע האָבן אין טיפן אונטערערד געפירט דעם ווי־דערשטאַנד־קאַמף, געזאַמלט געווער און אַרויסגעפירט פיל צענדלי־קער יידן אין די פּאַרטיזאַנער־וועלדער.

15. דער גורל פון מיינע אַרבעטס-חברטעס

די גאַנצע צייט אין געטאָ האָב איך כסדר געזוכט באַקאַנטע, מיט וועלכע איך האָב פאַר דער מלחמה געאַרבעט אין דער מינסקער טריקאָטאַזש־פאַבריק. לײַדער האָב איך קיינעם נישט געטראָפן. כ'האָב געטראַכט, אַז אפשר האָבן זיי אַלע באַוויזן זיך צו עוואַקואירן, אָדער זיך אַן עצה צו געבן אויף אַן אַנדער אופן, אַבי נישט זיין אין געטאָ.

גייענדיק איין מאָל אין דער ריכטונג פון דער אַרבעטס־בירזשע, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אַ באַקאַנט פנים פון אַ פרוי. אירע דורכדרינגנדיקע בליקן האָבן זיך אויף מיר אָפּגעשטעלט. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק אָנגעקוקט. מיר האָבן זיך דערקענט. זי האָט מיר געגעבן אַ צייכן איך זאָל אַוועקגיין אין אַ זייטיק ווינקל. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אויף צומאָרגנס, גאַנץ פרי, ביי דער אַרבעטס־בירזשע.

...ווען איך בין אין די ערשטע טעג פון חודש דעצעמבער 1939 אָנגעקומען קיין מינסק און אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער טריקאָטאַזש־פאַבריק „רויטער טעקסטילשטשיק" איז צווישן דער גרויסער צאָל אַרבעטערינס געווען אַ סך יידישע יונגע מיידלעך. אין דער אָפּטיילונג ווו מען האָט געשטריקט פולאָווערס פאַר מענער און קינדער, דאָרט ווו איך האָב געאַרבעט, זענען געווען איינגעשטעלט גרויסע אויטאָ־מאַטישע שפול־מאַשינען, וואָס זענען באַדינט געווען פון יונגע מייד־לעך. עס איז געווען איינגעפירט, אַז די שפולערינס האָבן צוגעטראָגן צו די אַרבעטער שפולקעס מיט וואָל. צווישן די אַרבעטערינס, וואָס האָבן מיר צוגעטראָגן די שפולקעס וואָל האָט זיך געפונען אַ צאַרט יידיש מיידל מיט וואַרעמע אויגן, אין וועלכע ס'איז געווען אַ סך

גוטסקייט. מיר האָבן זי גערופן מאַשענקע. די דאָזיקע מאַשענקע איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון די פּליטים פֿון פּוילן, וועלכע זענען מאַסנווייז אָנגעקומען אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, כדי זיך ראַטעווען פון די היטלעריסטן.

די פּליטים, וועלכע זענען אַזוי ווי איך, מיין פרוי און שוועסטער אָנגעקומען אַרבעטן אין דער פאַבריק „רויטער טעקסטיל־שטשיק", האָבן אין מאַשענקען געפונען אַן אייגענע שוועסטער. זי האָט נישט גערוט, נאָכאַנאַנד זיך נאָכגעפרעגט ביי יעדן וואָס ער דאַרף, וואָס עס פעלט, איז געלאָפן, זיך באַמיט און געפועלט אַ סך זאַכן, וואָס האָבן פאַרלייכטערט דאָס לעבן.

אין דער באַגעגנטער אויסגעמאַטערטער פרוי איז קוים געווען צו דערקענען די יונגע דינאַמישע מאַשע. בלויז אירע אויגן, אירע שטענדיק וואַרעמע אויגן זענען געווען די זעלבע.

מיר האָבן זיך באַגעגנט, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, ביי דער אַרבעטס־בירזשע, ווו שטענדיק זענען געווען פיל מענטשן.

זי האָט גענוי מיך אויסגעפרעגט וועגן אַלץ, וואָס איז מיט מיר געשען פון אָנהויב מלחמה און וועגן מיין לאַגע אין געטאָ. וועגן זיך האָט זי גאָרנישט געזאָגט. איך האָב געפילט אַ גרויסע רעזערוו־באַציאונג פון איר זייט. אַזוי בעת עטלעכע באַגעגענישן. איינמאָל האָט זי אָן שום פאָררעדעס מיר געגעבן צו וויסן, אַז אין געטאָ איז פאַראַן אַ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער עס געהערן אַ סך עלטערע און יונגטלעכע. זי אַליין געהערט צו אַ יוגנט־גרופּע. זיי פאַרנעמען זיך מיט פאַרשפּרייטן אויפרופן, פלוג־בלעטלעך, ראַדיאָ־ידיעות צווישן די געטאָ־איינוווינער. זי איז זיכער, אַז איך וועל אויך צושטיין צו דער אַרבעט. מען דאַרף אָבער זיין פאָרזיכטיק, ווייל אין געטאָ זענען פאַראַן פאַררעטער, וועלכע קאָנען אויסגעבן.

מאַשע האָט מיר אויך דערציילט, אַז קליינע גרופּן פירט מען אַרויס פון געטאָ אין די וועלדער, ווו עס געפינען זיך פאַרטיזאַנער. דער וועג צו די פאַרטיזאַנער איז פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר, ווייל

די פּאַטרולן פון די ס.ס.־לייט און ווייסרוסישער פּאָליציי רינגלען אַרום מינסק ווי מיט אַ צוים. עס זענען געווען פאַלן, ווען עס איז געקומען צו שיסערייען און קורצע קאַמפן צווישן די מענטשן פון געטאָ און דער פּאָליציי.

אייניקע אַרבעטער, וועלכע זענען באַשעפטיקט אין מיליטער־רישע מאַגאַזינען, גיט זיך צייטנווייז איין אַרויסצוטראָגן אַ רעוואָל־ווער, גראַנאַטן, אַמוניציע־טיילן, אויך וואַרעמע וועש, קאָלדרעס. דאָס אַלץ ווערט פון געטאָ אַריבערגעשיקט צו די פּאַרטיזאַנער. מאַשע זאָגט, אַז אין געטאָ זענען פּאַראַן אַ סך גרופּן ,וואָס ווילן אַוועק אין די וועלדער. עס פעלט זיי אָבער געווער.

ביי איינער אַ טרעפונג מעלדעט מיר מאַשע אין אַ באַפעלע־רישן טאָן ,אַז די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן אַרויפ־צולייגן אויף מיר די פליכט אויפצושטעלן אַ גרופּע פון צען קאַמפּס־פעאיקע מענער, וועלכע זאָלן זיך גרייטן אַרויסצוגיין פון געטאָ אין די וועלדער, וווּ עס געפינען זיך פּאַרטיזאַנער.

איך האָב זיך צוגעהערט צו אירע רייד און צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן, כדי צו שאַפן אַזאַ גרופּע. צו יענער צייט האָט די אָקופּאַציע־מאַכט מיט דער הילף פון דער יידישער פּאָליציי כסדר געוואָרנט, אַז מען זאָל נישט אַנטלויפן אין די וועלדער, דערביי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז נאַיווע מענטשן לאָזן זיך דורך דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע אָפּנאַרן צו גיין אין די וועלדער, ווו זיי ווערן דערמאָר־דעט דורך די פּאַרטיזאַנער.

ווען איך האָב זיך גענומען אַדורכצופירן די אויפגאַבע, וואָס מאַשע האָט מיר געגעבן, איז מיר געלונגען זיך צו פּאַרבינדן מיט פינף יידן ,וועלכע זענען געווען גרייט אויף אַלץ, בכדי אַנצוקומען אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער און מיט זיי צוזאַמען נקמה נעמען אין די היטלער־מערדער. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ יונגע פרוי, ליובע. אירע צוויי קינדער און דעם מאַן האָבן די היטלעריסטן געהאַט דערמאָרדעט. דער צער פון אַ מאַמען ,וואָס האָט פאַרלוירן אירע קינדער, האָט זיך צונויפגעמישט מיט דער שנאה צו די מערדער

און דעם באַגער צו נעמען אין זיי נקמה. אין אונדזער גרופּע איז אויך געווען אַ יונגער סטודענט, אָלשאַנסקי. דאָס איז געווען אַן איידעלער בחור. ער איז נישט געווען קיין באַרעדעוודיקער, אָבער מען האָט געקאָנט דערקענען אין אים, אַז זיין גאַנץ וועזן איז געווען דורכגענומען מיטן דראַנג צו נעמען נקמה אין די מערדער פון זיין גאַנצער משפּחה.

נאָכן שאַפן די גרופּע האָב איך אייניקע טעג געוואַרט צו טרעפן זיך מיט מאַשען, כדי זי זאָל מיר געבן די פאַרבינדונג און מיר זאָלן קאָנען אַרויס פון געטאָ, צו די פּאַרטיזאַנער. אין איינעם אַ טאָג האָבן זיך פלוצלונג באַוויזן פייער־פלאַמען פון אַ גאַס, וואָס געפינט זיך ביי דער סאַמע גרענעץ פון געטאָ. די פלאַמען האָבן זיך פונאַנדערגע־שפּרייט אין דער זעלבער צייט, ווי די לעצטע זון־שטראַלן זענען פאַרשוווּנדן.

די שכנותדיקע געטאָ־איינוווינער, צוליב מורא ,אַז די פלאַמען זאָלן נישט אַרומכאַפּן אויך זייערע וווינונגען, זענען אַרויס פון זייערע געטאָ־דירות. ווען זיי האָבן דערזען, ווי דאָס הויז, וואָס איז געשטאַ־נען אין פלאַמען, איז אַרומגעשטעלט מיט געסטאַפּאָווצעס, זענען זיי פון שרעק צוריקגעלאָפן אין זייערע הייזער. אַ גאַנצע נאַכט האָבן געפלאַקערט די פלאַמען, ביז זיי האָבן אויסגעברענט יעדן שפּור פון לעבן אין דעם פאַרברענטן הויז.

אויפן צווייטן טאָג, אין די פרימאָרגן־שעהן, ווען די אַרבעטער, וואָס האָבן געדאַרפט אַוועקגיין צו זייערע אַרבעטס־פּלעצער, האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי דער אַרבעטס־בירזשע, האָט מען זיך געסודעט און דערציילט וועגן דער נעכטיקער שריפה. צווישן אונדז זענען געווען עטלעכע שכנים ,וואָס האָבן געוווינט נישט ווייט פון דעם פאַרברענטן הויז. איינער האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט פאַרזיכ־טיק אָבסערווירט וואָס עס קומט פאָר לעבן דעם ברענענדיקן הויז. ער האָט שעפּטשענדיק שטיל איבערגעגעבן די געשעעניש אומגעפער אַזוי: „נעכטן נאָך דער אַרבעט, צווישן פינף און זעקס פאַרנאַכט, האָב איך פלוצלונג דערהערט אַ גערויש פון אויטאָס, וואָס האָבן

זיך דערנענטערט צו דער גאַס, וווּ איך וווין. איך האָב זיך געטראַכט, ווי געוויינלעך אין אַזאַ פאַל, אַז ס'איז געקומען אַ סוף צו אונדזער לעבן. ס'איז געוואָרן אַ טומל און עס האָבן זיך דערהערט הירזשענ־דיקע געשרייען פון די ס.ס.־לייט. זיי האָבן אַרויפגעשריען צום צווייטן שטאָק פון שכנותדיקן הויז אין דייטש און רוסיש, אַז די מענטשן פון דאָרט זאָלן זיך אונטערגעבן. קיינער איז אָבער פון דאָרט נישט אַראָפּ. די דייטשן האָבן באַשפּריצט דאָס הויז מיט בענזין. באַלד דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן וואַרפן גראַנאַטן, און דאָס גאַנצע הויז איז געוואָרן אַרומגענומען פון פייער".

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז איין איינוווינער איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון ברענענדיקן הויז. ער האָט דערציילט, אַז אויפן צווייטן שטאָק, אין אַ צימער, האָבן זיך געפונען אַ ראַדיאָ און אַ קליינע האַנט־דרוקערײַ, אויף וועלכער עס זענען געדרוקט געוואָרן אויפרופן צו פאַרשפּרייטן צווישן דער באַפעלקערונג אין געטאָ. אין זעלבן צימער פלעגן אויך פאָרקומען באַראַטונגען פון ווידער־שטאַנדס־גרופּן. אין דעם מאָמענט, ווען די ס.ס.־לייט האָבן זיך דער־נענטערט צום הויז, איז אין צימער, אויפן צווייטן שטאָק, פאָרגעקו־מען אַ באַראַטונג פון אַ גרופּע אונטערערדישע טוער. די דייטשן האָבן אַרויפגעשריען, אַז זיי זאָלן זיך אונטערגעבן. די דייטשע גע־שרייען און באַפעלן זענען געווען באַגלייט מיט שיסערייען. די יידישע ווידערשטענדלער האָבן געוואָרפן דורכן פענצטער אַ גראַנאַט אין די דייטשן. דאָס הויז איז באַלד דערנאָך איינגעהילט געוואָרן אין פלאַמען. צווישן די אומגעקומענע אין די פלאַמען האָט זיך אויך געפונען מיין אַרבעטס־און קאַמפס־חברטע מאַשע.

**
*

און נאָך וועגן איין אַרבעטס־חברטע ווילט זיך דאָ דערציילן. צווישן די פּילצאַליקע אַרבעטערינס אין דער פאַבריק „רויטער טעקסטילשטשיק" האָט זיך באַזונדערס אָנגעזען אַ קליין־וווּקסיק בלאָנד

יידיש מיידל מיט בלויע אויגן און אַ גוטמוטיק פּנים. זי איז געווען באַליבט ביי אַלעמען אין דער פאַבריק, מ׳האָט זי גערופן נושע. זי האָט געלערנט אין אַ מינסקער טעכניקום און דאָרט באַקומען טעכנישן און טעאָרעטישן וויסן. שטענדיק איז זי, אַ גוטמוטיקע, אַרומגעגאַנגען צווישן די אַרבעטער, אויפגעקלערט, געגעבן צו פאַרשטיין פאַרשידענע זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום פאַך.

מיטן נאָטיץ־ביכעלע אין דער האַנט איז זי געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן. איר אויפגאַבע איז געווען זאָרגן פאַרן ריטם פון דער אַרבעט. זי איז געשטאַנען ביי אַ מאַשין און אָבסערווירט דעם אַרבעטס־טעמפּ ביי יעדן באַזונדער. דערביי האָט זי געגעבן פאַרשידענע טעכנישע, פּראַקטישע אָנווייזונגען כדי צו פאַרבעסערן די טריקאָטאַזש־פּראָדוקציע. די באַמערקונגען האָט זי אַלעמאָל נאָטירט אין איר נאָטיץ־ביכעלע.

אין די געטאָ־באַדינגונגען האָט זיך דער אויסזען פון מענטשן שטאַרק געענדערט. ס׳איז אָפט שווער געווען צו דערקענען אַלטע באַקאַנטע. יונגע מיידלעך, וואָס האָבן מיט חדשים צוריק, ביי׳ם אָנהויב פון געטאָ, אויסגעזען פריש, געזונט, האָבן באַקומען פאַרלאָשענע פּנימער.

גייענדיק איינמאָל צוריק פון דער אַרבעט, האָב איך דערזען צווישן די אָנקומענדיקע קאָלאָנעס אויך פרויען־גרופּעס. ווען כ׳האָב זיך פאַרנומען מיט דער גאַס צו מיר אַהיים, האָט זיך מיר פּלוצלונג געוואָרפן אין די אויגן אַ קליין־וווקסיקע פרוי מיט אַ פאַרעלטערט געזיכט. זי איז געגאַנגען מיט גאָר לאַנגזאַמע טריט. כ׳בין אַ רגע שטיין געבליבן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז די דאָזיקע פרוי האָב איך שוין ערגעץ־ווו באַגעגנט. איך בין צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט ווי זי הייסט. זי איז שטיין געבליבן פאַרוווּנדערט און באַלד נישט געענטפערט. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ פּאָר אויסגעלאָשענע אויגן. באַלד האָט זיך אין זיי באַוויזן אַ שמייכל. זי האָט מיר געזאָגט •

— איך קען אייך.

זי איז ווייטער געבליבן שטיל. אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

איך האָב אַנושען — זי איז עס געווען — אויסגעפרעגט וועגן אירע עלטערן, וועגן אירע ברידער. זי האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי איר גאַנצע משפּחה איז אומגעקומען. פון איר האָב איך זיך אויך דערוווסט גענויער וועגן דעם „ספּעקטאַקל", וואָס די ברוינע מענטשן־שונאים האָבן דורכגעפירט, אויסמאָרדנדיק דערביי טויזנטער מינסקער יידן.

אין חודש נאָוועמבער 1941, נאָכדעם ווי די מינסקער יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן אין געטאָ, איז אויסגעפאַלן דער יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די ס.ס.־לייט האָבן דאַן צונויפגעטריבן טויזנטער יידן אויף די גאַסן פון געטאָ צוזאַמען מיט זייערע קליינע קינדער. מען האָט זיי געצוווּנגען זיי זאָלן זיך אויסשטעלן אין רייען און טראָגן רויטע פענער, טראַנספּאַרענטן מיט סאָוויעטישע אויפשריפטן, מיט לאָזונגען אין דער רוסישער שפּראַך קעגן דער אָקופּאַציע־מאַכט.

נושע האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט אונדז נישט אונטער, זי האָט אָנגעהויבן פליסטערן, דערציילנדיק, אַז אַ טייל פון די געטריבענע האָבן באַלד פאַרשטאַנען וואָס ס׳וועט זיין זייער סוף. ס׳האָבן זיך ביי זיי אַרויסגעריסן געשרייען פון ווייטיק און פּראָטעסט קעגן דער פּראָוואָקאַטאָרישער שפּיל. זיי זענען אָבער ווייטער געטריבן געוואָרן איבער די געטאָ־גאַסן. שפּעטער האָט זיי באַגעגנט אַ געדיכטע שיסעריי פון אַלע זייטן. דער גרעסטער טייל געטריבענע איז געפאַלן טויט. די איבעריקע האָט מען אַריינגעוואָרפן אין לאַסט־אויטאָס און אָוועקגעפירט צו די צוגעגרייטע גריבער.

דער „ספּעקטאַקל" איז צוגעגרייט געוואָרן אַזוי, אַז דייטשע פילם־און פאָטאָ־אַפּאַראַטן האָבן געמאַכט אויפנאַמעס, וואָס האָבן געדאַרפט באַווייזן, אַז די יידן אין מינסק האָבן זיך רעוואָלטירט קעגן דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט.

אויף צומאָרגנס זענען אין דער מינסקער דייטשער צייטונג געווען פאָטאָגראַפיעס פון דער מאַניפעסטאַציע מיט אַ צושריפט: „אַזוי איז די חוצפּהדיקע יידישע ראַסע אַרויס אין קאַמף קעגן דעם דייטשן רייך".

— מיר זענען אייניקע טעג — האָט מיר נושע געזאָגט — געווען באַהאַלטן אין די קעלערס און אויף די בוידעמער. ווען מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז די מערדער־באַנדעס זענען שוין אַוועק פון געטאָ, זענען מיר פאַרזיכטיק אַרויס און אַוועק אין אַן אַנדער געגנט, ווו די „מאַניפעסטאַציע" איז נישט פאָרגעקומען.

אַנושען האָט דער אַרבעטס־אַמט געשיקט אַרבעטן אין דער מינ־סקער טורמע. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין רוימען די צימערן פון טורמע־וועכטער און די קלאָזעטן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן שטח פון דער טורמע. אין די ערשטע וואָכן האָט זי נאָך געהאַט אַ ביסל עסנ־וואַרג, וואָס איז פאַרבליבן אין די הייזער, פון וואַנען מ'האָט אַרויס־געטריבן די יידן צו דער בלוטיקער „מאַניפעסטאַציע". דערנאָך האָט זי שוין געמוזט לעבן פון דעם, וואָס זי האָט באַקומען ביי דער אַרבעט. צוויי הונדערט גראַם קלעפּיק ברויט און אַ וואַסערדיקע זופּ. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, דער רעזשים — אַ שטרענגער.

דאָס שרעקלעכסטע איז פאַר אַנושען געווען צוצוהערן זיך צו די הילפס־רופן פון די געפייניקטע אַרעסטירטע. פון די טורמע־קאַמערן זענען דערגאַנגען צו איר געשרייען, גסיסה־קרעכצן. זי האָט געזען, ווי עס קומען לאַסט־אויטאָס און נעמען צו מענער, פרויען און אויך קינדער. געוווסט האָט מען, אַז קיינער קומט שוין נישט צוריק...

כדי קיינער פון די פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אויפן טורמע־הויף און האָבן צוגעזען די בעסטיאַלישע מעשים, זאָל נישט בלייבן קיין עדות, האָט מען זיי לאַנג נישט געלאָזט ביי דער אַרבעט. די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט איינגעפירט, אַז יעדע גרופּע פרויען, וואָס מ'האָט געבראַכט פון געטאָ, זאָל נאָך אייניקע וואָכן פאַרביטן ווערן דורך אַ צווייטער. די פריערדיקע גרופּע פלעגט געוויינלעך

אַוועקגעפירט ווערן הינטער דער שטאָט און דאָרט דערמאָרדעט ווערן.

אַנושע האָט געפילט, אַז די נאָענטסטע טעג דערוואַרט דער זעל־בער גורל איר אַרבעטס־גרופּע. זי האָט פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל איר געבן אַ קאָנטאַקט. זי האָט זיך פאַרבונדן מיט אַן אונטערערדישער יוגנט־גרופּע און זיך אויסבאַהאַלטן אין זעלבן הויז, וווּ זי האָט געוווינט, וואַרטנדיק אויף דער מעגלעכקייט אַוועקצוגיין אין וואַלד.

אין איינעם אַ טאָג בין איך אַוועק צו אַנושען אין איר באַהעל־טעניש. כ׳האָב אָבער קיינעם נישט געטראָפן. דאָס הויז איז געווען פּוסט, די פענצטער — אַרויסגעריסן. ווי שכנים האָבן דערציילט, איז דאָרט פאָרגעקומען אַן איבערפאַל. אַלע איינוווינער פון דעם הויז זענען אַרויסגעצויגן געוואָרן פון די באַהעלטענישן און דערמאָרדעט געוואָרן. צווישן די דערמאָרדעטע איז אויך געווען נושע.

16. די געטאָ־פּאָליציי

צוזאַמען מיטן יודען־ראַט איז אין מינסקער געטאָ, לויט אַ פּאַראָרדענונג פון די היטלעריסטן, געשאַפן געוואָרן די אַזוי גערו־פענע „אָרדנונגס־דינסט", די געטאָ־פּאָליציי. אַהין האָבן זיך געמאָלדן מענטשן, וועלכע עס האָט געלאָקט די אויסזיכט צו באַקומען מער שפּייז, האָבן אַ סך פּריווילעגיעס און קודם־כל נישט דאַרפן גיין אויף צוואַנגס־אַרבעט און זיין באַוואָרנט, ווי זיי האָבן געמיינט, פון איבערפאַלן מצד דער געסטאַפּאָ.

אַלס ערשטער קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליציי איז לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דעמלטיקן „עלטעסטן דער יודען", פאָר־זיצער פון יודען־ראַט אליהו מושקין, באַשטימט געוואָרן זיאַמע סערעבריאַנסקי. מיט אַ סך צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז סיי מושקין, סיי סערעבריאַנסקי און סיי אַנדערע מיטגלידער פון ערשטן יודען־ראַט, האָבן געהערט צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון געטאָ און האָבן געטריי אויסגעפירט די באַפעלן פון שטאַב, וועל־כער האָט זיך געפונען אין דער באַהייצונגס־אָפּטיילונג פון געטאָ־שפּיטאָל.

נאָכדעם, ווי געסטאַפּאָ איז געפאַלן אויף די שפּורן פון דער אַלשטאָטישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און פון דער געטאָ־אָרגאַניזאַציע, זענען צוזאַמען מיט די ווייסרוסישע און רוסישע אָנפירער פון ווי־דערשטאַנד, אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף די מינסקער גאַסן אויך אליהו מושקין, זיאַמע סערעבריאַנסקי און אַנדערע מיטגלידער פון יודען־ראַט. אין געטאָ האָט מען דאַן דערציילט וווּנדערלעכע געשיכ־טעס וועגן דער אַרבעט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און וועגן אירע

אויף די מינסקער גאַסן האָט געסטאַפּאָ אויפגעהאָנגען קעמפער
פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, צווישן זיי אויך די מיטגלידער
פון יודען־ראַט.

אַן אָבלאַווע אין מינסק — בילד פֿון קאַרפּאָוו

אָנפירער, וועלכע זענען נישט אַריינגעפאַלן אין די לאַפּעס פון שונא און טוען ווייטער די געהיימע אַרבעט.

אויפן אָרט פון זיאַמע סערעבריאַנסקין האָט די דייטשע מאַכט באַשטימט אַ מענטשן, צו וועלכן זי האָט געהאַט צוטרוי. זיין נאָמען איז געווען ראַזנבלאַט. צו אים איז צוגעשטעלט געוואָרן אַ געקומענער פון פוילן, עפּשטיין, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון די אַזוי גערופענע „אָפּעראַטיוויניקעס״. דאָס איז געווען אַ גרופּע פון דער געטאָ־פּאָליציי, וועלכע איז דירעקט אָנגעפירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. זי האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַקעמפן די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע, אַרעסטירן פּאַרדעכטיקטע אין אָנגעהערן צו איר, כאַפּן מענטשן, וועלכע גרייטן זיך אַוועקצוגיין אין וואַלד. די „אָפּעראַטיווניקעס״ האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף דער געטאָ־באַפעלקערונג. מען פלעגט זיך היטן פאַר זיי. באַזונדערס דריקנדיק איז געוואָרן די אַטמאָספער, ווען דער זעלבער עפּשטיין איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון דער גאַנצער געטאָ־פּאָליציי.

עפּשטיין האָט גוט באַהערשט די דייטשע שפּראַך. ער האָט אויך פאַרבראַכט מיט די געסטאַפּאָ־לייט, זיך באַטייליקט אין זייערע אָרגיעס. פאַרן קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי האָט מען איינגעאָרדנט אַ גרויסע לוקסוס־וווינונג. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט אַרויסגעוואָרפן אַ גרעסערע צאָל פאַמיליעס פון די וווינונגען און פון זייערע דירות געמאַכט איין וווינונג פאַר עפּשטיינען, ווו עס פלעגן אין לאַנגע ווינטער־אָוונטן פאָרקומען פאַרוויילונגען, אין וועלכע עס האָבן אָנטיילגענומען אָפיצירן פון געסטאַפּאָ, וואָס האָבן געבאַליעוועט צוזאַמען מיטן יידישן קאָמענדאַנט. פון עפּשטיינס וווינונג האָט מען אָפטמאָל ביינאַכט געקאָנט הערן פריילעכע אויסגעשרייען און אָפּקלאַנגען פון אויסגעלאַסענע אָרגיעס, וואָס האָבן אָפּגעהילכט אין דעם פינצטערן און פאַראומערטן חלל פון געטאָ.

די יידישע פּאָליציי האָט געטריי דורכגעפירט די באַפעלן פון די היטלעריסטן, האָט ברוטאַל, אומברחמנותדיק דורכגעפירט רעוויזיעס אין די הייזער. דאָס פלעגט צום גרעסטן טייל זיך פאַרענדיקן

מיט איבערגעבן די „פאַרזינדיקטע" אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

איינמאָל, אין די פרימאָרגן־שעהן, ווען דער גרעסטער טייל געטאָ־איינוווינער זענען געווען ביי דער אַרבעט, איז פלוצלונג געוואָרן אַ טומל אין געטאָ. די יידישע פּאָליציי־לייט האָבן צעיושעטע אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער די הייזער. זיי האָבן געשריגן מיט ווילדע קולות, אַז זיי קומען זוכן „פוילענצער" ד. ה. די וואָס ווילן נישט אַרבעטן. זיי האָבן געטראָפן בלויז קראַנקע, אַלטע, פרויען און קינדער. זיי האָבן זיך גענומען זוכן באַהעלטענישן און טיילמאָל אָנגעטראָפן אויף זיי.

מענטשן האָבן געהאַט פאַרשידענע איינפאַלן ווי אַזוי צוצוגרייטן באַהעלטענישן. אַפילו די קלענסטע קינדער זענען געווען אַזוי „אויסדרעסירט", אַז ווי נאָר עס איז געוואָרן אַ טומל אין געטאָ, האָבן זיי געוווסט אַז זיי דאַרפן לויפן אין די מעלינעס.

די יידישע פּאָליציי האָט דאָס אַלץ געוווסט. זי האָט געוווסט ווו צו זוכן. מערסטן טייל האָבן די פּאָליציאַנטן אָנגעטראָפן אויף אויסבאַהאַלטענע קינדער. די דערשראָקענע קינדער האָבן זיך געבעטן זיי צו לאָזן, ביז זייערע טאַטעס און מאַמעס וועלן צוריקקומען פון דער אַרבעט. די יידישע פּאָליציי האָט אָבער נישט געוואָלט הערן און זען דעם גרויסן צער פון די קינדער. בכדי אויסצופילן דעם באַפעל פון דער געסטאַפּאָ און צושטעלן די צאָל יידן לויט דער „טאָג־אַקציע", וואָס איז געמאַכט געוואָרן אונטערן אויסרייד אויסצורייניקן די געטאָ פון „פוילענצער", האָבן די געטאָ־פּאָליציאַנטן גענומען אויך קינדער, ווען זיי האָבן נישט געקאָנט כאַפּן די נויטיקע צאָל עלטערע מענער און פרויען.

די יידישע פּאָליציי האָט זיך אויך באַנוצט מיט פאַרשידענע מיטלען, כדי אָפּצונאַרן די מענטשן פון געטאָ. זי האָט געגעבן אָנצוהערן די צעשראָקענע יידן, אַז זיי קאָנען זיך אויסקויפן. נאַיווע מענטשן האָבן אָנגעהויבן גלויבן, אַז מיט גאָלד און צירונג וועלן זיי זיך אויסקויפן פון טויט. די געטאָ־פּאָליציאַנטן האָבן מיט גיריקייט אַרויסגעריסן די ווערט־זאַכן פון אַלטע, ציטערנדיקע הענט.

כלומרשט אַלס אויסקויף פאַרן שענקען דאָס לעבן, און האָבן עס פונאַנדערגעטיילט צווישן זיך.

***

געווען איז עס זומער 1942. אין די זונטיק־טעג האָבן אַלע געוואָלט זיך אַביסל אויסרוען פון דער גאַנצער וואָך שקלאַפערישער אַרבעט. פלוצלונג האָבן זיך באַוויזן יידישע פּאָליציאַנטן מיט לאַנגע שטעקנס און באַפוילן, אַז אַלע זאָלן זיך פאַרזאַמלען אויפן יובליי־פּלאַץ. דאָרט וועט מען לערנען די יידן, ווי אַזוי מען דאַרף זיך האַלטן ריין... צוליב די שווערע באַדינגונגען האָבן זיך פאַרשפּרייט אין געטאָ עפּידעמישע קראַנקייטן. די דייטשן האָבן מורא געהאַט, אַז די עפּי־דעמיעס זאָלן זיך נישט אריבערטראָגן אין זייערע מיליטערישע איינ־הייטן.

עס זענען אָבער געווען מענטשן, וועלכע האָבן בשום אופן נישט געוואָלט גיין צום זאַמל־פּלאַץ און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ווו איינער האָט נאָר געקאָנט. די געטאָ־פּאָליציאַנטן האָבן אַרויסגעצויגן פון די באַהעלטענישן און געטריבן צום פּלאַץ, וועלכער איז אַרומ־גערינגלט געווען פון פּאָליציי.

צו די צונויפגעטריבענע יידן האָט געהאַלטן רעדן דער פאַר־שטייער פון דער היטלעריסטישער מאַכט. ער האָט טאַקע גערעדט וועגן ריינקייט אין געטאָ, ווו 10־8 נפשות האָבן געלעבט אין איין צימער אָן די מינימאַלסטע היגיענע־באַדינגונגען. נאָך די ליגנערי־שע פראַזן וועגן היגיענע איז ער איבערגעגאַנגען צו שטרענגע דראָ־אונגען. דאָ האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט אַ ווילדער חיהשער שטימע, אַז די דייטשע מאַכט ווייסט, אַז די יידן אין געטאָ באַהאַלטן אויס פאַרטיזאַנער. אויב מען וועט איבערגעבן די פאַרטיזאַנער דער דייטשער מאַכט, וועט דאָס לעבן פון די יידן אין געטאָ זיין געזיכערט.

די צונויפגעטריבענע יידן האָבן נאָכן אויסהערן די „לעקציע" וועגן ריינקייט, דערנאָך די דראָאונגען, זיך אומגעקערט אין זייערע

ווױנונגס־לעכער, װו זײ האָבן געלעבט צוזאַמענגעדריקטע, דער שלאָגענע. קײן שפּײַז־רעזערוון זענען שױן נישט געװען. מענטשן זענען באַהערשט געװאָרן פון יאוש־שטימונגען. יעדערער האָט גע־װוסט, אַז זײַן לעבן איז באַדראָט. װוּ איז אָבער דער אױסװעג?

נישט קוקנדיק אויף די אַלע טעראָר־מיטלען פון דער געטאָ־פּאָליצײַ, אויפן נאָכשפּיאָנירן פון די „אַפּעראַטשיוּוניקעס", האָט מען אין געטאָ אַלץ מער געפילט, אַז ס'איז פאַראַן אַ געהײמע אָרגאַניזאַ־ציע. עס האָבן זיך געשאַפן גרופּן צו דרײַ און צו פינף, כּדי זיך דערשלאָגן צו די װעלדער, צו די פּאַרטיזאַנער.

געװען זענען אַ סך פאַלן, װען גרופּן זענען נישט דערגאַנגען. זײ האָבן זיך נישט אָריענטירט אין די װעגן און האָבן זיך אָנגע־טראָפן אויף דײַטשע װאַכן, אויף װײַסרוסישע פּאָליצײַ. די מערהײט אָרגאַניזירטע גרופּן, װעלכע זענען געשיקט געװאָרן מיט פּאַראָלן און װעג־װײַזערס, האָט דאָך דורכגעריסן די פאַרצוימונגען און זענען דערגאַנגען צו די פּאַרטיזאַנער, כּדי צו קעמפן קעגן דעם שונא און נעמען נקמה פאַר די לײַדן, פאַר די פאַרפײַניקטע אין געטאָ.

17. דער סוף פונעם געטאָ-האַנדל

אין די פאַרנאַכטיקע שעהן, ווען די יידן פון מינסקער געטאָ האָבן זיך אומגעקערט פון זייערע אַרבעטס-פּלעצער, זענען אייניקע נישט באַלד געגאַנגען צו זיך אַהיים. זיי זענען אַוועק אין אַ קליין פאַרוואָרפן געסל, וווּ עס זענען שוין געווען אַנדערע, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זיי. אין דעם פאַרוואָרפענעם געסל האָבן אויך געוואַרט קינדער, וואָס זענען אין געטאָ פרי רייף געוואָרן. זיי האָבן זיך געפירט ווי דערוואַקסענע. זיי האָבן געוואַרט אויף די יידן, וואָס זענען געקומען פון די אַרבעטס-פּלעצער מחוץ דעם געטאָ. יעדער איינער איז געקומען אַהער, אויפן געטאָ-באַזאַר, עפּעס אויסטוישן, קויפן אָדער פאַרקויפן. מ'האָט דער עיקר געזוכט עסנוואַרג, וואָס איז באַשטאַנען פון קעסעלעך געקאָכטע זופּ, שטיקלעך ברויט, טיילמאָל אויך אַנדערע פּראָדוקטן, מען האָט דאָס געטוישט אויף מענער-פּרויען-און קינדער-קליידער.

דער גרעסטער טייל פון די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ, זענען נישט געווען באַשעפטיקט ביי זייערע פאַכן. זיי האָבן געאַרבעט אַלס טרעגער ביים אויסלאָדן און אָנלאָדן וואַגאַנען און לאַסט-אויטאָס. זיי האָבן צום גרעסטן טייל געלעבט פון דעם, וואָס דער יודען-ראַט האָט זיי צוגעטיילט.

די דאָזיקע יידן האָבן אויפגעזוכט קליידונג פון געשטאָרבענע און דערמאָרדעטע אין דער משפחה און עס אַוועקגעטראָגן אויפן באַזאַר, כדי אויסטוישן אויף עסנוואַרג. אַ קליינער טייל געטאָ-איינוווינער האָט געאַרבעט ביי שניידעריי, שוסטעריי, אַלס מעכאַניקער. די אַרבעטס-אויפזעער אין די וואַרשטאַטן זענען געווען מער מענטש-

לעכע, זיי האָבן נישט באַהאַנדלט די אַרבעטער ברוטאַל. זייער מער מענטשלעכע באַציאונג צו די יידישע אַרבעטער האָבן זיי באַוויזן, למשל, ביים פונאַנדערטיילן דאָס געקאָכטע עסן צווישן די אַרבעטער. זיי האָבן טיילמאָל פאַרגרעסערט די צוגעטיילטע פּאָרציעס און שטי־לערהייט געזאָגט, אַז דאָס גיבן זיי ספּעציעל מער, כדי דער אַרבע־טער זאָל קאָנען מיטנעמען פאַר זיינע קינדער אין געטאָ. די צוגאָב־פּאָרציעס האָט מען אָפט אָפּגעגעבן אויסגעהונגערטע קינדער, וועל־כע האָבן ספּעציעל דערויף געוואַרט ביים געטאָ־טויער.

אַנדערע זענען מיט קעסעלעך עסן און מיט שטיקלעך ברויט גלייך אַוועק אויפן באַזאַר. טיילמאָל האָט זיך עמעצן איינגעגעבן צו באַקומען אויסערן געטאָ אויך אַביסל פעטס. דאָס איז געווען דער גרעסטער לוקסוס איז געטאָ. מיט דעם אַלעמען האָט מען אויפן באַ־זאַר „געהאַנדלט”. די אויסגעטוישטע זאַכן האָט מען אויף צומאָרגנס מיטגענומען צו זיך צו די אַרבעטס־פּלעצער, וווּ עס זענען אויך גע־ווען באַשעפטיקט רוסישע אַרבעטער, וועלכע האָבן שטילערהייט, קיין דייטשיש אויג זאָל נישט באַמערקן, געבראַכט צום טוישן ברויט, קאַרטאָפל און אַנדערע עסנוואַרגן. עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען רוסישע אַרבעטער האָבן נישט געוואָלט קיין באַצאָל.

דער באַזאַר פלעגט צייטנווייז באַפאַלן ווערן דורך קליינע קינדער, וועלכע דער הונגער האָט אָרגאַניזירט אין גרופּעס, כדי צוזאַמען זיך איינצושאַפן עסן. די קינדער האָבן זיך געזאַמלט אין פאַרלאָזטע געסלעך, אין אַלטע פוסטע הייזער. דאָרט פלעגן זיי מאַכן פּלענער, ווי אַזוי זיך צו פאַרשאַפן עסן. זיי פלעגן שטענדיק קומען פריער, איידער דער אויסטויש אויפן באַזאַר האָט זיך אָנגע־הויבן. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע ווינקלען און אָבסערווירט פונדערווייטנס. ווי נאָר זיי האָבן דערזען, אַז אויפן באַזאַר איז אָנגעקומען אַ יונג מיידל אָדער אַן אַלטע פרוי, וואָס טראָגן מיט זיך פּראָדוקטן אָדער אַנדערע זאַכן צום טויש, זענען זיי אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן און ברוטאַל באַפאַלן, אַרויסגעריסן

ביי זיי די זאַכן מיט אַזאַ כוח, ווי זיי וואָלטן קיין קינדער נישט געווען, און אַנטלאָפן מיט דעם אין ווייטע חורבות פון געטאָ.

די געטאָ־פּאָליציי האָט געוווסט וועגן דעם באַזאַר. זי האָט פון אים נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. זי האָט זיך אָבער געמאַכט נישט וויסנדיק, ווייל אַ סך פון די פּאָליצאַנטן זענען געווען איבערגעקויפט דורך די גרעסערע הענדלער.

געווען זענען גוטע פּאַכמענער, וועלכע האָבן אויספּאַריכט שיך און שטיוול. ווי נאָר ס'איז געווען אַ געלעגנהייט און דער אויפזעער פון וואַרשטאַט האָט זיך אָפּגעקערט, האָט דער יידישער אַרבעטער אַראָפּגעוואָרפן פון די פיס די אַלטע צעריסענע שיך און אָנגעטאָן פאַרריכטע, גוטע שיך מיט וועלכע ער איז אַוועק אין געטאָ. אויפן באַזאַר האָבן שוין געוואַרט הענדלער און פאַר די גוטע שיך זיי געגעבן אַלטע, צעריסענע מיט אַ צוגאָב פון פאַר־שידענע שפּייז־פּראָדוקטן.

אַזוי האָט דער האַנדל געדויערט, ביז די זעלבע געטאָ־פּאָליציי האָט אין אַ געוויסן טאָג אַרומגערינגלט דעם באַזאַר. געיעגן אויף די באַזאַר־מענטשן זענען געוואָרן אַלץ אָפטערע. די פּאָליציי האָט צוגענומען אַלץ ביי די, וואָס האָבן געבראַכט עפּעס אויסצוטוישן. טיילמאָל האָבן זיך די ברוטאַלע אָנפאַלן געענדיקט מיט טויט־פאַלן. די אומגליקלעכע האָבן נישט געוואָלט אָפּגעבן דאָס, וואָס זיי האָבן געבראַכט אויסצוטוישן און דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן.

זינט די געטאָ־פּאָליציי האָט אָנגעהויבן מאַכן אירע איבער־פאַלן אויף די הענדלער, איז דער באַזאַר געוואָרן פון טאָג צו טאָג קלענער. מענטשן האָבן מורא באַקומען צו ריזיקירן. מען האָט אָנגע־הויבן זוכן אַנדערע מיטלען ווי אַזוי אויסצוטוישן זאַכן אויף שפּייז־פּראָדוקטן. דער האַנדל איז געוואָרן מער געהיימער. אין די פאַר־נאַכטיקע שעהן, ווען מ'האָט זיך אומגעקערט פון די אַרבעטס־פּלע־צער, האָט מען געקאָנט זען ווי עס ל'יפן יונגע און עלטערע פּרויען מיט זייערע אויסטויש־זאַכן פון הויז צו הויז. דער אויסטויש־האַנדל האָט זיך איבערגעטראָגן אין די הייזער.

אַריינברענגען אין געטאָ שפּייז, אַנדערע זאַכן איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. בעת די אַרבעטער פלעגן צוריקקומען מיט זייערע אַרבעטס־קאָלאָנען אין געטאָ, זענען זיי אָפט באַגעגנט געוואָרן דורך דער געטאָ־פּאָליציי און דער דייטשער קאָנטראָל־וואַך, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער בודקעביים געטאָ־טויער. זיי האָבן יעטוועדן אַרבעטער באַזוכט. דאָס געפונענע עסנוואַרג האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן, אויסגעגאָסן דאָס ביסל זופּ, צעטראָטן די שפּייז מיט די באַטשוועקטע שטיוול. אין פאַלן ווען מען האָט ביי אַרבעטער געפונען זאַכן, וואָס האָבן געשטאַמט פון די וואַרשטאַטן, אַ שטייגער קליידער און שוכוואַרג פון געפאַלענע דייטשע סאָלדאַטן, האָט מען די דאָזיקע יידן גלייך אָפּגעטיילט פון דער קאָלאָנע. זיי זענען שוין אַהיים מער נישט צוריקגעקומען.

עס זענען אויך געווען אַרבעטער, וואָס האָבן געשלעפּט פון די דייטשע מאַגאַזינען און גוט אויסבאַהאַלטן רעוואָלווערן, גראַנאַטן און אַנדערע מינים געווער, כדי עס אַריינצוברענגען אין געטאָ פאַר דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

דער געטאָ־האַנדל האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעענדיקט. צו־זאַמען מיט דעם האָט זיך אַלץ ווייניקער איינגעגעבן צו שטילן דעם הונגער, וועלכער האָט טאָג־טעגלעך צוגענומען נייע קרבנות.

אויף דעם אָרט, ווו עס ליגן די דערמאָרדעטע מינסקער יידן פון
דער פורים־שחיטה, שטייט אַ טראַדיציאָנעל־יידישע מצבה.

18. דער בלוטיקער פּאָגראָם פון 2-טן מערץ 1942

דער גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל זיין פון די איינצלנע לעבנגעבליבענע פון די מינסקער יידן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די מאַרטירער־ליידן אין דער צייט פון דער בלוטיקער נאַכט פון דעם צווייטן מערץ 1942.

עס איז דעמאָלט אויסגעפאַלן דער יידישער יום־טוב פּורים. די היטלעריסטן האָבן אין יענער פּורים־נאַכט אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דערמאָרדעט אין מינסקער געטאָ 10.000 יידישע נפשות.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז מיט אַ טאָג פריער, דעם 1־טן מערץ 1942 זענען אין דער מינסקער צייטונג אין דער דייטשער שפּראַך געווען אָפּגעדרוקט מוראדיקע וואָרנונגען און דראָאונגען ווי למשל: „זאָלן די יידן נישט האָפן אויף קיין נסים!"

עס איז אויך געווען אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ אין וועלכער מען האָט געקאָנט לייענען, אַז די יידן דאַרפן היינט נישט דערוואַרטן אַזאַ נס, וואָס איז געשען אין די צייטן פון מרדכי אין דעם קעניגרייך פון אַחשוורוש. דערנאָך איז געקומען אַ קאָמענטאַר צו דער נאָטיץ, וואָס האָט אויפגעקלערט, אַז די יידן זענען אַ פּעסט, וואָס מען דאַרף אויסראָטן מיט פאַרשידענע מיטלען און אויף פאַרשידענע אופנים, ווייל די פּעסט איז אַ געפאַר פאַר אַלע מענטשלעכע לעבנס, זי טעמפּט אָפּ די פּסיכיק ביי מענטשן און פאַרפּירט די דענקנדיקע וועלט אויף שלעכטע וועגן. דעריבער דאַרף די יידישע ראַסע אויס־געראָטן ווערן אָנהייבנדיק פון די קליינע קינדער. די יידן זענען

אויך פאַרגליכן געוואָרן צו אומפליי און וואַנצן, וואָס דאַרפן אויס־געריייניקט ווערן פון זייערע נעסטן.

אַזוי האָט אַ דייטשער „קולטור״־מענטש פון דער „העכערער״ ראַסע געשריבן דעם ערשטן מערץ 1942. ס'איז געווען אַן אָנזאָג פאַר די מינסקער יידן.

דעם 2־טן מערץ צווישן 5־6 אַזייגער אָוונט זענען די יידישע אַרבעטס־קאָלאָנעס באַגלייטע דורך אַ דייטשער מיליטערישער וואַך אָנגעקומען צום געטאָ־טויער. איך בין געווען אין אַ גרופּע פון 10 מאַן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער באַן־סטאַציע. מיר האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט גלויבנדיק, אַז מיר וועלן אַריינגע־פירט ווערן אין געטאָ. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום געטאָ־טויער, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער רעפּובליקאַנסקאַ גאַס, האָבן מיר דערהערט פון דער ווייטנס אַ רוישנדיקן טומל צוזאַמען מיט שיסערייען, וואָס זענען געקומען פון געטאָ.

מ'האָט אונדז אָנגעהויבן טרייבן צום געטאָ־טויער, ווו עס האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז ס. ס.־מענער צוזאַמען מיט ווייסרו־סישע און אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן. זיי זענען געווען אויסגעשטעלט אין אַ שפּאַלער מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן. דורכגייענדיק דעם שפּאַלער האָבן מיר געפילט אויף זיך מערדערישע, שטעכיקע אויגן. ביים אַריינגאַנג אין געטאָ האָבן זיי אונדז פאַרשטעלט דעם וועג, עס איז געקומען אַ באַפעל מיר זאָלן אַלע זיך פאַרנעמען מיטן וועג אויף לינקס, צו דער גאַס פּאָלנאַ, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער דראָט־פאַרצוימונג פון געטאָ.

אָנקומענדיק אויפן אָרט האָבן מיר געטראָפן אַ גרויסע מאַסע צונויפגעטריבענע מענטשן פון געטאָ. דער גרעסטער טייל זענען געווען פרויען, יונגע מיידלעך. די צעיושעטע היטלעריסטן האָבן געשריען ווי צערייצטע חיות. מיט לאַנגע, גראָבע שטעקנס און אויך מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן האָבן זיי געהיטן די מענטשן זאָלן שטיין צונויפגעדריקט אין רייען. ביי דער קלענסטער באַוועגונג,

אָדער ביי אַ פּרווו אַרויסצוגייִן פון דער ריי איז מען דערשאָסן געוואָרן און געבליבן ליגן, טיילמאָל מיט גסיסה־קרעכצן ביי דער צונויפגעפּרעסטער מאַסע מענטשן.

אין דער פינצטערניש פון אָוונט האָבן מיר קוים געקאָנט זען ווי עס זענען אָנגעקומען די ווייטערדיקע אַרבעטס־קאָלאָנעס, ווי אויך די לעצטע פאַרטריבענע אויף דער פּאָלנע גאַס. די ערד איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן שניי. אונדזערע נישט גענוג וואַרעמע קליידער האָבן נישט געקאָנט פאַרהיטן אונדזערע קערפּערס פון דער קעלט. אָבער מיר האָבן שוין אַפילו נישט געפילט די קעלט. מיר זענען אַלע געווען איבערגענומען מיטן געדאַנק וועגן ווייטערדיקן גורל פון אונדזער לעבן.

עס דערמאָנען זיך מיר טראַגישע מאָמענטן, עפּיזאָדן, וואָס האָבן אויף שטענדיק זיך פאַרנעסטיקט אין מיין זכרון און איצט גייען זיי דורך פאַר מיינע אויגן אויפסניי. ווען מיר זענען געשטאַנען אויף דער פּאָלנע גאַס אין א צוזאַמענגעפּרעסטער מענטשן־מאַסע, ווען דער גרעסטער טייל פון אונדז האָט שוין געוווסט וואָס עס דערוואַרט אונדז, האָב איך געזען ווי מאַמעס מיט קינדער האָבן זיך אַרומגעאָרעמט און ספּאַזמאַטיש געוויינט געזעגענענדיק זיך. איינער דעם צווייטן האָט נאָך אַריינגעבלאָזן דעם לעצטן אָטעם, איבערגעגעבן די ליבשאַפט גרייטנדיק זיך צום לעצטן וועג פון דער לעבעדיקער וועלט.

צווישן אונדז זענען אויך געווען אַ סך מאַמעס און טאַטעס, וואָס זענען געגאַנגען אויסערן געטאָ אַרבעטן און האָבן געלאָזט די קינדער אין שטוב, טיילמאָל דאָס לעצטע קינד, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון פאַרשידענע געפאַרן. די עלטערן וואָס האָבן נאָך געהאַט קינדער האָבן געהערט צו די גליקלעכע. די פאַרבליבענע קינדער אין געטאָ פלעגן אין די פאַרנאַכטיקע שעהן קומען צו די שטעכל־דראָטן אָפּוואַרטן זייערע מאַמעס און טאַטעס, וואָס האָבן געדאַרפט אָנקומען מיט די קאָלאָנעס פון די אַרבעטס־פּלעצער.

אויך די מאַמעס און טאַטעס האָבן אומקערנדיק זיך פון דער אַרבעט מיט ציטערנדיקע הערצער געוואָרט צו דערזען זייערע קינדער.

אין דעם טאָג פון צווייטן מערץ זענען אויך קינדער געקומען צו די שטעכל־דראָטן. זייערע מאַמעס און טאַטעס זענען אָבער אין געטאָ שוין נישט אַרײַן. זיי זענען געשטאַנען אין דער צוזאַמענגעטריבענער מאַסע אויף פּאָלנע גאַס און געזוכט מיט די אויגן זייערע קינדער אויף דער צווייטער זייט שטעכל־דראָטן. ס'זענען געווען פֿאַלן ווען אַ מאַמע האָט באַמערקט איר קינד און דאָס קינד די מאַמע ביידע זענען צוגעלאָפן צו די שטעכל־דראָטן, האָבן אויסגעצויגן צו זיך די הענט זיך אַרומצונעמען, טיילמאָל האָט נאָך אַ מאַמע באַוויזן צו געבן איר קינד דעם לעצטן קוש. זיי ווערן אָבער באַמערקט פון די וועכטער, וואָס וואַרטן נישט לאַנג, זיי שטעלן אָן זייער מאַשין־געווער אין דער ריכטונג פון די שטעכל־דראָטן און לאָזן אַרויס מיט איין מאָל עטלעכע זאַלפּן. טיילמאָל איז די מאַמע מיטן קינד אַרומגעאַרעמט מיט די הענט דורך דער פאַרצוימונג געבליבן הענגען פון ביידע זייטן שטעכל־דראָטן און זייער בלוט האָט צוזאַמען געפלאָסן אַראָפּ אויפן ווייסן שניי.

מיר זענען געשטאַנען און געוואָרט אויף אונדזער גורל. צווישן אונדז זענען געווען אויסער די גרויסע צאָל פרויען און יונגע מיידלעך אויך 12־14־יעריקע קינדער, וואָס זענען גענומען געוואָרן אין געטאָ דורך די ס. ס.־מענער צו רייניקן די פאַרשנייטע שאָסייען, די דערנעבנדיקע באַן־ליניעס און אויך פאַרשידענע שטאָטישע פּלעצער, בכדי די דייטשע טראַנספּאָרטן זאָלן זיך פריי קאָנען באַוועגן צו די פראָנטן אין דער ריכטונג פון מזרח. זיי האָבן אויסגענוצט די געטאָ־באַפעלקערונג צו די פאַרשידנסטע שקלאַפן־אַרבעטן. די קינדער זענען געשטאַנען מיט אונדז אויף דער פּאָלנע גאַס און ס'איז שווער געווען צו דערקענען אין וואָסער עלטער עמעצער איז, אַלע זענען געווען אָנגעטאָן אין שמאַטעס, אָדער אין קליידער, וואָס זענען נישט געווען צוגעפּאַסט צו זייער עלטער. אַלע האָבן אויך

געהאַט די זעלבע פאַרוועלקטע, אויסגעבלייכטע פּנימער און אויס־געלאָשענע אויגן. מען האָט קוים געהערט ווי איינער צום אַנדערן שעפּטשעט עפּעס.

אויך די קליינע צאָל מענער פון מיטעלן און יונגן עלטער איז נישט געווען צו דערקענען. איך האָב זיי געקענט פון געטאָ. זיי האָבן זיך געגרייט אַרויסצורייסן פון געטאָ צו גיין צו די פּאַר־טיזאַנער קעמפן און ווערן נקמה־נעמער. זיי זענען שטענדיק געווען פול מיט יונגן דינאַמיזם. וואַרטנדיק דאָ אין דער מאַסע האָט זיך אַלץ ביי זיי אויסגעלאָשן. זייער מוט איז דערטרונקען געוואָרן אין דעם גרויסן ים פון טרערן, פון שרעק וועגן ווייטערדיקן גורל.

עס זענען מיר אויף אייביק פאַרבליבן אין זכרון בילדער צו וועלכע איך האָב זיך דעמאָלט צוגעקוקט. איך האָב געזען ווי צווישן דער מאַסע האָבן זיך מאַמעס מיט קינדער, אַ שוועסטער מיט אַ ברודער, אַ פריינד מיט אַ פריינד אַרומגענומען און זיך געגעבן דעם לעצטן קוש, טייל מיט ווערטער און טייל אָן ווערטער. מען האָט אויך געקאָנט הערן דאָס שעפּטשן פון איינעם צום צווייטן צי עס וועט כאָטש ווער נעמען נקמה פאַר אונדזערע ליידן, אָדער צי עס וועט עמעצער בלייבן צו דערציילן וועגן אונדזער מאַרטירער־טויט.

עס זענען אַריבערגעגאַנגען עטלעכע שעה ווי מיר זענען אַזוי געשטאַנען צוזאַמענגעדריקט. עס איז אַ געפאַר צו מאַכן די מינדס־טע באַוועגונג. פּלוצלונג דערהערן זיך געשרייען פון די צעיושעטע אוקראַאינער און דייטשן, וואָס לויפן אַרום ווי ווילדע טיגערס און שטעכן אונדז מיט זייערע סאַדיסטישע אויגן. אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט הילכן אָפּ זייערע געשרייען אַלע מאָל שטאַרקער. צווישן די אַרומלויפנדיקע דייטשן און אוקראַאינער זעט זיך אָן אַ געוויקסיקער דייטשער אָפיציר מיט אויגן פון אַ צעווילדעטן וואָלף. ער שרייט אַזוי, אַז מען פאַרשטייט קוים וואָס ער וויל פון אונדז. ער רופט אויס עטלעכע מאָל, אַז ווער פון די מענער עס זענען

שניידער, שוסטער און מעכאַניקער זאָלן אַרויסטרעטן פון די רייען.

מיר זענען צעטומלט געוואָרן. מען ווייסט נישט וואָס צו טאָן עס קומען געדאַנקען, צי וועלן זיי די פאַכלייט באַלד דערמאָרדן, צי זיי ווילן לאָזן לעבן פאַכלייט, וואָס קאָנען ברענגען נוצן אין דער צייט, ווען די דייטשן פאַרבלייבן אויף דער ווייסרוטישער אָקופּירטער טעריטאָריע.

דער דייטשער אָפיציר האָט אויך שרייענדיק צו וויסן געגעבן, אַז די פאַכלייט דאַרפן באַווייזן די פאַך־קאַרטע און די געהעריקע באַשטעטיקונג, אַז מען איז פון געגעבענעם פאַך. עס האָט געדאַרפט זיין אַן אונטערשריפט פון אַרבעטס־דירעקטאָר, ווו מען איז געווען באַשעפטיקט.

איך האָב באַשלאָסן צו דערלאַנגען מיין אַרבעטס־קאַרטע דעם דייטשן אָפיציר. ער האָט זי קאָנטראָלירט און באַפוילן איך זאָל אַרויסטרעטן פון די רייען. אַלע אַרויסגעטראָטענע מענער, וועמענס אַרבעטס־קאַרטעס מ׳האָט קאָנטראָלירט האָט מען אַריינגעטריבן אין אַ זייטיק קליין געסל. מ׳האָט אונדז צונויפגעזאַמלט ביי אַ צוויי הונדערט מאַן, אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקער וואַך פון דייטשן און אוקראַינער, דערביי האָט מען אונדז באַפוילן נישט אויסצודרייען דעם קאָפּ צוריק. אויב עס וועט זיך עמעצער אומקוקן הינטער זיך וועט ער גלייך דערשאָסן ווערן.

מען האָט אונדז געלאָזט זיצן אויפן קאַלטן שניי אין אַ פּאָזיציע ווי מיר וואָלטן געקניט, עטלעכע שעה. נישט וויסנדיק וואָס עס וועט ווייטער זיין מיט אונדז, זענען אונדזערע מוחות אַזוי אָפּגע־טעמפּט געוואָרן, אַז מיר זענען שוין נישט פעאיק געווען צו טראַכטן און צו האָפן, אַז מיר וועלן אַרויס לעבעדיקע. מיטאַמאָל זענען פון דער פאָלנע גאַס, ווו ס׳איז געשטאַנען די צוזאַמענגעדריקטע מענטשן־מאַסע דערגאַנגען יאָמערלעכע געוויינען און געשרייען, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט שיסערייען און אויך מיט ווילדע קולות פון די מערדער, וועלכע האָבן געיאָגט זייערע קרבנות מיטן לעצטן

וועג, וואָס האָט געפירט צום טויט. עס האָט געדויערט אפשר עט־לעכע שעה ביז די געשרייען און שיסערייען, וואָס האָבן זיך אַלץ מער דערווייטערט פון אונדז, זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין חלל. בלויז די לבנה, וואָס האָט באַלויכטן דעם לעצטן וועג פון די מינסקער יידישע מאַרטירער איז געווען אַן עדות פון זייער אומקום.

אין דעם קאָשמאַר האָבן מיר געוואַרט אויפן שניי אין אַ פּאָזיציע פון נישט זיצן און נישט שטיין. אונדזערע קעגנזייטיקע בליקן האָבן זיך נישט געקאָנט צוזאַמענטרעפן צוליב דער שטרענ־גער באַוואַכונג. די אַכזריותדיקע פּנימער פון די דייטשן און אוקראַ־אינער מיט זייער אויסגעשטרעקט מאַשין־געווער זענען געווען גע־וואָנדן צו אונדז, כדי אַכטונג צו געבן צי עמעצער דרייט נישט אויס דעם קאָפּ אויף הינטן. פּלוצלונג האָט זיך ווי אַ דונער דערהערט אַ ריטשנדיקער געשריי מיט אַ באַפעל מיר זאָלן זיך אַלע אויפ־שטעלן, זיך איינשטעלן אין רייען און גרייט זיין אָפּצומאַרשירן. וווּהין מיר דאַרפן גיין האָט מען אונדז נישט געזאָגט.

מיר האָבן זיך קוים אויפגעהויבן פון דער פינף־שעהדיקער קניענדיקער פּאָזיציע. אייניקע פון אונדז האָבן זיך נישט געקאָנט אַזוי גיך אויפהויבן. זיי ווערן דערשאָסן און אפשר זענען אייניקע געבליבן ליגן גוססדיק.

מ'האָט אונדז געטריבן צום געטאָ־טויער. ווען מיר זענען צוגעקומען צום אַריינגאַנג אין געטאָ, האָט עס אויסגעזען פאַר אונדז אומגלויבעך, ווי אַ נס וואָלט אָפּגעראַטעוועט אונדזער לעבן, ווייל מיר האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן אַלע האָפענונגען. די וועכטער זענען אָפּגעטיילט געוואָרן פון אונדז און מען האָט אונדז געגעבן אַ באַפעל אַליין אַריינצוגיין אין געטאָ.

מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן איבערן פאַרוויסטן, פאַרשטומטן געטאָ אונטער דער איינציקער באַגלייטונג פון דער לבנה, וואָס האָט אַזוי חוצפּהדיק באַלויכטן אַלע ווינקעלעך פון געטאָ. און אויך די

געסלעך און גאַסן ווו עס זענען בײַ די הײַזער געלעגן דערמאָרדע־טע מענער, פרויען און קינדער. בײַ אַ טייל פון זיי האָט מען נאָך געקאָנט הערן ווי זיי הויכן אויס דעם לעצטן לעבנס־אָטעם. זיי האָבן געהערט צו דער צאָל פון די 10.000 מינסקער יידן, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן יענעם טאָג.

די אַלע דערמאָרדעטע, וואָס זענען געלעגן אויף די מינסקער גאַסן, וואַרטנדיק מען זאָל זיי ברענגען צו זייער אייביקער רו, זענען צום גרעסטן טייל געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געקאָנט גיין אַרבעטן — קראַנקע, אַלטע און יונגע קינדער. צווישן די דער־מאָרדעטע זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געהאַט אויס־באַהאַלטן אין די קעלערס און אויף די בוידעמער און פאַרשידענע מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין אינסטיטוציעס פון יודען־ראַט און וועלכע מ'האָט אַרויסגעשלעפּט פון זייערע באַהעלטענישן.

לויפנדיק איבער די גאַסן פון געטאָ, זענען מיר, די פון דער פּאָלנע גאַס, געווען דורכגענומען מיט אַנגסט און שרעק פאַרן גורל פון אונדזערע נאָענטע. מיר האָבן געוואָלט וואָס פריער זיך דער־וויסן וואָס עס איז געשען מיט די רעשטן פון אונדזערע משפחות און מיט די איבעריקע איינוווינער פון אונדזערע הייזער.

***

איך בין געלאָפן מיט גרויסער שנעלקייט אין דער ריכטונג, ווו איך האָב געוווינט. דאָס הויז האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער געטאָ־פאַרצוימונג וואָס האָט געפירט צו זאַסלאַווסקי גאַס. דאָרט האָט זיך אויך געפונען דאָס הויז פון יידישן טעאַטער אין מינסק. ביזן קריגס־אויסברוך האָבן דאָרט געוווינט יידישע אַרטיסטן. אין דער צייט פון געטאָ־פעריאָד איז דאָס הויז איבערגעגאַנגען צום יודען־ראַט און באַשטימט געוואָרן פאַר די איינוווינער פון געטאָ.

אין די וועלדער

מיין וווינונג איז באַשטאַנען פון צוויי קליינע צימערלעך מיט אַ ווינקל צו קאָכן אין איינעם פון די צימערלעך. ווי איך האָב שוין פריער דערציילט, האָבן אין דעם קליינעם דירה׳לע געוווינט 8 מענטשן, צווישן זיי צוויי קינדער; פון מיין משפחה איז דאָרט געווען מיין שוועסטער חנה און מיין זונעלע נאַטאַן. איך דערנענטער זיך צום הויז און זע נישט קיין סימן פון לעבן. איך טרעף די טיר פון אַריינגאַנג פאַרמאַכט. איך וויל זי עפענען און עס קומט אָן שווער. איך פיל ווי אויף דער צווייטער זייט פון דער טיר ליגט אַ שווערע מאַסע. איך שטרענג זיך אָן און עס גיט זיך מיר דאָך איין אָפצושטויסן די טיר. איך קום אַריין אין פאָדערהויז און דערזע אַ שוידערלעך בילד: אַלע איינוווינער מיט וועלכע איך האָב געוווינט ליגן טויט — דערשאָסענע, צעשטאָכענע מיט מעסערס, מיט באַגנעטן פון וועלכע עס זענען געבליבן צייכנס אויף די קערפּערס. ביי יעדן איינעם פון די דערמאָרדעטע — אַ נאָך פריש־וואַרעמע בלוט־קאַלוזשע. די צעקאַליעטשעטע קערפּערס זענען געווען איינגעהילט אין די אַרומפליענדיקע פעדערן פון די אויפגעריסענע בעטגעוואַנטן מיט וועלכע די מערדער האָבן נישט פאַרגעסן צו דערגאַנצן דעם בלוט־דורשטיקן ספּעקטאַקל.

איך זוך מיין זונעלע און מיין שוועסטער צווישן די דערמאָרדעטע צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אויך אייניקע קינדער. איך געפין דאָ נישט מיין משפחה.

איך לויף צו דער דערנעבנדיקער קאַנאַווע, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער דראָט־פאַרצוימונג פון געטאָ, ווייל פיל דערמאָרדעטע אין ביינאַכטיקן פּאָגראָם זענען געבליבן ליגן אין דער קאַנאַווע, אין רינשטאָק. איך טרעף דאָ פיל דערמאָרדעטע קינדער. זיי זענען געלעגן מיט די יונגע, אומשולדיקע פאַרמאַכטע אייגעלעך און געקוקט אין דער אָפענער וועלט און געמאָנט נקמה פאַר זייערע יונגע לעבנס. איך זוך צווישן זיי מיין זונעלע און געפין אים נישט.

איך וויל אים געפינען צווישן די טויטע, צודריקן אים צו מיין האַרץ. איך באַגער אים צו געבן מיין לעצטן פּאַטערלעכן קוש און צו שווערן אים, אַז איך וועל מיין לעבן אָוועקגעבן צו נעמען פאַר אים נקמה און אויך פאַר אַלע אַנדערע קינדער, וואָס זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען בלויז דערפאַר ווייל זיי געהערן צום יידישן מאַרטירער־פאָלק.

איך גיי אַהין און צוריק איבער די פאַרוויסטע געסלעך פון געטאָ. די נאַכט דערגייט שוין צום פריען טאָג. זי ווערט באַגלייט פון דער לעצטער לבנה־ליכט. די ליכט רייצט מיין פינצטערע פאַר־צווייפלונג. איך געפין נישט מיין זונעלע און מיין שוועסטער נישט קיין לעבעדיקע און נישט זייערע טויטע קערפּערס.

איך טרעף זיך אָן אויף אַ בוים, וואָס איז געווען דער אייב־ציקער, וואָס האָט בייגעוווינט דעם בלוטיקן ספּעקטאַקל. איך וויל אים פרעגן, איך בעט זיך ביי אים שטילערהייט: „דערצייל מיר וואָס דו האָסט געזען". פלוצלינג באַוויזט זיך צווישן דער אָוועק־גייענדיקער נאַכט און דעם אָנקומענדיקן טאָג אַ לעבעדיקער, גייענ־דיקער שאָטן. אַ פרוי, אַ שכנה פון מיין געוועזענער היים איז אַרומגעגאַנגען איבערן בית־עולמדיקן געטאָ. מיר דערנענטערן זיך צו זיך מיט דערשראָקענע, אויסגעלאָשענע אויגן.

די פרוי וויל מיר דערציילן וואָס ס'איז פאָרגעקומען. זי ברעכט אָבער אויס אין א ספּאַזמאַטישן פאַרשטיקטן געוויין. עס דויערט עטלעכע מינוטן ביז זי באַרואיקט זיך. די ערשטע ווערטער וואָס זי שטאַמלט קוים אַרויס זענען אַן אָנזאָג, אַז מיין שוועסטער חנה לעבט און געפינט זיך צווישן די באַהאַלטענע אין קעלער פון דערנעבנדיקן הויז, וווּ עס געפונען זיך נאָך אַנדערע פרויען אין קינדער, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק נישט אַריינצופאַלן צו די רוצחים אין די הענט.

אין די וועלדער

איך לאָז זיך גיין צו דער באַהעלטעניש, גיי אַראָפּ אין קעלער און געפין מיין שוועסטער חנה א פּאַרמוטשעטע, אַ פאַרוויינטע. דאָס ערשטע וואָס זי פרעגט מיך מיט אַ שטימע, וואָס איך דערהער קוים, איז צי אונדזער נאַטאַנטשיק לעבט. זי דערציילט מיר דעם פאַרלויף פון דער בלוטיקער נאַכט זינט דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן. זי גיט מיר איבער מיט אַ ציטערנדיקער און וויינענ־דיקער שטימע, אַז זי האָט אונדזער נאַטאַנטשיק די גאַנצע צייט געהאַלטן לעבן זיך. פּלוצלונג איז ער פון איר פאַרשוווּנדן, זי האָט נישט געוווּסט ווו ער איז אַהינגעקומען. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער לעבט, אַז ער האָט זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן.

א שטראַל פון האָפענונג האָט אויפגעלויכטן אין מיין צעוווי־טיקטן געמיט. אפשר וועל איך נאָך האָבן דאָס גליק צו זען מיין קינד אַ לעבעדיקן. מיין שוועסטער לייגט מיר פאָר מיר זאָלן אַריינ־גיין אין שכנותדיקן הויז צו פרוי סאַלאָמאָן, ווייל נאַטאַנטשיק, וועלכן זי האָט זייער ליב געהאַט, פלעגט אָפט פאַרברענגען ביי איר.

מיר לויפן צו דער פרוי סאַלאָמאָן. זי לויפט אונדז אַנטקעגן, איר פנים זאָגט אונדז, אַז נאַטאַנטשיק געפינט זיך ביי איר אַ לע־בעדיקער. זי פירט אונדז צו צום בעט און ווייזט אונדז, אַז ער ליגט אונטערן בעט אויסבאַהאַלטן. מיט אַ צאַפּלדיקער פרייד הויב איך אָן אים רופן ער זאָל אַרויסגיין. ער באַווייזט זיך פאַר אונדז מיט שאַרף גלאַנציקע אייגעלעך, וואָס דריקן אויס מורא און פרייד. ער הויבט אָן אַרויסקריכן פון דער באַהעלטעניש. אויף זיין פנימל באַווייזט זיך אַ קינדערישער שמייכל. ער איז אָנגעטאָן אין ווינטער־מאַנטע־לע און אין הענטל האַלט ער אַ שטיקל שוואַרץ־ברויט, וואָס די פרוי סאַלאָמאָן האָט אים מיטגעגעבן אין זיין באַהעלטעניש. עס קערט זיך צוריק אום צו אים זיין קינדערישע פריילעכקייט. ער זאָגט מיר. „פּאָפּושקאַ, דו האָסט געמיינט, אַז איך בין שוין נישט לעבע־דיק און איך האָב געמיינט, אַז איר אַלע זענט שוין טויט". ער פאַלט

מיר אַריין אין די אָרעמס און קושט מיך. דערביי עסט ער דאָס שוואַרצע שטיקל ברויט.

איך האָב מיין זונעלע אויסגעפרעגט ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט פון אונדזער הויז און ער האָט מיר אויף זיין קינ־דערישן אופן דערציילט, אַז ווען ער האָט דערהערט געשרייען פון די דייטשן און ווען אַלע פון אונדזער הויז האָבן אָנגעהויבן אַרויס־לויפן אויפן גאַס, האָבן די דייטשן און די פּאָליציי זיי צוריק אַריינגעטריבן אין הויז. ער איז גלייך געלאָפן צוריק אין שטוב און אַרונטערגעגאַנגען הינטער דער טיר און זיך פאַרמאַכט מיט איר. „איך האָב געטאָן אַזוי, ווי דו פּאַפּושקאָ האָסט מיר אָנגע־זאָגט", האָט ער מיר געזאָגט. ער האָט מיר ווייטער דערציילט, אַז ער האָט געהערט ווי די דייטשן האָבן געשאָסן און געשריען „אַלע יודען קאַפּוט". ער האָט דערנאָך איבערגעוואַרט ביז די דייטשן זענען אַוועק און ווען ער האָט שוין מער אינגאַנצן נישט געהערט קיין געוויינען און קרעכצן, האָט ער געעפנט די טיר. „איך האָב גע־זען, אַז אַלע אונדזערע שכנים זענען געלעגן אויף דער ערד און גאָרנישט גערעדט, האָט ער מיר ווייטער איבערגעגעבן. זי
זיך געשטופּט צו דער טיר, איך בין אַרויס אין דרויסן און איך האָב זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן צי עס גייען נישט קיין פּאָ־ליציאַנטן. דערנאָך בין איך אַרויסגעלאָפן פון הויז און געלאָפן צו פרוי סאָלאָמאָן. איך האָב איר געזאָגט אַז איך בין הונגעריק. זי האָט מיר געגעבן אַ שטיקל ברויט און מיר געהייסן אַרונטערקריכן אונטערן בעט זיך אויסבאַהאַלטן. זי האָט מיר אויך געזאָגט איך זאָל גאָרנישט רעדן און נישט וויינען".

נאָכדעם ווי מיין זונעלע האָט מיר איבערגעגעבן דעם גאַנצן פאַרלויף ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט, האָבן מיר זיך אַרומ־גענומען און צוגעדריקט זיך שטאַרקער איינער צום אַנדערן. די טרערן האָבן געשטיקט פון פרייד, וואָס איך האָב געפונען אַ לע־בעדיקן מיין זונעלע נאַטאַן.

אין די וועלדער

ליידער האָט די פרייד לאַנג נישט אָנגעהאַלטן.

דעם 1־טן פעברואַר 1943 איז מיין אומפאַרגעסלעכער זון נאַטאַן, דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים. ביי אַ ספּעציעלער אַקציע אויף קינדער, איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער־מאַר־טירער אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין איינעם פון די שוואַרצע טויט־קעטשלעך, וואָס זענען געווען אָנגעפולט מיט שטיקנדיקע און גי־פטיקע סובסטאַנצן און ווו מיין קינד, צוזאַמען מיט די אַנדערע האָבן אין שוידערלעכע יסורים אויסגעהויכט זייערע יונגע, צאַרטע נשמהלעך.

19. איך שליס זיך אָן אין די פּאַרטיזאַנער־רייען

עס זענען אַוועק אַ צען וואָכן, ווי מיין זונעלע נאַטאַן איז צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע 20 קינדער פון מינסקער געטאָ דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע ס. ס.־מענער, וועלכע האָבן די יונגע לעבנס אַריינגעוואָרפן אין די גאַז־אויטאָס, וו עס האָט געוואַרט אויף זיי דער שרעקלעכער טויט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר טרויעריקע טעג און שלאָפלאָזע נעכט. עס האָט זיך מיר נישט געוואָלט גלויבן, אַז מיין נאַטאַן, וועלכער איז נאָך קיין זעקס יאָר נישט אַלט געווען לעבט שוין נישט. אין די שלאָפלאָזע נעכט פלעגט געשען, אַז איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער מיט דער האָפענונג, גיכער מיט דער אילוזיע, אַז באַלד וועט מיין זונעלע אָנקומען.

צוזאַמען מיט די קאָשמאַרן און די אילוזיעס האָט זיך אין דער זעלבער צייט פאַרטיפט דאָס געפיל פון נקמה. דער פאַרלאַנג צו נעמען נקמה פאַר די מערדערייען קעגן מיין משפחה און אויך פאַר די דערמאָרדעטע פריינד און שכנים איז כסדר געוואַקסן. כ׳האָב אָנגעהויבן צו מאַכן פּלענער ווי אַזוי זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ־גיהנום.

דעם קאָנטאַקט, וואָס איך האָב געהאַט אָנגעקניפּט מיט אַ יאָר צוריק מיט דער העלדישער, אומגעקומענער חברטע מאַשע, האָב איך ווייטער אָנגעהאַלטן דורך דער חברטע סאָניע. מיר האָבן אָנגעהויבן צו זוכן מיטלען ווי אַזוי זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ.

אין די ערשטע טעג פון אַפּריל 1943 האָט די חברטע סאָניע מיר צוויסן געגעבן, אַז איך דאַרף אין די קומענדיקע טעג זיין

נחום פעלדמאַן
פריערדיקער טוער פונעם געטאָ־אונטערערד אין מינסק. שפּע־
טער — קאָמיסאַר פונעם פאַרטיזאַנער־אָפּטייל „25 יאָר וופסר״

גרייט אַרויסצוגיין פון געטאָ. זי האָט מיך אויך באַאויפטראַגט מיט דער אויפגאַבע מיטצונעמען מיט זיך 5 מענער אין מיטעלן עלטער. וואָס זאָלן גרייט זיין צו קעמפן. דאָס האָבן געזאָלט זיין אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן זיין דעצידירט אָפּצוגעבן דאָס לעבן אין קאַמף, אויב עס וועט קומען אַזאַ מאָמענט.

איך וויל דאָ דערמאָנען, אַז צו יענער צייט איז דאָס אַרויסגיין פון געטאָ געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן און מען האָט געדאַרפט זיין גרייט צו באַצאָלן מיטן לעבן. אַלע וועגן, וואָס האָבן געפירט אויסער דער שטאָט און דערנאָך צו די נעבנדיקע וועלדער זענען געווען אַרומגענומען מיט דייטשיש מיליטער און אויך באַוואַכט פון ווייסרוסישער פאָליציי. דערפאַר האָט אָפט געטראָפן, אַז פון די גרופעס צו 5־6 מענטשן, וועלכע זענען אַרויס פון געטאָ, פלעגן דערגיין אין וואַלד צו די פאַרטיזאַנער צו 2־3 פערזאָן, די איבעריקע זענען אומגעקומען אויפן וועג. דאָס האָט זיך אויסגעווירקט אויף די געטאָ־יידן פון מינסק אין איז געווען די הויפּט־סיבה פאַרוואָס זיי האָבן זיך אָפּגעהאַלטן צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ. מענטשן זענען געווען דערשלאָגן, די ידיעות, אַז אַ סך פון די אַנטלאָפענע קומען אום אויפן וועג האָט נישט געהויבן די מאָראַל.

איך האָב פּרובירט זיך צוזאַמענרעדן מיט אייניקע פריינד, מיט באַקאַנטע שכנים וועגן וועלכע איך האָב שוין געוווסט, אַז זיי זענען פון דער מיינונג, אַז מען דאַרף זיך אַרויסרייסן פון געטאָ. דאָך האָבן מיר אייניקע נישט געגעבן קיין דעצידירנדיקן ענטפער. זיי האָבן געוואָלט צוּוואַרטן ביז די זומערדיקע מאָנאַטן, אַנדערע האָבן מאָטיווירט זייער אָפּזאָג דערמיט וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט זיך שיידן מיט זייערע קינדער. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך אַלץ געהאָפט, אַז אַלע יידן פון געטאָ וועלן נישט אומקומען, עס וועלן דאָך אַ טייל בלייבן לעבן.

מיט גרויסע שוועריקייטן האָט זיך מיר איינגעגעבן צו שאַפן 5 קאַמפס־פעאיקע מענער און פרויען, צווישן זיי דער יונגער סטו־

דענט אָלשאַנסקי, וואָס איז באַלד נאָך זיין אָנקומען אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער, געפאַלן העלדיש אין אָפענעם קאַמף מיט די היט־לעריסטישע באַנדיטן.

אַ נאַכט פאַרן אַרויסגיין פון געטאָ איז געקומען צו מיר די חברטע סאָניע צוזאַמען מיט דער קליינער, צען־יעריקער סימעלע, וואָס איז באַרימט געוועזן ווי אַ העלדישע וועגווייזערין און וואָס האָט שוין געהאַט אויף איר קאָנטע אַ סך אַרויסגעפירטע גרופּעס יידן אין די וועלדער. די צאַרטע, נשמהדיקע 10־יעריקע סימעלע האָט שוין געהאַט איינגעטעמט אין זיך דאָס געפיל פון צאָרן און האָט געברענט מיטן פאַרלאַנג צו נעמען נקמה.

דעם 15־טן אַפּריל 1943 איז מיין גרופּע געקומען אויף דעם אָפּגעשטימטן פּלאַץ אויף דער אַרבעטס־בערזע. אויך די קליי־נע סימעלע איז דאָרט געווען. מיר האָבן לויט אַ פריערדיקן אָפּמאַך זיך פאַרייניקט מיט אַ קאָלאָנע יידישע אַרבעטער, וואָס האָט געדאַרפט אַרויסגיין פון געטאָ. מיר האָבן געוווּסט ווער עס איז זייער אָנ־פירער. דאָס איז געווען אַ דייטשער באַן־אַרבעטער, וואָס איז זיך נישט באַגאַנגען שטרענג מיט די יידן. מיר האָבן זיך פאַר אים פאַרענטפערט, אַז מיר האָבן פאַרשפּעטיקט אונדזער אַרבעטס־קאָ־לאָנע און באַקומען פון אים די דערלויבעניש צו גיין צו דער אַרבעט מיט זיין קאָלאָנע.

גלייך ווי מיר האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ האָבן מיר אָנגעהויבן זיך גרייטן זיך אַרויסצוגנבענען פון דער קאָלאָנע. די ערשטע, וואָס איז אַרויס פון דער גרופּע איז געווען די קליינע סימעלע. זי האָט מיט אירע קינדערישע אויגעלעך, פאַרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי אַ קליין חיהלע, וואָס פילט די גע־פאַרן און היט זיך אויס קעגן זיי. מיר, די איבעריקע, האָבן אויך זיך פאַרזיכטיק אַרויסגעריסן פון דער קאָלאָנע, וואָס איז גע־גאַנגען אין דער מיט פון וועג און מיר האָבן זיך אויסגעמישט מיט די מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען אויפן טראָטואַר. מיר האָבן

גלייך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אויבערשטע מלבושים, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט געלע לאַטעס און געטאָ־נומערן.

מיר האָבן זיך געהאַט אָפּגערעדט צו טרעפן אין א הינטער־שטאָטישער גאַס, וואָס האָט געפירט צום אַרויסגאַנג פון דער שטאָט מינסק. עס איז אויך געווען באַשטימט, אַז מיר גייען נישט צוזאַ־מען, איינער פון אַנדערן האָט געדאַרפט זיין אָפּגערוקט עטלעכע צענדליק מעטער, כדי זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן פון די פּאָליציייאישע וועכטער. סימעלע איז געגאַנגען פאָרויס.

דער גרעסטער טייל פון אונדזער גרופּע האָט געהאַט ביי זיך אין די קעשענעס האַנט־גראַנאַטן, וואָס עס האָט זיך אונדז איינגע־געבן צו גנבענען אויף די אַרבעטס־פּלעצער. כדי צו פאַרמאַסקירן זיך, האָבן מיר געטראָגן מיט זיך אונדזערע אַרבעטס־מכשירים, איינער אַ זעג, אַ צווייטער אַ האַק, אַ דריטער אַ לאָפּאַטע. אַזוי האָבן מיר דורכגעמאַכט דעם וועג מיט האַרצקלאַפּעניש, אָבער אויך מיט גרויס פרייד וואָס עס איז אונדז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ און וואָס מיר וועלן קאָנען נעמען נקמה.

***

אין די מיטאָג־שעהן זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף סטאַ־ראָיע סיעלאָ. דאָ האָבן מיר דערזען די ערשטע פרייליגדיקע זונען־שטראַלן. עס האָט נישט לאַנג גענומען ווי עס איז אונדז אַנטקעגנ־געקומען דער ערשטער פּאַרטיזאַן. ער איז מאַיעסטעטיש געזעסן אויף זיין פערדל און מיט שמייכלענדיקע, ליבלעכע אויגן באַגריסט אונדזער אָנקומען. באַלד האָבן מיר דערהערט ווי ער זאָגט צו אונדז, אַז מיר דאַרפן זיין גליקלעך וואָס מיר האָבן זיך אַרויס־באַקומען פון די נעגל פון טויט און וואָס מיר וועלן קאָנען נקמה נעמען אין דעם בלוטיקן שונא.

אין דאָרף האָבן מיר געטראָפן דעם באַוווסטן פּאַרטיזאַנער־פירער, דעם אַלטן רעוואָלוציאָנער נחום פעלדמאַן, וועלכער איז

געווען פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין ווייסרוסלאַנד און אין מינסקער געגנט.

מיר האָבן דאָרט אויך באַגעגנט דעם באַקאַנטן פּאַרטיזאַן זאָרין, וועלכער האָט שוין געהאַט אויף זיין חשבון אַ סך איינגעגעבענע אַקציעס קעגן די דייטשן. זאָרין האָט אויך אָרגאַניזירט די הילף און אַלץ געטאָן יידן זאָלן קאָנען אַרויסגיין פון געטאָ און אָנקומען אין די וועלדער. פון די אָנקומענדיקע יידן אין די וועלדער האָט ער אָרגאַניזירט אַ באַזונדערע משפחה, אַן אָטריאַד, וואָס איז באַשטאַנען צום גרעסטן טייל פון קינדער־יתומים, פון עלטערע פרויען און מענער, וואָס זענען פאַרבליבן איינזאַם אַליין. די אַלע איינזאַמע, וואָס האָבן שוין קיינעם נישט געהאַט פון דער משפחה האָט ער איינגעאָרדנט אין אַ פּאַרטיזאַנען־לאַגער, וואָס איז געווען אונטערן אויפזיכט פון אַנדערע פּאַרטיזאַנער. די צאָל פון די קינדער און עלטערע מענטשן האָט געציילט אַ 800 נפשות.

מיר זענען זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון די צוויי יידישע פּאַרטיזאַנען־פירער. מ'האָט באַלד געזאָרגט פאַר אונדזער באַשפּייזונג. מיר זענען געגאַנגען עסן אין אַ צווייטן דאָרף — סקירמענטאָווא, ווו מיר זענען פאַרבליבן נעכטיקן. אויף צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין אַ וואַלד, ווו עס איז שוין געווען אַן אָרגאַניזירטע גרופּע פּאַרטיזאַנער, צווישן וועלכע עס איז געווען אַ גרויסע צאָל יידן און אויך דער יידישער דאָקטער פון מינסק, זיבציקער. אויפגענומען האָט אונדז מיט גרויס פריינדשאַפט דער הויכוווקסיקער, שמייכלענדיקער פּאַרטיזאַנען־קאָמאַנדיר סעמיאָן גאַנזענקאָ.

איך וויל זיך קורץ אָפּשטעלן איבערן העלדישן פּאַרטיזאַנען־פירער יודן־פריינד סעמיאָן גאַנזענקאָ.

בעת דעם קריגס־אויסברוך אין 1941, ווען די רויטע אַרמיי איז אָפּגעטראָטן פון מינסק, זענען אַ סך פון די רוסישע סאָלדאַטן אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. די דייטשן האָבן די געפאַנגענע

סעמיאָן גאַצענקאָ

דער קאָמאַנדיר פון בודיאָני־אָפּטייל, שפּעטער — קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע „פּאָנאָמאַרענקאָ“.

אין די וועלדער

אַרייַנגעטריבן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער הינטער מינסק, אויף שעראָקאַ גאַס ווו זיי זענען געהאַלטן געוואָרן אין שוידערלעכע באַדינגונגען. יעדן טאָג זענען דערמאָרדעט געוואָרן אַ סך געפאַנגענע.

אין לאַגער צווישן די געפאַנגענע איז אויך געווען סעמיאָן גאַנזענקאָ. אין די ערשטע זומערדיקע מאָנאַטן פון יאָר 1942, ווען עס הייבן זיך אָן באַווייזן די ערשטע שוואַלבן פון דער ווייסרוסישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין די וועלדער, איז נישט געווען גענוג מענטשן מיט העכערער מיליטערישער אויסבילדונג, אָדער פּראַקטיק. צו יענער צייט האָט זיך שוין אָבער געפונען צווישן די פּאַרטיזאַנער די 18־יעריקע, באַחנטע און דינאַמישע נאַטאַשאַ, אַ יידיש מיידל פון מינסק. איר האָט מען אָנגעטרויט די שווערע אויפגאַבע אַרויסצובאַקומען פון לאַגער אייניקע געפאַנגענע צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר סעמיאָן גאַנזענקאָ. דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורכן שטאַב פון דער יידישער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין באַשטימטן טאָג, ווען מ׳וועט אַרויספירן דאָס מיסט זאָל דערמיט, אויפן וואָגן פּאַרדעקט זיין אַ לעבעדיקער מענטש — אַ געפאַנגענער. צווישן אַנדערע האָט זיך אויך געדאַרפט געפינען סעמיאָן גאַנזענקאָ.

נישט ווייט פון לאַגער האָבן געוואַרט און געוואַכט געשיקטע, פאַרשטעלטע פּאַרטיזאַנער. ווי נאָר די געפאַנגענע זענען אַרורכגעגאַנגען דעם קאָנטראָל־טויער, זענען זיי באַפרייט געוואָרן פון די פּאַרטיזאַנער און אָפּגעפירט געוואָרן אין די וועלדער. סעמיאָן גאַנזענקאָ האָט זיך אויך געפונען צווישן די, וואָס זענען אַרויס פון לאַגער אַ דאַנק דאָס אַרויספירן דאָס מיסט. מיט אים האָט זיך פאַרנומען די יונגע מוטיקע נאַטאַשאַ, וואָס האָט אים באַגעגנט מיט פרייד און אַוועקגעפירט אין וואַלד פון מינסקער געגנט, ווו ער האָט שוין געטראָפן די געבורטן פון אַ פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון לאַנג־יעריקע קעמפער, ווייסרוסן און יידן. שוין דעמאָלט האָבן זיך צווישן זיי געפונען די שפּעטער

באַרימטע פּאַרטיזאַנער נחום פעלדמאַן, זאַרין און זאַכאַר, און אויך פיל מינסקער פּשוטע פּאָלקס־מענטשן, ווי צום ביישפּיל וואָלאָדיאַ קראַווטשינסקי, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן מיט זיינע ביינאַכטיקע אַקציעס אויפצורייסן באַן־ליניעס און נאָך אַנדערע פּאַרשידענע וויכטיקע פּאָזיציעס, וואָס האָבן געגוצט דעם שונא.

עס איז אַוועק אַ מאָנאַט ווי איך האָב זיך געפונען אין אָטריאַד פון די סעמיאָנאָווצעס פון בודיאָני. ער איז באַשטאַנען אין דעם גרעסטן טייל פון פערד־רייטער. זייער אויפגאַבע איז געווען אויס־צושפּירן די געגנט, אומעטום זוכן, אַריינשמעקן ווו עס זענען פאַראַן אומגעבעטענע דייטשע געסט און ווייסרוסישע פּאָליצייאישע מיט־העלפער און איבערגעבן די אינפאָרמאַציעס דעם קאָמאַנדיר, כדי ער זאָל וויסן ווי אַזוי און מיט וואָסערע מיטלען אַרויסצוטרעטן קעגן די פאַשיסטן.

דער קאָמאַנדיר פון דער אויסשפּיר־גרופּע איז געווען אַ פריילעכער יידישער בחור פון אָדעס, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך פריינדלעכקייט און גוטמוטיקייט צו זיינע קאַמפּס־חברים. ווען עס פלעגט אָבער קומען אַ באַפעל צו גיין אויף אַן אויסשפּיר־אַקציע, האָט זיך דאָס שמייכלענדיקע געזיכט פון זאַכאַרן געענ־דערט. זיינע ליבלעכע אויגן האָבן זיך דעמאָלט אָנגעפולט מיט האַס צו די שונאים.

עס האָט שוין צו יענער צייט עקזיסטירט אויך ביי די סע־מיאָנאָווצעס אַ גרופּע, וואָס האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע אויפ־צורייסן באַן־וועגן און אַנדערע קאָמוניקאַציע־ערטער, דורך וועל־כע עס זענען דורכגעגאַנגען דייטשע מיליטערישע טראַנספּאָרטן צו די פראָנט־ליניעס און פון פראָנט צוריק. דער אָנפירער פון דער גרופּע איז געווען דער שוין דערמאָנטער וואָלאָדיאַ קראַוו־טשינסקי, אַ שטילער, באַשיידענער יידישער אַרבעטער פון מינסק. ער איז נישט געווען קיין באַרעדעוודיקער, אָבער אַ מוטיקער קעמ־פער. ער פלעגט מיט זיין גרופּע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפו־

נאַטאַשע

די יידישע פּאַרטיזאַנערין, וועלכע האָט געבראַכט סעמיאָן גאַנזענקאָ
צו די פּאַרטיזאַנער

אין די וועלדער

נען דריי יונגע יידישע בחורים פון מינסק און איין ווייסרוסישער בחור, אַ זון פון אַ קאָלכאָזנעם פויער, פאַרפאַלן ווערן אויף אייניקע טעג און צוריקקומען מיט גוטע רעזולטאַטן, וואָס זענען באַשטאַנען אין אויפרייסן מיט מינעס דאָרט, ווו מ׳האָט געדאַרפט. יעדע וואָך האָט ער מיט אַזאַ אַרבעט אָנגעפירט אויף אַן אַנדער אָרט.

מיר, די נייע גרופע פון געטאָ, זענען אָנגעקומען אין וואַלד אויסגעהונגערטע. ביי די סעמיאָנאָוועס האָבן מיר געטראָפן פיל פלייש און ברויט. מיר האָבן זיך מיט אַ גיריקייט צוגעכאַפּט צום עסן און נאָך דעם זענען מיר קראַנק געוואָרן. קיין מעדיקאַמענטן איז כמעט נישט געווען. דער יידישער דאָקטער האָט אונדז דאָך צוריקגעשטעלט אויף די פיס, ער האָט געוואַכט איבער אונדזער געזונט מיר זאָלן מוטיקע קאָנען גיין אין קאַמף קעגן שונא.

*****

די ערשטע טעג נאָך מיין אָנקומען אין וואַלד בין איך באַשטימט געוואָרן צו העלפן ביי דער פּאַרטיזאַנער־קיך. איך האָב נישט געהאַט קיין שום קאַמפּס־דערפאַרונג אַלס פּאַרטיזאַן. און מיין טרוים איז געווען זיך צו באַטייליקן צוזאַמען מיט די אַנדערע פּאַרטיזאַנער אין באַוואָפנטן קאַמף און צו נעמען נקמה אין שונא.

אין דער נאַכט פון 15־טן מאַי 1943 איז געקומען פאַר מיר דאָס, וואָס כ׳האָב דערוואַרט. דער פרילינג איז געווען אַ בליענדיקער. מיר האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט געלייגט שלאָפן אויף אונדזערע שטרויענע געלעגערס אין די פּאַרטיזאַנער־ביידלעך, ווי מ׳האָט אונדז אויפגעוועקט. ס׳איז געקומען אַ באַפעל פון דער אָנפירונג פון אָטריאַד, אַז מיר דאַרפן זיין גרייט אַרויסצוגיין פון וואַלד. מען האָט אונדז נישט געזאָגט ווו מיר דאַרפן גיין און וואָס עס וועט זיין אונדזער אויפגאַבע. קיינער פון אונדז פרעגט נישט. אונדזער גרופע באַשטייט פון 15 פּאַרטיזאַנער. מיר הייבן אָן מאַרשירן דורכן וואַלד מיט אומבאַקאַנטע פאַר אונדז שמאָלע וואַלד־וועגן.

אויפן וועג האָבן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ צווייטער גרופּע. דאָס איז געווען זאָרינס אָטריאַד, וועלכער איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון יידן, אַנטלאָפענע און אַרויסגעפירטע פון געטאָ. זייער צאָל איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין גרויסע, ווייל דער גרעסטער טייל פון די געטאָ־מענטשן אין וואַלד זענען צו יענער צייט געווען פרויען, עלטערע מענער און קינדער. באַגעגע־נענדיק די גרופּע פון יונגע זאָרינצעס, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז מיר גייען דורכפירן אַ דרייסטע אַקציע אָבער אין וואָס זי וועט באַשטיין האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געוווּסט.

מיר האָבן פאָרגעזעצט אונדזער מאַרש אין דער נאַכטיקער שטילקייט. מיטאַמאָל האָט מען אָנגעהויבן זיך איבערצוגעבן אין דער שטיל פון חבר צו חבר וועגן ציל פון אונדזער אַקציע. מיר ווייסן שוין וווהין מיר גייען און וואָס פאַראַ אויפגאַבע מיר האָבן. מיר דאַרפן איבערפאַלן און פאַרניכטן אַ געוועזענעם סאָווכאָז, וואָס האָט זיך געפונען ביי דעם שטעטל קוידענאָוו, אין מינסקער געגנט. אין יענעם אָרט האָבן די דייטשן איינגעזאַמלט גרויסע רעזערוון פון תבואות, פאַרשידענע בהמות און נאָך אַנדערע לעבנס־מיט־לען מיט וועלכע זיי האָבן באַשפּייזט די אָקופּאַציע־אַרמיי פון דער געגנט.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום סאָווכאָז. אין דער זעלבער צייט האָב איך אין מיין דמיון געזען דאָס פאַרלאָזענע דורך מיר געטאָ, מיין דערמאָרדעטע פרוי און קינד, מיין שוועסטער און די חרוב־געוואָרענע היימען. דאָס געפיל פון נקמה ווערט שטאַרקער, אַזוי ביי מיר, ווי ביי מיינע חברים.

מיר באַוועגן זיך אַזוי, אַז מיר הערן קוים אונדזערע טריט. דערביי גיט איינער דעם אַנדערן איבער מיט אַ פליסטער די אויפ־גאַבן, וואָס מיר האָבן אויסצופירן אין די נאָענסטע מינוטן. אַלץ וואָס מיר האָבן אָפּצוטאָן דאַרף פאַרנעמען וואָס ווייניקער צייט. דערביי דאַרפן מיר גוט אַכטונג געבן נישט באַמערקט צו ווערן

יידישע פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדירן געקומענע פון מינסקער געטאָ.
עס זיצן — פון רעכטס אויף לינקס: הערש סמאָליאַר, שלום זאָרין, באָריס חיימאָוויטש.
עס שטייען — פון רעכטס אויף לינקס: נחום פעלדמאַן, וואָלאָדיאַ קראָווטשינסקי און חיים פייגעלמאַן

פון די אוקראַינישע וועכטער, וואָס האָבן געהיטן דעם סאָווכאָז פון אומגעריכטע פּאַרטיזאַנער־איבערפֿאַלן. מען דאַרף זיי אויך נישט לאָזן קיין צייט צו קאָנען אַלאַרמירן דעם דייטשן מיליטערישן גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון סאָווכאָז. איך מיט אַ רוסישן חבר ווערן באַשטימט צו זיין פון די, וואָס וועלן פאַר־היטן די פּאַרטיזאַנער נאָכן דורכפירן די אַקציע, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען צוריקציען אין וואַלד.

מיר ווערן געפירט דורך אויסגעפּרוווטע פּאַרטיזאַנער; זיי האָבן פריער געאַרבעט אין קאָלכאָז און געלאָזן דאָרט זייערע פרויען און קינדער וואָס וואַרטן אויף זייער באַפרייאונג. מיר דערנענ־טערן זיך צום סאָווכאָז, דורך דער פינצטערניש האָבן מיר געזען זיין שאָטן. מיר דאַרפן איצט אָנהייבן אונדזער אַרבעט אַזוי, אַז עס זאָל זיך נישט דערהערן קיין שאָרך.

דער פּלאַן איז דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס פּינקטלעכ־קייט. דאָס ערשטע האָט מען אַרויסגענומען די פאַמיליעס פון די פּאַרטיזאַנער, מען האָט זיי אַרויפגעזעצט אויף גרויסע סאָווכאָזנע וועגענער, וואָס מען האָט אַוועקגעפירט אין דער ריכטונג פון וואַלד. ווען מען האָט אַרויסגעפירט די פערד פון די שטאַלן האָבן זיי נישט אַרויסגעלאָזט קיין פאַרע פון מויל אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט האָבן דעם איינדרוק, אַז אויך זיי, די פערד פאַרשטייען די ראָל, וואָס זיי האָבן צו שפּילן און ווי זיי וואָלטן זיך פרייוויליק אָנגע־שלאָסן אין די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן זיך געלאָזט איינשפּאַנען אָן דער מינדסטער הירזשעריי. דערנאָך איז מען אַריין אין די שטאַלן, וווּ עס געפונען זיך די בהמות. זיי לאָזן זיך אַרויספירן דורך זייערע געוועזענע באַדינער און איצטיקע פּאַרטיזאַנער אָן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד. מ׳האָט זיי צוגעבונדן צו די וועגענער אויף וועלכע עס זענען שוין געזעסן די משפחות פון די פּאַרטי־זאַנער. מ׳האָט אויך אָנגעפולט זעק מיט תבואה און אַנדערע עסנ־וואַרגן. מען האָט זיך אָבער געמוזט איילן. פון דער גיכקייט איז

געווען אָפּהענגיק דאָס דורכפירן די אויפגאַבע און אויך דאָס לעבן פון פיל צענדליקער מענטשן.

צוליב דער אײַלעגיש האָט מען געמוזט איבערלאָזן אין סאָווכאָז ביי אַ צוויי טויזנט שעפּסן, חזירים, קי און אַנדערע מינים פון לעבעדיקן אינווענטאַר. מען האָט עס אָבער נישט געטאָרט לאָזן פאַרן שונא ער זאָל האָבן מיט וואָס צו פאַשען די דייטשע אַרמיי.

ס'איז געווען אַ ספּעציעלע גרופּע, וואָס האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע אונטערצוצינדן דעם סאָווכאָז פון אַלע זייטן, אַז ס'זאָל נישט בלייבן קיין שטיין אויף קיין שטיין, קיין שום זכר נישט פון לעבעדיקן און נישט פון טויטן אינווענטאַר.

די צוויי טראַקטאָרן, וואָס זענען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון סאָווכאָז זענען אָנגעפּולט געוואָרן מיט אויפרייס־מאַטעריאַל. אויך די שטאַלן, ווו עס איז פאַרבליבן דער לעבעדיקער אינווענטאַר און אויך שטרוי, זענען פון אינעווייניק באַגאָסן געוואָרן מיט בענזין און אונטערגעצונדן. ביים צוריקציען זיך האָבן מיר דערזען פייער־פלאַמען. עס האָט זיך אויך באַלד דערהערט דאָס אויפרייסן פון די מינירטע טראַקטאָרן.

דער אויפרייס האָט אויפגעוועקט פון זייער טיפן שלאָף די אוקראַיינישע פאַשיסטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער וואָדקע ביים הויפּט־אַריינגאַנג, אין פראָנט פון סאָווכאָז און אויך די דייטשע אַדמיניסטראַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צוואַנציק מאַן און געווען גוט באַוואָפנט. מיר האָבן זיך אַריינבאַקומען דורכן הינטערשטן אַריינגאַנג פון סאָווכאָז. און ווי געזאָגט שוין איז אַלץ אָפּהענגיק געווען פון דער גיכקייט פון די פּאַרטיזאַנער, כדי די דייטשע אַדמיניסטראַציע זאָל נישט באַווייזן צו אַלאַמירן און באַקומען אַ פאַרשטאַרקונג פון אַנדערע דייטשע מיליטערישע פּאָסטנס, וואָס האָבן זיך געפונען אין די נעבנדיקע געגנטן.

זיי אַלע האָבן געעפנט אַ העפטיקע שיסעריי. מ'האָט געפרווט אונדז נעמען אין אַ קרייץ־פייער. די פּאַרטיזאַנער מיט די אָפּגע־

זאַכאַר

דער קאָמאַנדיר פון די אויסשפּירער.

ראַטעוועטע משפּחות און מיטן לעבעדיקן אינווענטאַר זענען שוין אַבער געווען טיף אין וואַלד. פאַרבליבן זענען בלויז פיר פּאַרטי־זאַנער, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו שיצן די אָפּטרעטנ־דיקע גרופּעס. צוויי פּאַרטיזאַנער זענען געווען באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער, די אַנדערע צוויי האָבן זיך באַנוצט מיט געווער, וואָס זענען געווען פון אַ קלייבעם קאַליבער, צוגעפּאַסט צו די פּאַר־טיזאַנישע קאַמפּס־מעגלעכקייטן, מיר האָבן געוואָרפן די גראַנאַטן אין דער נויטיקער ריכטונג. אין דער זעלבער צייט האָט געאַרבעט אונדזער אויטאָמאַטיש מאַשינען־געווער. דאָס אַלץ איז געטאָן גע־וואָרן צוריקציענדיק זיך, כדי נישט צו פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיזאַנער־מחנה, וואָס איז שוין געהאַט אַוועק ווייט פון אונדז. ביים צוריקציען זיך ווערט אָנגעוואָנדן אַ מיליטערישע טאַקטיק פון אַריינפירן דעם שונא אין אַ טעות. ווען די שיסעריי איז געקומען פון דער רעכטער זייט האָבן מיר „געענטפערט" פון לינקס און פאַרקערט. ס'איז אַ טאַקטיק וואָס נאַרט אָפּ דעם שונא אויף אַזאַ אופן, אַז ער מיינט, אַז דאָס פייער קומט פון פאַרשידענע זייטן און אַז מיר זענען אין אַ גרויסער צאָל.

אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען האָט דער שונא נישט גע־וואַגט זיך ווייטער צו לאָזן נאָך אונדז. מיר האָבן ווייטער פאַר־געזעצט זיך צוריקציען אין אַ ליגנדיקער פּאָזיציע און נישט אויפ־געהערט צו שיסן אין דער ריכטונג פון דער פאַשיסטישער נעסט ביז מיר האָבן אויסגענוצט די לעצטע מינען־וואָרפערס.

אַזוי האָט זיך איינגעגעבן אָן שום פאַרלוסט פאַר אונדז צו שיצן די אָפּטרעטנדיקע מחנה אונדזערע, וואָס האָט מיט ציטער און אומגעדולד געוואַרט אויף אונדזער צוריקקומען. און גרויס איז געווען די פרייד, ווען מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן.

מיר האָבן פאַרגעזעצט אונדזער גאַנג אין די טיפענישן פון וואַלד. עס איז אָנגעקומען דער פרימאָרגן. די ערשטע שטראַלן פון דער זון האָבן אונדז געצערטלט, ווי זיי וואָלטן אונדז באַגריסט

פון געטאָ

לכבוד דער דערפּאָלגרייכער אַקציע. מיר זענען דערגאַנגען צו אַ קליינעם ישוב ווו עס האָבן געוווינט פּויערישע וואַלד־אַרבעטער. זיי האָבן אונדז פריינדלעך אויפגענומען און צוגעגרייט פאַר אונדז אַלע אַ גוטן פרישטיק.

אין אייניקע טעג אַרום זענען דערגאַנגען צו אונדז ידיעות וועגן די רעזולטאַטן פון אונדזער איינגעגעבענעם איבערפאַל אויף דעם סאָווכאָז. די פרייד פון די פּויערים אין די אַרומיקע געגנטן איז געווען גרויס, ווייל זיי האָבן געוווסט, אַז די שפּייכלערס מיט תבואות און דער לעבעדיקער אינווענטאַר, וואָס זענען פאַרניכטעט געוואָרן זענען געווען באַשטימט צו באַשפּייזן די היטלעריסטישע אַרמיי. דערצו נאָך זענען דריי אוקראַאינישע פאַרעטער און צוויי דייטשע פאַשיסטן אומגעקומען פון אונדזער שיסערייי. געווען איז עס אַ גוטער אָנהויב פון מיין אָנטייל אין די פאַרטיזאַנער־קאַמפן.



איינער פון דעם דריילינג יונגע יידישע בחורים, טשולאַנטשיק (לינקס) צוזאַמען מיטן זון פון פאַרטיזאַן וואָלאָדיאַ קראַווטשינסקי. אַלס קינד האָט ער זיך געראַטעוועט אין וואַלד ביי די פאַרטיזאַנער.

20. דער העלדישער טויט פון אַ יונגן געטאָ־קעמפער

געווען איז עס דער אויפטו פונעם פּאַרטיזאַן וואָלאָדיע קראַוו־טשינסקי. אין די לעצטע מאָנאַטן פון 1942 האָט ער געשאַפן ביים בודיאָני־אָפּטייל אַ גרופּע פון דריי יאַטן, אַלע געקומענע פון מינסקער געטאָ. די אויפגאַבע, וואָס זיי האָבן פאַר זיך געשטעלט, איז געווען אויסצושפּירן די וועגן און דורכפירן אויפרייסן אויף די שאָסייען און באַן־ליניעס, כדי צו שטערן דעם שונא זיך צו באַוועגן.

שוין אין די ערשטע געטאָ־חדשים אין מינסק האָבן די דריי יוגנטלעכע, וואָס האָבן נישט לאַנג צוריק צוזאַמען געלערנט אין דער שול — זיאַמקע, דער עלטסטער צווישן זיי, פימקע טשולאַנטשיק דער מיטלסטער, און דער יינגסטער אַבראַשע קאַפּלאַן — זיך אָפּט געטראָפן. זיי האָבן צוזאַמען געטראַכט, ווי אַזוי אַרויסצורייסן זיך פון געטאָ. זיי האָבן געזוכט אַ וועג צום דערגיין אין וואַלד, וווּ עס זענען שוין דעמלט געווען קליינע גרופּן פּאַרטיזאַנער.

דורך פאַרשידענע אומוועגן האָבן זיי אַדאַנק זייערע ווייסרוסי־שע שול־חברים געפונען אַ וועג און זיך געלאָזן אין וואַלד.

שוין צו יענער צייט איז דער וועג געווען לעבנסגעפערלעך. אין די דערפער און אויף די וועגן האָט געלויערט די ווייסרוסישע פּאָליציי. זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך די אַנטלאָפענע פון מינסקער געטאָ און פון די שטעטלעך אַרום מינסק. די געכאַפּטע זענען איבער־געגעבן געוואָרן דער געסטאַפּאָ, וווּ זיי זענען געפייניקט און דער־מאָרדעט געוואָרן.

נישט געקוקט אויף די אַלע געפאַרן האָבן די דריי זייער באַ־שלוס דורכגעפירט. דער פאַרלאַנג צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ און זיך

אָנצושליסן אין פּאַרטיזאַנער־קאַמף איז שטאַרקער געווען פון אַלע געפאַרן. בפרט ווען זיי האָבן שוין געהערט וועגן פּאַרטיזאַנער אין די נאַליבאָקער וועלדער. אין דער ערשטער העלפט פון 1942 זענען געווען בלויז קליינע גרופּעס פון פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אַרומ־געוואַנדערט, נישט האָבנדיק קיין שטענדיקע באַזעס. קיין פאַרביג־דונג צווישן די אָפּגעזונדערטע גרופּעס איז כמעט נישט געווען.

אַזאַ צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן ביז דער צווייטער העלפט פון יאָר 1942. ווען די דריי יונגע מינסקער בחורים זענען געקומען אין וואַלד, האָבן זיי געגומען זוכן פאַרבינדונג מיט אָרגאַניזירטע פּאַר־טיזאַנער־גרופּן. גלייכצייטיק האָבן זיי געזוכט מעגלעכקייטן צו באַ־קומען געווער.

אין אַ שטראָמיק וואַסער האָבן זיי געפונען אַ פאַרזשאַווערטע ביקס, קוילן און פאַרשידענע געווער־טיילן. זיי האָט זיך איינגעגעבן אויסצורעמאָנטירן דאָס געפונענע געווער. זוכנדיק אָרגאַניזירטע פּאַר־טיזאַנער־גרופּן האָבן זיי געוואַנדערט דורך געדיכטע וועלדער און לאַנג געבלאָנדזשעט. זיי האָבן געהאַט אָנגעטראָפן אויף אַ קליינעם שמאָלן וועג, מיט וועלכן זיי האָבן זיך פאַרנומען. אין דער וואַלדיקער שטילקייט האָט אַ מענער־שטימע דאָרט זיי באַפוילן צו בלייבן שטיין, נישט רירן זיך פון אָרט. עס האָט זיך דערנענטערט צו זיי אַ יונגער פּאַרטיזאַן מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביקס און געפרעגט ווער זיי זענען.

דער פּאַרטיזאַן האָט זיי אַוועקגעפירט אויף דער באַזע, פאַר־געשטעלט זיי פאַרן פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדיר, וועלכן זיי האָבן דער־ציילט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ.

דער קאָמאַנדיר האָט זיי אויסגעפרעגט וועגן געטאָ און דערביי אויסגעדריקט זיין צאָרן קעגן די דייטשע פאַשיסטן, וואָס האָבן געבראַכט אַזעלכע אומגליקן. ער האָט אויך דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ סך יידישע חברים און אַז ער האָט אַ סך רעספּעקט פאַר דער יידישער נאַציע, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן אין איר לאַנגער געשיכטע. איצט איז דער שונא דער זעלבער פאַר אַלע, און ער

באַגריסט אַלע פון געטאָ, וואָס קומען קעמפן צוזאַמען מיט די פּאַר־טיזאַנער.

אַבראַשע קאַפּלאַן, דער ייִנגסטער פון דעם דריילינג, האָט זיך געווענדעט צום קאָמאַנדיר, אַז ער וויל זיין אַן אויסשפּירער און אַז ער וועט זיין גליקלעך ווען ער וועט קאָנען צו וויסן געבן זיינע קאַמפּס־חברים, ווו עס געפינען זיך די דייטשע רוצחים. זיינע צוויי חברים האָבן אויסגעדריקט דעם זעלבן פאַרלאַנג. דער קאָמאַנדיר האָט זיי געדריקט די הענט, געווונטשן דערפאָלג.

די דריי ייִדישע חברים האָבן זיך גענומען ברענגען אין אָרדע־נונג זייער געווער. אַ טייל פון דעם האָט מען נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַנוצן. געהאָלפן האָט זיי אַ פּאַרטיזאַנער, וואָס האָט זיך געקענט אויפן מעכאַניזם פון פאַרשיידענע מינים געווער.

אין איינעם אַ טאָג איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע פּאַרטיזאַנער זאָלן זיך אויסשטעלן אין רייען. צוזאַמען זענען געשטאַנען מענטשן מיט גרויע קעפּ און גאָר יונגע בחורים. מיט שפּאַנונג האָט מען דערוואַרט צו וויסן וואָס פאַראַ אַקציע עס גרייט זיך. דער קאָמאַנדיר סעמיאָן גאַנזענקאָ האָט אינפאָרמירט, אַז נישט ווייט פון אונדזער לאַגער, אין אַן אָרט, ווו עס גייען זיך פונאַנדער פאַרשיידענע וועגן, האָט זיך אַריינגעריסן אַ גרופּע דייטשן און ווייסרוסישע פּאָליציי. זיי האָבן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דערמאָרדעט איניקע איינוווי־נער, פאַרבינדלער פונעם אָפּטייל. מיר מוזן דערויף ענטפערן. היינט ביינאַכט וועט מען זיך מיט זיי אָפּרעכענען. צו דעם וועט מען פון צווישן די פּאַרטיזאַנער אויסטיילן אַ גרעסערע גרופּע. דער ערשטער האָט זיך געמאָלדן אַבראַשע קאַפּלאַן, וועלכער האָט זיך פאַרגעלייגט צו זיין צווישן די אויסשפּירער, וואָס דאַרפן זיך לאָזן ביינאַכט אין דאָרף. פּאַרטיזאַנער האָבן זיך גענומען קאָנטראָלירן און רייניקן די ביקסן, צוגרייטן די פערד צו דער ביינאַכטיקער אַקציע. אַבראַשע איז אַוועק מיט די אויסשפּירער. זיינע יונגע, שאַרפע אויגן האָבן פון דערווייטנס באַמערקט לעבן אַ פויעריש הייזל אַ דייטשע וואַך.

די גרופּע האָט זיך באַלד פונאַנדערגעטיילט אין צוויי טיילן. דער אָנגריף איז געמאַכט געוואָרן פון צוויי זייטן. ביים אַרויסגאַנג פון דאָרף האָבן איניקע פּאַרטיזאַנער זיך פאַרשטעקט הינטער גע־דיכטעביימער. אַ צווייטע גרופּע, צוזאַמען מיט אַבראַשען, האָט זיך געלאָזט מיט זייערע פערדלעך אין דער ריכטונג פון די הייזער, ווו עס זענען געשלאָפן די דייטשן. די פּלוצלונגדיקע שיסעריי האָט אַרויסגערופן ביי זיי אַ צעטומלונג. זיי האָבן אָנגעהויבן טאַנצן דורך די פענצטער, אַ טייל האָט זיך באַהאַלטן און געשטעלט אַ ווידער־שטאַנד. אַבראַשע האָט גענומען זיך יאָגן נאָך די אַנטלויפנדיקע דייטשן און איז אַזוי אַרום אָפּגעשניטן געוואָרן פון זיין גרופּע. עט־לעכע דייטשן האָבן אָנגעהויבן זיך יאָגן נאָך אים. זיי האָבן געוואָלט אים נעמען אַ לעבעדיקן. אַבראַשע האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. מיט דער פלינקייט פון אַ וועווערקע איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ געדיכט צעוואַקסענעם בוים. פון זיין באַהעלטעניש האָט ער ווייטער געשאָסן אויף די דייטשן. אים האָט אָבער דערגרייכט אַ קויל, וואָס איז געבליבן שטעקן אין אויבערשטן טייל פון זיין קערפּער. מיט די לעצטע כוחות איז ער געלאָפן צום נעבנדיקן וועלדל, ווו עס האָט זיך געפונען זיין קאַמפּס־גרופּע. ער האָט באַוויזן איבערצוגעבן זיינע חברים ווו עס געפינען זיך צוויי דייטשן, וועלכע האָבן אים געוואָלט נעמען אַ לעבעדיקן.

די אויסשפּיר־גרופּע האָט זיך פונאַנדערגעטיילט אין פאַרשי־דענע זייטן פון וועלדל. איינער פון די אויסשפּירער האָט באַמערקט צווישן די ביימלעך אַן ס. ס.־מאַן. מ'האָט אים גלייך אַרומגערינגלט און גענומען אַ לעבעדיקן.

דער צושטאַנד פון אַבראַשען האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט. עס זענען נישט געווען קיין מעדיקאַמענטן צו געבן די ערשטע הילף, צו שטילן זיינע ווייטיקן. דער וועג דורכן וואַלד צום לאַגער איז פאַרן פאַרווונדעטן געווען אַ שווערער. מען האָט אים געפירט אין אַ פוירשן וואָגן, אַן אויסגעבעטן מיט שטרוי. ער האָט זיך אָבער אָנגעשטרענגט, כדי נישט אַרויסצווייזן ווי שטאַרק ער ליידט.

אין די וועלדער

אונדזער דאָקטער פון מינסק, זיבציקער, האָט אַלץ געטאָן כדי צו ראַטעווען אַבראַשען. קיין פאַרבעסערונג איז אָבער נישט געקומען. די קויל האָט געטראָפן אין די לונגען און דעם פאַרוווּנדעטן איז געוואָרן אַלץ שווערער צום עטעמען. זיינע צוויי חברים, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ, האָבן נאָכאַנאַנד גע־וואַכט איבער אים. ער האָט פּליסטערנדיק זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן טאָן אַלץ כדי אַרויסצורייסן וואָס מער יידן פון געטאָ. אויך דער קאָמאַנדיר סעמיאָן גאַנזענקאָ איז געשטאַנען לעבן אַבראַשען, וועלכער האָט שוין רעדן נישט געקאָנט. בלויז די אויגן פונעם 16־יאָריקן פּאַרטיזאַן פון מינסקער געטאָ האָבן עדות געזאָגט, וואָס עס לעבט איבער ביים שיידן זיך מיטן לעבן דער יונגער שלאַכט־מאַן, וועלכער האָט נישט געוואָלט אונטערגעבן זיך די מענטשן־שונאים. מיר האָבן זיך מיט אַבראַשען געזעגנט, אַזוי ווי עס געזעגענען זיך קאַמפס־חברים מיט זייער העלדיש־אומגעקומענעם וואָפן־ברודער — מיט אַ ביקסן־סאַלווע, וואָס האָט אָנגעזאָגט אונדזער באַשלוס צו נעמען נקמה פאַר אַבראַשען, פאַר די אומגעקומענע אין קאַמף, אין וואַלד, אין געטאָ — אומעטום!

21. דאָס מאַרטירער־דאָרף סקירמענטאָוו

דאָס דאָרף סקירמענטאָוו געפינט זיך אין האַרץ פון די באַלעבאָקער ווייסרוסישע וועלדער. נישט ווייט פון די דאָרפישע פעלדער הייבט זיך אָן די וואַלדיקע געדיכטקייט. אַ מענטש, וואָס איז נישט באַקאַנט געווען מיט דער געגנט האָט נישט לייכט געקאָנט דאָ געפונען אַ וועג אָדער זיך אָריענטירן אין וואַלד.

באַלד נאָכן קריגס־אויסברוך אין 1941, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע וואַנדערונגען אין די וועלדער און שפּעטער ווען די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג האָט אָנגעהויבן זיך פונאַנדערוואַקסן, זענען אַזעלכע וועלדער געוואָרן שיצנדיקע נעסטן.

די איינוווינער פון דאָרף סקירמענטאָוו זענען אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פון אַרבעטער אין די דערנעבנדיקע וועלדער. אַזוי האָבן פון דורות לאַנג די דאָרטיקע מענטשן געצויגן זייער חיונה פון וואַלד.

די פּאַרטיזאַנער פון די דאָרטיקע אָטריאַדן האָבן געפונען ביי די איינוווינער פון דאָרף אַ צווייטע היים. זיי פלעגן שטענדיק אויפגענומען ווערן מיט פריינדשאַפט, אַפילו אין מיטן דער נאַכט, ווען מען האָט געדאַרפט די איינוווינער אויפוועקן. די באַציאונג צו די פּאַרטיזאַנער האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַרשידענע פאָר־מען. אין די ערשטע מאָנאַטן, ווען מיר האָבן זיך געפונען אין שכנות פון דאָרף, האָבן די פרויען געוואַשן די שמוציקע וועש פון אַ סך פון אונדז. זיי האָבן עס געטאָן מיט מוטערלעכער ליבשאַפט, פּונקט ווי מיר וואָלטן געווען זייערע קינדער. זיי האָבן קיינמאָל

נישט אָפּגעזאָגט צו געבן וואָס ס׳זאָל נישט זיין פאַר אַ הילף, וואָס איז אונדז נויטיק געווען אין טאָג־טעגלעכן לעבן. ווען מ׳האָט געבעטן צוצוגרייטן אַ קאָלעקטיווע וואַרעמע באָד פאַר אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי דאָס געטאָן מיט ליבשאַפט. ס׳פלעגט אויך געשען, אַז איינער פון די פּאַרטיזאַנער האָט זיך געפילט נישט געזונט. ער האָט דעמאָלט געפונען ביי די איינוווינער פון דאָרף אַ היים און מען האָט אים באַשפּייזט און געהיילט ביז ס׳איז אים בעסער געוואָרן.

דאָס דאָרף איז אויך געווען אַ זאַמל־פּונקט פון יידן נאָכדעם ווי עס האָט זיך זיי איינגעגעבן אַרויסצורייסן פון מינסקער געטאָ. די צעשראָקענע, דערשעפּטע פון דעם געטאָ־לעבן און אויסגע־מאַטערטע פון דעם געפּאַרפּולן וועג׳ וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט, זענען זיי פון די דאָרטיקע איינוווינער אויפגענומען געוואָרן מיט וואַרעמקייט און טרייסט־ווערטער, וואָס האָבן זיי געמוטיקט און געגעבן האָפנונג איבערצולעבן די גרויליקע צייט.

אין דאָרף איז אויך געווען אַ ספּעציעל אָרט פאַר די יידן, וואָס האָבן געוואַרט, אַז מען זאָל זיי אַריינבעמען אין פאַרשידענע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען לויט זייערע מיליטערישע קענטענישן.

אין די לעצטע מאָנאַטן איידער דאָס מינסקער געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן האָט דער שטראָם פון די אַנטלאָפענע זיך פאַרגרעסערט. אין דאָרף האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל מענטשן, וואָס האָבן ריזיקירט און זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ. צווישן זיי זענען געווען אַ גרויסע צאָל קינדער און עלטערע מענטשן, מענער און פרויען, וואָס האָבן געוואַרט מען זאָל זיי פונאַנדערשיקן אין פאַרשידענע אָטריאַדן.

עס איז שוין געווען נאָך איניקע מאָנאַטן ווי איך בין אָנגעקומען אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער. איך האָב שוין געהאָט אָנטייל גענומען אין פאַרשידענע אַקציעס קעגן די היטלעריסטן. די פריינדשאַפט מיט די ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער האָט זיך אַלע מאָל מער פאַרטיפט. אַ ספּעציעלע האַרציקע פריינדשאַפט האָט

זיך פאַרבונדן צווישן מיר און אַ ווייסרוסישן פאַרטיזאַן מיטן נאָמען סאַשאַ סעראַפימאָוויטש. דאָס איז געווען אַ יונגער מענטש מיט אַן אויסגעבלייכט פּנים און מיט טיפע גוטמוטיקע אויגן. ער איז געווען אַ ליבהאָבער פון מוזיק.

סאַשאַ סעראַפימאָוויטש איז אין אונדזער אָטריאַד געווען דער אויפזעער פון דער ווירטשאַפט, וואָס איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט. אין די אָוונטן האָט ער זיך גענומען צו זיין מוזיקאַלישן אינסטרומענט. אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען מיר פלעגן צוריקקומען פון אַ דורכגעפירטער אַקציע און ווען מיר האָבן זיך, פאַרמאַטערטע פון דורכגעמאַכטן וועג, געלייגט אין דער זעמליאַנקע צו כאַפּן כאָטש אַ קורצן שלאָף האָט מען נאָך געקאָנט הערן די מוזיק־טענער פון סאַשאַס אינסטרומענט.

ליגנדיק איינמאָל אויף מיין געלעגער איז מיין שלאָף איבערגעריסן געוואָרן. איך קוק זיך אַרום און דערזע ווי אין אַ ווייטן ווינקל פון דער זעמליאַנקע זיצט דער אויסגעבלייכטער סאַשאַ מיט זיין גיטאַרע, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען, ווען ער איז פון מינסק אַוועק צו די פאַרטיזאַנער, און שפּילט. מיט זיין שפּילן האָט ער נישט איין מאָל אויפגעוועקט די איינגעשלאָפענע פאַר[illegible]ר. ווען ער האָט מיך אויפגעוועקט מיט זיינע אומעטי־ און טרויעריקע טענער, האָב איך זיך דערנענטערט צו אים און געפרעגט פאַרוואָס זיין שפּילן איז אַזוי טרויעריק. סאַשאַ האָט מיר נישט געענטפערט, ווייטער געווען פאַרטיפט אין זיין גיטאַרע, פּונקט ווי ער וואָלט מיט זיין גיטאַרע אויסגעשפּילט אַ תּפילה מיט וועלכער ער האָט געוואָלט שטילן זיין אומעט. דערנאָך האָט ער איבערגעריסן דאָס שפּילן אויף דער גיטאַרע, וואָס ער האָט שטענדיק געפּוצט און געצערטלט און געזאָגט צו מיר: „ווי קאָן איך דען אַנדערש שפּילן ווייסנדיק, אַז נישט ווייט פון אונדז, אין דאַרף סקירמענטאָוו ליגן אין דער סטאַדאָלע די לעצטע אַנטלאָפענע יידן פון מינסקער געטאָ און וואַרטן אויף אונדזער רעטונג״. דערביי זאָגט ער מיר, אַז מיר דאַרפן זיי כאָטש אַרויסהעלפן מיט עסנוואַרג.

אויף צו מאָרגנס האָבן מיר גענומען פּראָדוקטן פון אונדזערע רעזערוון און אויך געקאָכטע עסנוואַרגן, וואָס זענען געווען אונטער זיין אויפזיכט און עס אַוועקגעטראָגן אין דאָרף פאַר די אויסבאַ־האַלטענע יידן, וואָס האָבן זיך דערפרייט נישט נאָר צוליב דעם וואָס מ'האָט זיי געבראַכט צו עסן, נאָר אויך צוליב דער וואַרעמער באַציאונג, וואָס עס איז אַרויסגעוויזן געוואָרן צו זיי.

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין אונדזער אָטריאַד. דער וועג הין און צוריק איז פאַרבונדן געווען מיט געפאַרן. סאַשאַ איז געגאַנגען אַ שוויגנדיקער. עס איז קענטיק געווען, אַז די ליידן פון אַנטלאָפענע פון געטאָ לאָזן אים נישט רוען. אַ שטיקל צייט האָבן די אויסבאַהאַלטענע יידן באַקומען עסנוואַרג, וואָס איז געקומען פון סאַשאַס פּראָדוקטן־לאַגער.

אין אַ געוויסן אָוונט, קורץ נאָכדעם, ווי מיר האָבן אַוועק־געטראָגן עסנוואַרג פאַר די אויסבאַהאַלטענע יידן, האָט מען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט באַמערקט פון דער ווייטנס רויטע פייער־פלאַמען, וואָס זענען געקומען פון דער ריכטונג, וווּ עס געפינט זיך דאָס דאָרף סקירמענטאָוו. אונדזערע הערצער האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן פון שרעק. ווער ווייסט, האָבן מיר זיך געטראַכט, וואָס פאַראַ אומגליק עס איז דאָרט געשען. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאָרף ברענט. מיר האָבן זיך גיך אינפאָרמירט, אַז אין די פלאַמען זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט די דאָרפישע איינוווינער אויך די יידן, וואָס האָבן געוואַרט אין דער סטאָדאָלע אויף זייער אויסלייזונג.

ווי עס איז אונדז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן איז דאָס דאָרף ביינאַכט פלוצלונג אַרומגערינגלט געוואָרן פון ס. ס.־סאָלדאַטן, וואָס האָבן באַגאָסן די הייזער מיט ברען־מאַטעריאַל און אונטערגעצונדן. גלייכצייטיק האָבן זיי באַשאָסן דאָס דאָרף פון אַלע זייטן אַזוי, אַז קיין איין לעבעדיק וועזן האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסראַטעווען.

אין דער זעלבער פינצטערער נאַכט, ווען דאָס דאָרף האָט געברענט איז סאַשאַ סעראַפימאָוויטש געזעסן אין אַ ווינקל פון

פון געטאָ

אונדזער זעמליאַנקע און אויסגעשפּילט אויף זיין גיטאַרע טרויערי־קע טענער, וואָס זענען באַגלייט געוועז מיט אַ שטילן, ספּאַזמאַטישן געוויין. די טרערן וואָס האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיין פּנים זענען געפאַלן אויף דער גיטאַרע.

אַזוי זענען אין יענער נאַכט יידן און ווייסרוסן אומגעקומען מיטן זעלבן מאַרטירער־טויט.

22. די היטלעריסטישע בלאָקאַדע

אין אָנהויב פון חודש יולי 1943 זענען דערגאַנגען צו אונדז ידיעות, אַז דייטשע מיליטער־טיילן צוזאַמען מיט ווייסרוסישער פּאָליציי גייען אין דער ריכטונג פון אונדזערע וועלדער. ס'איז קלאָר געווען: זיי גרייטן אַ בלאָקאַדע. די אָנפירערשאַפט פון אונדזער בריגאַדע, צוזאַמען מיט די קאָמאַנדירן פון אַנדערע בריגאַדעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין יענע געגנטן, האָבן גענומען צוגרייטן פּלענער ווי אַזוי זיך אַרויסרייסן פון דער היטלעריסטישער אַרומרינגלונג.

דער שטאַב פון אונדזער אָפּטייל האָט באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן זיין גרייט אַריבערצוגיין אויף אַן אַנדער אָרט. מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער מאַרש מיט דער אויסרעכענונג זיך צו דערווייטערן וואָס מער פון יענע ערטער, פון וועלכע עס קאָן קומען אַן איבערפאַל אויף אונדז. דערווייל האָט אונדזער אויסשפּיר איבערגעגעבן, אַז די דייטשן פּלאַנירן אונדז צו טרייבן אין דער ריכטונג פון גרויסע זומפּן. נישט האָבניק קיין וועג אויף צוריק, וועלן מיר דאָרטן דערטרונקען ווערן.

אין דער דאָזיקער לאַגע האָט דער שטאַב באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן זיך צעטיילן אויף קליינע גרופּן — צו דריי־פיר פּערזאָן און יעדע גרופּע זאָל האַנדלען לויט די באַדינגונגען, אין וועלכע זי וועט זיך געפינען. אויב אַ גרופּע וועט איינזען, אַז עס זענען פאַראַן מעגלעכקייטן זיך אַדורכצורייסן — זאָל זי דאָס טאָן. אויב עס וועלן נישט זיין קיין מעגלעכקייטן אַרויסצורייסן זיך פון דער אַרום־

רינגלונג, זאָל מען זיך פאַרמאַסקירן אין באַהעלטענישן אַזוי, אַז דער שונא זאָל אונדז נישט געפינען.

מיר, אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, האָבן זיך געלאָזט מיט אומבאַקאַנטע וועגן דורכן געדיכטן וואַלד. מיר זענען דערגאַנגען צו אַ טייך, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט דעם וואַלד. ביים וואַסער האָבן מיר דערזען אַ גרופּע מענטשן, צווישן זיי יידישע פרויען מיט קינדער. זיי אַלע זענען געקומען אַהער זיך צו ראַטעווען פון די דייטשן. מיר האָבן לאַנג נישט געטראַכט און אָנגעהויבן אַריינגיין אין וואַסער, כדי אַריבערצוגיין אויף דער צווייטער זייט.

ערטערווייז איז דאָס וואַסער געווען זייער טיף און מען האָט געדאַרפט קאָנען שווימען. כ'האָב דערגרייכט דעם צווייטן ברעג טייך, ווען פלוצלונג האָבן זיך דערהערט הילפס־רופן. מיינע חברים, ווי גוטע שווימער, האָבן זיך געוואָרפן אין וואַסער און אַרויסגעראַטעוועט אַ פרוי און איר טעכטערל.

נאָכדעם ווי אַלע זענען דורכגעשווומען דעם טייך, זענען מיר זיך צעגאַנגען אין פאַרשידענע ריכטונגען. איין גרופּע האָט זיך געמוזט צעטיילן אין צווייען. אין אַ באַהעלטעניש האָבן מיר פאַרבראַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. אין פרימאָרגן האָבן מיר דערהערט פון דער ווייטנס געשרייען, באַגלייט מיטן בילן פון הינט. ס'איז קיין ספק נישט געווען, אַז די דייטשן זענען נאָענט. איך בין געווען צוזאַמען מיט אַ יידישן בחור פון קוידענאָוו. מיטן אָנקומען פון אָוונט האָט די שיסעריי אויפגעהערט, אָבער מיטן זון־אויפגאַנג, ווען מיר האָבן דערהערט דאָס געזאַנג פון די פייגל, האָבן די שיסערייען זיך דערהערט פון נאָענטן וואַלד־וועג, נישט ווייט פון אונדזער באַהעלטעניש. מיר האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז די דייטשן מיט זייערע שפּיר־הינט דערנענטערן זיך אַלץ מער צו אונדז. אונדזער גליק איז געווען, וואָס דער באָדן אַרום איז געווען אַ זומפּיקער, ערטערווייז אַ באַוואַסערטער.

אין אונדזער באַהעלטעניש האָבן מיר פאַרבראַכט אויך די דריי־

טע נאַכט. צוויי טעג האָבן מיר גאָרנישט געגעסן. בלויז דאָס געדיכ־טע בלאָטיקע וואַסער האָט אונדז געדינט.

נאָך דער דריטער נאַכט איז געקומען אַ פולשטענדיקע שטיל־קייט. מיר זענען פאַרזיכטיק אַרויס פון אונדזער באַהעלטעניש. מיר האָבן געפונען נישט ווייט אַנדערע גרופעס, וועלכע זענען געווען פאַרשטעקט. מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין צוזאַמען אין דער ריכטונג, פון וואַנען ס'איז נאָך נעכטן געקומען די שיסעריי. מיטאַמאָל האָבן מיר באַמערקט פונדערווייטנס אַ קליין וואַלד־בריקל איבער אַ ראָוו, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט פלאַמען. מיר האָבן זיך דערנענ־טערט און דערזען אַ שוידערלעך בילד: דאָס בריקל איז געווען אויפ־געריסן און אין די טיפענישן, צווישן די ווענטלעך, איז געלעגן אַ צוזאַמענגעדרענגטע, אין בלוט איינגעווייקטע מענטשן־מאַסע. אין אייניקע ערטער זענען געווען פאַרוואָרפן אונטערגעהאַקטע ביימער, וואָס האָבן מסתמא געזאָלט דינען פאַר די דייטשן ווי אַ בריקל דורכצוגיין.

מיר האָבן דערקענט צווישן די דערמאָרדעטע אַנטלאָפענע פון געטאָ — מענער, פרויען מיט קינדער, אייניקע אַלטע פאַרטיזאַנער. זיי זענען אַלע דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים.

מיר האָבן אָנגעהויבן אויסשפּירן די געגנט. מיר האָבן קוים געשלעפּט די פיס. אונדזערע הערצער זענען געווען צעווייטיקט פון דעם, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס געזען. מיר האָבן געטראַכט, אַז דאָס זעלבע קאָן אויך מיט אונדז געשען, ווייל מיר האָבן דעם וואַלד נישט געקענט. אונדזער וועג איז געווען נישט קיין זיכערער.

אַזוי בלאָנדזשענדיק האָבן מיר דערהערט מענטשלעכע שטי־מען. מיר זענען שטיין געבליבן און מיר האָבן פון דער ווייטנס דערזען עטלעכע מענטשן. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז. מען האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס זענען אייגענע.

צוזאַמען זענען מיר געגאַנגען אין די טיפענישן פון וואַלד. מיר האָבן באַגעגנט נאָך מענטשן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט.

מיר האָבן זיך דערוווסט געגוי, וואָס עס איז געשען ביי דעם אויפ־גערייסענעם בריקל.

פון אָנהויב פון דער בלאָקאַדע האָט די פּאַרטיזאַנער־אָנפירער־שאַפט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו אַלע אָפּטיילן און פּאַרטיזאַנער־גרופן, אַז אַלע בריקן, וואָס זיי וועלן אָנטרעפן אויף די וואַלד־וועגן, זאָלן זיי אויפרייסן, כדי די דייטשן זאָלן זיך נישט קענען פריי באַוועגן. ווען די בלאָקאַדע האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענ־דיקן זיך, האָבן די היטלעריסטן און זייערע צוהעלפער, צוריקציִענ־דיק זיך,מיטגעפירט מיט זיך אַ צוזאַמענגעטריבענע מענטשן־מאַסע. צווישן די צוזאַמענגעטריבענע האָבן זיך געפונען סתם פויערים מיט זייערע פאַמיליעס פון די פאַרשידענע אַרומיקע דערפער, יידן וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי די פויערים, ווי אויך די געכאַפּטע פּאַרטיזאַנער. טרייבנדיק זיי האָבן די דייטשן אָנגעטראָפן אויפן וועג דעם אויפגעריסענעם בריקל. אין יענעם אָרט האָבן זיי אַ טייל פון די געטריבענע מענטשן אַריינגעשליידערט, באַוואָרפן זיי מיט צינד־גראַנאַטן און באַשאָסן זיי פון מאַשינען געווער. דערנאָך האָבן זיי אַרויפגעוואָרפן אויף די דערמאָרדעטע אויסגעהאַקטע ביימער, וואָס זענען דאָרט געלעגן.

***

מיר גייען שוין איבערן וואַלד דריי טעג. מיר שלעפן זיך מיט די לעצטע כוחות. מיר מוזן געפינען עפּעס צום עסן. אונטער נידע־ריקע ביימלעך האָבן מיר דערזען גרויסע שוואַרצע יאַגדעס. מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט זיי צו עסן, אָבער דעם הונגער נישט געקענט שטילן. שפּעטער, אין וועג, האָבן מיר אַלע דערפילט אַ ווייטיק אין די מאָגנס. מיר האָבן אָבער גאָרנישט געהאַט צום לינדערן דעם ווייטיק.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צו אַן אָרט, פון וואַנען עס האָט זיך געלאָזט פילן אַ ביז גאָר דומפּיקער ריח, באַלד האָבן מיר דער־

זען: אויף דער ערד זענען געלעגן דערמאָרדעטע מענטשן, צווישן זיי קינדער. אויף די גופים זענען שוין אַרומגעקראָכן ווערעם.

מיר האָבן זיך געלאָזט ווייטער אין וועג. מיר האָבן באַגעגנט גרופּעס פּאַרטיזאַנער. מיר זענען אַלע, ביי 100 מענטשן, זיך צוזאַמענגעקומען צווישן ביימער. אַלע מיט אויסגעבלייכטע געזיכטער, פאַרמאַטערטע פון דעם וואַנדער־וועג, פון די איבערלעבונגען. צוזאַמען האָט די שטימונג זיך ביי אונדז געהויבן. מיר זענען גרייט געווען אָנצוהויבן אויפסניי דעם קאַמף.

צווישן די פּאַרטיזאַנער האָב איך אָנגעהויבן זוכן חברים פון מיין אָפּטייל. איך האָב דערזען איינעם, וועלכער האָט מיר אויסגעזען צו זיין באַקאַנט. לסוף האָב איך אים דאָך דערקענט. דאָס איז געווען אַ חבר פון דער אונטערערדישער יוגנט־באַוועגונג אין וואַרשע, משה פיגאַ. אויך ער האָט מיך דערקענט. פון אים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיט דריי טעג צוריק, ווען די דייטשן האָבן שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן די בלאָקאַדע און האָבן אָנגעהויבן אָפּציען זייערע כוחות, האָט אַ גרופּע פון 5 פּאַרטיזאַנער, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען מיין חבר, געמאַכט פון אייגענער איניציאַטיוו אַן איבערפאַל אויף די היטלעריסטן. זיי האָבן זיך גוט פאַרשטעקט צווישן די געדיכטע קוסטעס נישט ווייט פון וועג. זיי האָבן געהאַט מיט זיך צוויי מאַשין־געווער און אייניקע האַנט־גראַנאַטן. אויפן וועג האָבן זיי פאַרמאַסקירט אַ מינע און געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען עס וועט דורכפאָרן אַ דייטשער אויטאָ. דער מאָמענט איז געקומען. עס איז אָנגעפאָרן אַ קליינער אויטאָ מיט עטלעכע דייטשן. די מינע האָט אויפגעריסן. דער שאָפער מיט נאָך צוויי דייטשן זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אויטאָ און געבליבן ליגן טויט אויף דער ערד. צוויי אַנדערע דייטשן, וועלכע זענען לעבן געבליבן, האָבן די פּאַרטיזאַנער געכאַפּט. ווען מען האָט זיי באַזוכט, האָט מען געפונען דעם פּלאַן פון דער גאַנצער בלאָקאַדע. אין פּלאַן זענען אויסגערעכנט געווען, מיט דייטשער פּינקטלעכקייט, די פאַרשידענע מיליטערישע פאָרמאַציעס, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער אַקציע. מיר

האָבן זיך דערוווּסט, אַז עטלעכע טויזנט דייטשע סאָלדאַטן און ווייס־רוסישע פּאָליציאַנטן האָבן אונדז באַלאַגערט.

פון פּלאַן האָט מען זיך אויך דערוווּסט ווי לאַנג די בלאָקאַדע האָט געדאַרפט דויערן. עס איז געווען אַנגעוויזן געוואָרן דאָס אָרט, ווו די דייטשן האָבן אונדז געדאַרפט אַריינטרייבן. דאָס איז געווען אַ בלאַטיקער באָדן אין די טיפענישן פון וואַלד. אין דער אַרומגע־רינגלטער בלאָטיקער געגנט האָבן די אַריינגעטריבענע פּאַרטיזאַנער, צוזאַמען מיט די פויערים־משפחות, געדאַרפט געפינען דעם טויט. ס'איז געווען נישט דאָס ערשטע מאָל, ווי די היטלערישע פּלענער און באַמיאונגען אויסצוראָטן די גרויסע פאָלקס־באַוועגונג פון די פּאַרטיזאַנער, האָט געליטן אַ מפּלה.

23. אויף אַ נייער וואַלד-באַזע

די פרימאָרגנס זענען שוין געווען קאַלטע. די בלעטער פון די ביימער האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצופאַלן. נאָכדעם ווי מיר זענען איבערגעקומען די גרויסע בלאָקאַדע אין חודש יולי, האָבן מיר זיך בלויז צייטווייליק איינגעאָרדנט, אויפן פּאַרטיזאַנישן שטייגער. מיך האָט מען באַשטימט צו זיין דער היטער פון נייעם לאַגער. איך האָב געדאַרפט אויסקוקן און צוהערן זיך, צו עמעצער דערנענטערט זיך נישט צו אונדזער באַזע.

אין דער ערד־הייל, וווּ עס האָט זיך געפונען דער שטאָב פון אונדזער געגנט, האָט זיך אויך געפונען די פּאַרטיזאַנישע האַנט־דרוקעריי, וועלכע האָט געדרוקט צייטונגען, אויפרופן, וועלכע האָבן איבערגעגעבן ידיעות פון פראָנט און אויך אינפאָרמאַציעס וועגן פּאַרטיזאַנער־קאַמף אין יענער געגנט. גלייכצייטיק זענען געגעבן געוואָרן אָנווייזונגען, מיט וואָס און ווי אַזוי די באַפעלקערונג קאָן העלפן אין קאַמף קעגן שונא.

אַ געוויסן אָוונט, ווען איך בין צוריקגעקומען פון דער וואַך און זיך דערנענטערט צו דער ערד־הייל פון שטאָב, האָב איך דער־הערט ווי עס טומלט זיך עפּעס אינעווייניק. פון אָנהויב בין איך שטיין געבליבן, דערנאָך בין איך אַריין אין דער ערד־הייל און דערזען ווי פּאַרטיזאַנער פּאַקן איין די דרוק־מאַשין און בינדן זי גוט אַרום, אַז ס'זאָל חס־וחלילה קיין שרייפעלע פון איר נישט אַרויספאַלן. אויף מיין פראַגע וואָס עס איז געשען, דערציילט מען מיר, אַז עס איז געקומען אַ באַפעל מיר זאָלן וואָס שנעלער פאַרלאָזן דאָס אָרט. אונדזער אויסשפּיר האָט געמאָלדן, אַז נישט ווייט פון

אונדזער לאַגער קורסירן דייטשן און עס קאָן זיין אַ געפאַר, אַז מיר זאָלן אַרומגערינגלט ווערן.

אַ טייל מענטשן פון אונדזער אָפּטייל איז שוין גרייט געווען צו פאַרלאָזן דעם לאַגער. ווו מיר וועלן זיך אָפּשטעלן, איז נאָך נישט געווען באַוווּסט. מען האָט זיך געדאַרפט איילן. מיר האָבן אָנגעהויבן אויף גיך צוזאַמענצונעמען אונדזערע זאַכן, כדי אָנצוזאָגן די, וועלכע זענען שוין אַוועק. ווען מיר האָבן זיי דעריאָגט, האָב איך באַמערקט די צוויי פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געפּאַקט די דרוק־מאַשין. איינער פון זיי, אַ מיטל־וווּקסיקער, מיט שוואַרצע האָר און ברענענדיקע אויגן האָט נאָכאַנאַנד זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געפאָרשט, צי עס קומט נישט פון ערגעץ אַ געפאַר. ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו אים, האָב איך דערקענט אין אים הערשל סמאָליאַרן, וועלכן איך האָב באַגעגנט גלייך נאָך מיין אָנקומען אין די פאַרטיזאַנער־רייען, ווען ער איז געווען קאָמיסאַר פון לאַזאָ־אָפּטייל. דער צווייטער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער דרוקעריי, האָט געהייסן מיירים־מאַריאַן. דאָס איז געווען אַ לוסטיקער בחור פון שטעטל מיר.

מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט אַן אומבאַקאַנטן וועג. ווען איך האָב געפרעגט צי קאָן איך העלפן טראָגן די דרוק־מאַשין, האָט הערשל סמאָליאַר געענטפערט ענערגיש, אַז ער האָט נאָך גענוג כוח אַליין צו טראָגן. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז די דרוק־מאַשינקע איז אונדזער ווייט־שיסנדיקער האַרמאַט, וואָס איז אונדז אָנגעטרויט געוואָרן אויסצוהיטן פון אַלע געפאַרן.

— דאָס מאַשינדל, ברודערקע — האָט ער געזאָגט — שיסט נישט און הרגעט נישט קיין מענטשן. פאַרקערט, עס וועקט פון אָפּאַטישקייט און שרעקעוודיקייט. עס בלאָזט אַריין אַ רוח החיים, אַ ווילן נקמה צו נעמען אין אונדזער בלוטיקן שונא.

מיר זענען אָנגעקומען צו אַן אָרט, ווו דער וואַלד האָט זיך פונאַנדערגעטיילט אין צווייען. צווישן זענען געווען זומפּן, וואָס ווערן נישט

אויסגעטריקנט אַפּילו זומער. עס האָט אויסגעזען, ווי די נאַטור אַליין וואָלט פאַר אונדז צוגעגרייט אַ שוץ־פאַרצוימונג.

אַריבערצוקריגן זיך אויף דער צווייטער זייט איז נישט געווען קיין אַנדער אופן ווי אַריין אין די בלאָטעס. די ערשטע זענען מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג דורכגעגאַנגען די ייִנגערע פּאַרטיזאַנער און אויך די, וועלכע זענען פיזיש געווען שטאַרק. דאַקעגן די, וועלכע זענען געווען פיזיש שוואַכער, קודם־כל אייניקע פרויען, זענען געבליבן שטעקן אין די זומפּן. עס האָט פאַרפעלט כוחות זיך ווייטער צו באַוועגן. די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך שוין געפונען אויף דער צווייטער זייט, האָבן אָפּגעזוכט און געבראַכט צו שלעפּן גרויסע צווייגן, פון וועלכע מען האָט געמאַכט אַ מין בריק און מיר זענען אַלע אַריבער.

ווען דער אָוונט האָט זיך דערנענטערט, האָבן מיר באַשלאָסן צו בלייבן אויפן אָרט. עס האָט זיך שוין געפילט דער אָנקומענדי־קער האַרבסט. בייַנאַכט האָבן מיר געכאַפּט אַ קאַלטן ציטער. מיר האָבן צוזאַמענגענומען אַלע שפּייז־רעזערוון, וועלכע מ׳האָט מיט־גענומען פון פריערדיקן לאַגער און אַביסל געשטילט דעם הונגער.

עס איז געקומען אַ פאַראָרדענונג מיר זאָלן נעמען זיך איינאָר־דענען אויפן אָרט. אין אַלע זייטן פון וואַלד זענען אַוועק אויסשפּי־רער, וועלכע האָבן איינגיכן געבראַכט ידיעות, אַז נישט ווייט זענען פאַראַן איינצלנע דאָרפישע הייזקעס מיט קליינע פויערשע ווירטשאַפטן. טייל פון די פויערים זענען וואַלד־אַרבעטער.

אונדזער אָפּטייל האָט אָנגעהויבן ענערגיש צו אַרבעטן, כדי צוצוגרייטן אַלץ, וואָס איז נויטיק פאַרן נייעם לאַגער. מען האָט געגראָבן גריבער, געהאַקט ביימער און געמאַכט פאַר זיך נייע דירות — ערד־הייזלן מיט אַלע מעגלעכע אין וואַלד־באַדינגונגען „באַקוועמלעכקייטן״.

צו יענער צייט איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה, אַז לויט אַ באַשלוס פון דער אונטערערדישער מינסקער אָרגאַניזאַציע איז דער היטלערישער גענעראַל־קאָמיסאַר איבער ווייסרוסלאַנד, קובע, אויפגעריסן געוואָרן אין זיין אייגענער בעט דורך אַ מינע, וואָס

פון געטאָ

אַ ווייסרוסיש מיידל האָט אונטערגעלייגט. דאָס זיך־אָרט פון היט־לעריסטישן גובערנאַטאָר איז געווען מינסק און דאָס מיידל האָט געאַרבעט ביי אים אַלס דינסט. צוגעהאָלפן צום אַטענטאַט האָבן די פּאַרטיזאַנער. די דייטשע הענקער האָבן אין זייער צאָרן זיך נוקם געווען אין פאַרבליבענעם ביסל יידן. פיר טויזנט נפשות פון מינס־קער געטאָ זענען דערמאָרדעט געוואָרן. צווישן זיי האָט זיך געפו־נען דער לעצטער גליד פון מיין משפחה — מיין שוועסטער חנה.

מיין שוועסטער חנה אומגעקומען ביי דער לעצטער אַקציע
אין מינסקער געטאָ.

24. מיר וואַרטן אויף פּאַראַשוטיסטן

אין דעם איוועניצער צווישן־ראַיאָן־צענטער פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג, צו וועלכן עס האָט אויך געהערט אונדזער בריגאַדע, האָט אַ בלאָנד רוסיש מיידל באַדינט די פּאַרטיזאַנישע ראַדיאָ־סטאַציע (די „ראַציע", ווי מען האָט עס גערופן). זי פלעגט עטלעכע מאָל אין טאָג איבערגעבן דעם שטאָב פון דער גאַנצער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וועלכער האָט זיך געפונען אויף יענער זייט פראָנט, באַריכטן פון די אויספירן פון אַלע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן און בריגאַדעס פון דעם ראַיאָן, סיי וועגן די קאַמפן קעגן די דייטשן, וועגן די דיווערסיעס, און סיי וועגן דער באַוועגונג פון דייטשן מיליטער. זי פלעגט אויך איבערגעבן די פּאָליטישע אינפאָרמאַציע פונעם אָנפירער פון צווישן־ראַיאָן־צענטער, געאָרגי דובאָוו. גלייכצייטיק פלעגט מען דורך דער „ראַציע" אויפנעמען באַפעלן פון צענטראַלן פּאַרטיזאַנער־שטאַב און ידיעות וועגן גאַנג פון דער מלחמה.

איינמאָל האָט אונדזער ראַדיאָ־אויפנעמערין איבערגעגעבן, אַז מען דאַרף דערוואַרטן אַן עראָפּלאַן, וואָס וועט אין אַ פינצטערער נאַכט זיך באַווייזן איבער אונדזער פּאַרטיזאַנישן אַעראָדראָם און ברענגען מיט זיך אַ גרופּע פּאַראַשוטיסטן־דעסאַנטלער, ווי אויך געווער, אַמוניציע און אַביסל „גייסטיקן שטאָף" — צייטונגען, ביכער, נאָך וועלכע מיר האָבן שטאַרק געבענקט.

אויך פריער איז אונדז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט דעסאַנטלער. זיי זענען אָבער נישט געקומען פון הימל, נאָר זיך דורכגעריסן דורך דעם פראָנט און נאָך וואָכן־לאַנגן וואַנדערן, דערגאַנגען צו אונדז.

דער גרעסטער טייל פון די דעסאַנטניקעס פלעגט באַשטיין פון 18־17־יעריקע בחורים. זיי האָבן זיך פרייוויליק אָנגעבאָטן צו קעמפן אין די פאַרטיזאַנער־וועלדער. זייער אויפגאַבע איז געווען צו געפינען זיך אין הינטערלאַנד פון שונא, אויף ערטער, וואָס זענען נישט ווייט פון באַן־ליניעס, אָדער אין געגנטן, וווּ עס זענען געווען באַדייטנדיקע מיליטערישע כוחות פון די דייטשן. זיי האָבן געדאַרפט אויסשפּירן דעם שונאס פּאָזיציעס. זיי פלעגן זיך פאַר־שטעלן. איינער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַן אַלטער פּויער, אַ באַוואָק־סענער, אַ צווייטער אין אַ מונדיר פון אַ באַן־אַרבעטער. דאָס מאַסקירן זיך איז געווען צוגעפּאַסט צו די געגעבענע אָרטשאַפטן און באַדינ־גונגען.

אין אונדזער שטאַב האָט מען זיך געגרייט אויפצונעמען בײ־נאַכט דעם דעסאַנט. בראש פון אַ גרופּע האָט דער קאָמאַנדיר פון אונדזער אָפּטייל באַשטימט אַ פּאַרטיזאַן, וואָס האָט שוין געהאַט אַ דערפאַרונג ביים אויפנעמען דעסאַנטן. איך בין אויך צוגעטיילט געוואָרן צו דער גרופּע, וועלכע האָט געגנומען אָפּרייניקן די געגנט פון אַעראָדראָם פון אַראָפּפאַלנדיקע צווייגן. מיר האָבן צוגעגרייט שייטערס לויט דעם אָפּגערעדטן סימן, כדי די פייער־צייכנס זאָלן ווייזן ווו זיך אַראָפּצולאָזן. זיי ווידער האָבן געדאַרפט אונדז געבן אַ צייכן מיט אַ בלויער ראַקעטע, מיר האָבן זיי געדאַרפט ענטפערן מיט אַ רויטער ראַקעטע. אונדזער גרופּע האָט געוואַרט אין גרויס שפּאַנונג אויפן אָנקום פון עראָפּלאַן. צו יענער צייט האָט זיך שוין געטראָפן, אַז דער דייטשער ראַדיאָ־שפּיאָנאַזש האָט איבערגעכאַפּט אונדזערע ראַדיאָ־ידיעות.

די שפּאַנונג איז געוואַקסן ווען עס האָט זיך דערהערט דאָס גערויש פון עראָפּלאַן. מיר צינדן אָן די שייטערס, וועלכע זענען אויסגעלייגט ווי דער אות « T ». די דעסאַנטן שפּרינגען און פאַלן אַראָפּ אין פאַרשידענע ערטער פון וואַלד. איך לויף אין גאַנצן דורכגענומען מיט פרייד אין דער ריכטונג, וווּ עס זעט זיך אַ בלאָנקנדיקער פאַל־שירעם.

— אייגענע? — האָט ער מיך געפרעגט.

— יאָ, אייגענע, — האָב איך אים מיט פרייד פאַרזיכערט.

דער פאַראַשוטיסט האָט אַוועקגענומען די פינגער פון זיין אויטאָמאַטישער ביקס. גלייכצייטיק באַווייזט זיך אויף זיין פנים, וואָס איז פריער געווען אָנגעשטרענגט, אַ גוטמוטיקער שמייכל.

איך העלף אים זיך אַרויספּלאָנטערן פון די פּאַראַשוט־שטריק. איך ווייס שוין, אַז ער הייסט אַליאָשאַ. ער איז קיין גאַנצע 18 יאָר נישט אַלט. אַ זון פון אַ קאָלכאָזניק פון הינטער מאָסקווע. אויך די איבעריקע פון דער גרופּע זענען אין גרעסטן טייל קינדער פון פּויערים. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין מאָסקווע וואַרטן טויזנטער יוגנטלעכע, וועלכע באַגערן צו קעמפן אין הינטערלאַנד.

מיר האָבן אָפּגעזוכט די אַנדערע פּאַראַשוטיסטן, וועלכע זענען געווען צעוואָרפן אין פאַרשידענע ערטער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלט איינער. מיר זענען געוואָרן שטאַרק אומרואיק. מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן אין די געדיכטעניש פון וואַלד. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט אַ שטיל פּליסטערן. מיר האָבן זיך פאַרנומען אין יענער ריכטונג. מיר האָבן דערזען אַ ווייסן פּאַראַשוט און אַ מענטש, וועלכער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט די שטריק. איינער פון אונדזער גרופּע איז אַרויפגעקראָכן אויפן בוים, איבערגעשניטן די שטריק און באַפרייט דעם יונגן פּאַראַשוטיסט.

מיט גרויס פרייד האָבן מיר זיך אומגעקערט מיטן צוועלפטן דעסאַנטניק צו אונדזער גרופּע. מיר האָבן צוזאַמענגענומען די אַראָפּגעוואָרפענע פּעקלעך מיט געווער. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן מיר זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס די געקומענע „פון יענער וועלט" האָבן אונדז דערציילט וועגן די נצחונות אין קאַמף קעגן די היטלעריסטן, וועגן דעם גרויסן אָנזען, וואָס די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן האָבן ביים גאַנצן פאָלק. מיר האָבן זיך אַלע צוזאַמען געפרייט. די

שטימונג איז געווען אַ געהויבענע. מיר האָבן ביי דער געלעגנהייט באַנעצט אונדזערע העלדזער מיט דער געבראַכטער משקה.

די פאַראַשוטיסטן־גרופּע האָט נאָכן אָפּרוען זיך צעטיילט, אַוועק אין פאַרשידענע ריכטונגען, כדי דורכצופירן די אויפגאַבן, וואָס מ׳האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט.

25. מיר פייערן דעם אָקטאָבער יום-טוב אין וואַלד (1943)

מיטן אָנקומען פון האַרבסט האָט זיך די וואַלדיקע געגנט געענדערט. דיביימער האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זייער גרינעם מלבוש. אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט האָט זיך געהערט דאָס פאַלן פון בלעטער. די נאַקעטע ביימער האָבן זיך גיך באַדעקט מיט אַ דינעם, האַרבסטיקן שניי, וואָס האַלט זיך נישט לאַנג אויף די פאַריתומטע צווייגלעך.

אין די פאַרכמורעטע פרימאָרגנס, ווען די זון וויל זיך נישט באַווייזן אין איר צויבער, הערט זיך אין דער וואַלדיקער שטילקייט אַן אָפּקלאַנג פון דער האַק און זעג. די פאַרטיזאַנער גרייטן דאָס האָלץ פאַר דער פאַרטיזאַנער־קיך. דאָס מאָל וועט מען באַקן און קאָכן פאָטראַוועס צום אָקטאָבער יום־טוב.

אין אונדזער אָטריאַד איז די באַלעבאָסטע פון דער קיך די חברטע ליובאַ, איר צוהעלפער איז דער חבר פעטיאַ פון די בודיאָנאָווצעס. ביידע לויפן זיי אַרום נישט דערשלאָפענע פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט, ווען זיי האָבן צוגעגרייט פאַרשידענע פּראָדוקטן פאַר דער קיך.

די קליינע, צאַפּלדיקע ליובאַ הייבט אָן צו געבן באַפעלן דעם גאַנצן קיך־פּערסאָנאַל. יעדער איינער האָט זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זיין אויפגאַבע. איינעם הייסט זי צוהיטן דעם גולאַש ער זאָל זיך נישט צופיל צעקאָכן, אַ צווייטן זאָגט זי אָן אויפצופּאַסן אויף די פאַרטיזאַנישע ווייסע בולקעלעך זיי זאָלן זיך צופיל נישט אויסבאַקן. אַ דריטן שטעלט זי אַוועק ביי דעם יום־טובדיקן

באַרשטש, כדי ער זאָל נישט אויסלויפן .אַלע זענען באַהערשט מיט דער יום־טובדיקער שטימונג.

צום יום־טוב איז אָנגעקומען אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט דורכגעפירט פאַרשידענע די־ווערסיע־אַקציעס. דער פאַראַנטוואָרטלעכער פון די געלונגענע אַקציעס איז דער העלדישער, דרייסטער מינסקער יידישער פּאַר־טיזאַן וואָלאָדיאַ קראַוועטשינסקי. מיט אים צוזאַמען זענען געווען נאָך אַנדערע עטלעכע העלדן. אין זייערע שלאָפלאָזע נעכט זענען זיי געווען אויף די וועגן, אויף באַן־ליניעס, ווו זיי האָבן מיט זייער דרייסטקייט צוגעטראָגן אַ ביישטייער צום יום־טוב. נישט געקוקט אויף זייער פאַרמאַטערטקייט פון דעם נאָר וואָס צוריקגעקומענעם וויטן וועג וואַשן זיי זיך, פּוצן זיך אויס און גרייטן זיך צו דער היינטיקער פייערונג.

אויך די ראַזוויעטשיקעס, אונדזערע אויסשפּירער, די פּני פון אונדזער אָטריאַד שטייען נישט ליידיק. זיי פּוצן און קעמען זייערע קאַמפּס־חברים, די יונגע פערדלעך מיט די אויפגעהויבענע קעפּ. זיי זעען אויס ווי זיי וואָלטן שטאָלץ געווען פון זייער געהאָרכזאַמ־קייט, ווען אין אַלע נויטיקע באַדינגונגען דערשמעקן זיי די נעסטן פון שונא. אין אַזעלכע מאָמענטן פילט זיך די פאַרברידערונג פון פערד און מענטש. קוקנדיק אויף די פערדלעך האָט מען דעם איינדרוק, אַז אויך זיי לעבן איבער צוזאַמען מיט אונדז די היינ־טיקע יום־טובדיקייט.

עס שטייען אויך נישט ליידיק די גראַנאַטן־וואַרפער, די מי־נען־לייגער, די פּולעמיאָטשיקעס. זיי רייניקן און פּוצן זייערע קריגס־מכשירים, וואָס זיי גרייטן צו, כדי שטענדיק צו זיין צו דער צייט, ווען מען דאַרף אַרויסטרעטן קעגן שונא. זאָלן זיי אויך זיין שיין פאַרגעשטעלט אויפן יום־טובדיקן פּאַראַד פון אונדזער אָטריאַד.

אין די וועלדער

דער פּאַראַד האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַ ליידיקן פּלאַץ צווישן דיביימער אין וואַלד. מ׳האָט אויפגעשטעלט אַ טריבונע, וואָס מ׳האָט אַרומגעוויקלט מיט אַ רויטן לייוונט. אַ דראַבנער ווייסער שניי, וואָס איז די פאַרגאַנגענע נאַכט געפאַלן האָט אַלץ באַצירט און עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט באַשיינט דעם יום־טוב.

דער קאָמאַנדיר סעמיאָן צוזאַמען מיט די אַנדערע אָנפירער פון אונדזער אָטריאַד האָבן פאַרנומען פּלעצער אויף דער טריבונע. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען די ערשטע פּיאָנירן פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, זיי זענען געווען ביי איר געבורט. עס מאַרשירן דורך די ראַזוויעטשיקעס מיט זייערע אויסגעפּוצטע פערדלעך, וואָס גייען איצט פּאַמעלעך מיט ריטמישע, פערדישע טריט. עס האָבן זיך צוגעשטעלט צום יום־טוב אויך אַנדערע מיליטערישע גרופּן, וואָס באַשטייען פון יונגע און עלטערע פּאַרטיזאַנער־קעמפער. אויף די פּנימער פון אַלע זעט מען אַ יום־טובדיקע, התלהבותדיקע שטימונג. זיי ווערן באַגריסט פון דער טריבונע מיט אָוואַציעס, וואָס מישן זיך אויס מיטן רויש פון ווינט און מיט די שאָקלענדיקע ביימער פון וואַלד. דער פּאַראַד פאַרענדיקט זיך מיט קורצע ווערטער פון אונדזער קאָמאַנדיר, וועלכער דערמאָנט, אַז מיר, די קעמפער און נקמה־נעמער, פירן אויס אַ הייליקע היסטאָרישע שליחות, ווייל מיר העלפן צו צו פאַרטרייבן די מערדער פון אונדזער פאָלק און לאַנד. דעריבער מוזן מיר זיין שטאַרק און מוטיק צו קאָנען פאַרזעצן דעם קאַמף ביזן זיג. ער פאַרגעסט נישט צו דערמאָנען דעם גרויסן נצחון ביי סטאַלינגראַד. ער באַגריסט די מעכטיקע אָנגריפס־קאַמפּן פון דער רויטער אַרמיי, אַדאַנק וועלכער דער שונא ווערט פאַרניכטעט און אַרויסגעטריבן פון די אָקופּירטע געביטן.

נאָך דעם ווי דער פּאַראַד האָט זיך פאַרענדיקט, האָט מען געקאָנט זען ווי אונדזער שמייכלענדיקער, גוטמוטיקער קאָמאַנדיר סעמיאָן אין דער באַגלייטונג פון פּאָליט־קאָמיסאַר האָט באַזוכט

די פּאַרטיזאַנישע זיעמליאַנקעס און אויסגעפּרעגט צי מיר האָבן וועלכע ס'זאָלן נישט זיין פאַרלאַנגען אין טאָג־טעגלעכן לעבן. ער האָט זיך אומעטום דורכגעשמועסט חבריש מיט די פּאַרטיזאַנער און דערביי געדאַנקט פאַר אונדזער איבערגעגעבנקייט ביים צו־העלפן איינאָרדענען דעם היינטיקן יום־טוב.

ס'איז געקומען דער צווייטער טייל פון יום־טוב. די דינאַ־מישע פּאַרטיזאַנער האָבן אין גיכקייט צוזאַמענגעשטעלט פון סאָס־נע־ביימער לאַנגע טישן מיט בענק, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט די אָראָמפאַלענדיקע האָרבסט־בלעטער פון וועלכע ס'האָבן זיך געטראָגן נאָך די ריחות פון נאָר וואָס פאַרגאַנגענעם זומער. עס האָבן זיך אויסגעזעצט צוזאַמען יונגע, בלאָנד־האָריקע פּאַרטי־זאַנער און אַלטע קעמפער מיט גרוי באַוואַקסענע קעפּ. אויף אַלע־מענס פּנימער דערקענט מען, אַז ס'איז היינט אַ שמחה.

די פּאַרטיזאַנישע קעסעלעך, ביי וועלכע עס ליגן די היל־צערנע לעפל וואַרטן מען זאָל זיי אָנפילן. מ'האָט נישט פאַרגעסן צוצוגרייטן צום יום־טוב אַ ביסל משקה, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן ביי די פּויערים פון דער אַרומיקער געגנט. מען טרינקט אַ לחיים און מען פאַרבייסט מיט נאָר וואָס פריש געבאַקענע ווייסע פּאַרטיזאַנישע בולקעלעך. מיר ווערן מוטיקער, עס באַהערשט אונדז אַ גייסטיקע דערהויבנקייט. מען דערציילט זיך איינער דעם אַנדערן פאַרשידענע עפּיזאָדן און קוריאָזן, וואָס זענען זיך פאַר־לאָפן בעת מען איז געווען אויף קאַמפּס־פּאָזיציעס. דערביי צע־שפּילט זיך דער רוסישער פאָלקסטימלעכער הומאָר. יעדערער דערפילט אַ פאַרלאַנג אויסצוזינגען עפּעס, וואָס דערמאָנט אין קאַמף און אין זיג. דער געזאַנג הילכט אָפּ אין וואַלדיקן אַרום און פאַרטויבט דעם האַרבסטיקן גערויש פון די ביימער.

דער אָקטאָבער יום־טוב צעשיינט זיך אין אַלע קאָלירן. אַ גרופּע יונגע פּאַרטיזאַנער שפּילן אויס צאַרטע טענער פון בענק־שאַפט נאָך די נישט לאַנג אויסגעוואַרעמטע, פאַרלאָזענע היימען.

די עלטערע פּאַרטיזאַנער שטייען נישט אָפּ. מען טאַנצט צוזאַמען יונג מיט אַלט, מען ווערט נישט מיד. עס טאַנצט דער קאָמאַנדיר מיט אַ פּראָסטן סאָלדאַט. עס איז נישט פאַראַן איצט קיין אונטער־שייד אין די מיליטערישע ראַנגען. עס לאָזט זיך אויך הערן אין דער קאָלעקטיווער שמחה דער טייערער, צאַרטער סאַשאַ סעראַ־פּימאָוויטש. ער זיצט זיך באַשיידן אין אַ ווינקעלעביים פּראָווי־זאָרישן טיש, ווי ער וואָלט נישט דרייסט געווען אין זיין אויפפי־רונג מיט אַנדערע חברים לעבן זיך, האלט ער זיין טייערע לעבנס־באַגלייטערין — די מאַנדאָלינע, וואָס ער דריקט צערטלעך צו זיך. מען דאַרף אים נישט בעטן ער זאָל זיך באַטייליקן אין דער יום־טובדיקער שמחה. עס דערהערן זיך ברוינזנדיקע טענער פון דער מאַנדאָלינע, וואָס פליסן ווי ים־כוואַליעס. דער האַרבסטיקער ווינט און דער גערויש פון דיביימער באַגלייטן זיין מוזיק. עס דאַכט זיך, אַז די קלאַנגען רופן צו נקמה, צום העלדישן קאַמף און צום זיג. אַזוי זיצט סאַשאַ פאַרטיפט אין די טענער פון זיין מאַנדאָלינע, וואָס דערוועקן האָפענונג צו אַ פרייער, שיינער וועלט.

עס האָט זיך פאַרצויגן ביז ווייט אין דער נאַכט. די פּאַרטי־זאַנישע בעלי־שמחה הייבן אָן צו דערפילן די מידקייט פון פריער־דיקע נישט דערשלאָפענע נעכט. מען טראַכט אויך וועגן דער צוגרייטונג פון דער ביינאַכטיקער וואַך און וועגן די מאַרגנדיקע אַקציעס. ס'איז אַ געוווינהייט אין דער פּאַרטיזאַנישער קאַמפּס־סטראַטעגיע אויסצונוצן די פינצטערניש פון דער נאַכט, כדי אָנצו־פאַלן אויפן שונא.

מען גייט זיך פונאַנדער יעדער איינער מיט זיין גרופּע. עס רעדן זיך צוזאַמען די, וואָס זענען באַשטימט דורכצופירן אַן אַקציע ביי די נישט ווייטע באַן־ליניעס. זייער באַגאַזש מיטן אויפרייס־מאַטעריאַל איז שוין צוגעגרייט. די ראַזוויעטשיקעס־אויסשפּירער גייען אַ קוק געבן צו זייערע פערדישע קאַמפּס־חברים, וואָס רוען זיך אויס גרייט צו זיין צום מאָרגנדיקן לויפנדיקן גאַלאָפּ אין די

דערפֿער, ווו עס געפינט זיך דער שונא. אַנדערע גייען זיך פונאַנ־דער אין וואַלד צו וואַכן איבער די פּאַרטיזאַנער, וואָס בלייבן אויף זייער אָפּרו אין לאַגער.

אַזוי האָבן אין די ווייסרוסישע נאַליבאָקער וועלדער געפייערט דעם אָקטאָבער יום־טוב די פּאַרטיזאַנער אויפן נאָמען פון בודיאָני מיט זייער פירער סעמיאָן גאַנזענקאָ.

26. דער דייטשער שפּיאָן אַבראַהימאָוו

נאָך אייניקע מאָנאַטן ווי עס איז פאָרגעקומען די גרויסע בלאָקאַדע אין מאָנאַט יולי איז אַריינגעקומען אַן ענדערונג אין צוזאַמענשטעל פון די אָטריאַדן און בריגאַדעס אין דער באַראַ־נאָוויטשער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. דאָס איז דער עיקר געווען דערפאַר ווייל אין די לעצטע מאָנאַטן פון יאָר 1943 און אויך שפּע־טער זענען צוגעקומען אַ סך מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַ־ליטעטן און צווישן זיי אַ גרויסע צאָל יידן, וואָס האָבן זיך אָנגע־שלאָסן אין די פּאַרטיזאַנער. מען האָט געענדערט די נעמען פון געוויסע אָטריאַדן, בריגאַדעס און מען האָט פאַרגרעסערט די צאָל מענטשן אין זיי. מען האָט אויך געשאַפן נייע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונ־גען, וואָס האָבן געטראָגן די נעמען נישט נאָר פון גרויסע פער־זענלעכקייטן נאָר אויך פון קעמפער, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן אין די שלאַכטן קעגן שונא. עס זענען אויך באַשטימט געוואָרן נייע מענטשן פאַר דער העכערער אָנפירונג, וואָס האָבן שוין גע־האַט אַ סך דערפאַרונג און גרויסע פאַרדינסטן אין די קאַמפן מיטן שונא.

אין אָטריאַד אויפן נאָמען פון בודיאָני וועמענס קאָמאַנדיר עס איז געווען סעמיאָן גאָנזענקאָ און צו וועלכן איך האָב געהערט, זענען אויך פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. מען האָט אים גע־געבן אַ נייעם נאָמען — „25 יאָר ווייסרוסישע רעפּובליק״. אַלס קאָמאַנדיר אויפן אָרט פון גאָנזענקאָ איז באַשטימט געוואָרן דער פאַרדינסטפולער פּאַרטיזאַן קוזמין, אַ קאָלכאָזניק פון מינסקער

געגנט, אַ גוטמוטיקער מענטש און אַ געטרייער חבר פון די פּאַר־טיזאַנער. אַלס פּאָליטישן קאָמיסאַר האָט מען אונדז געגעבן נחום פעלדמאַנען פון מינסק, וועלכער איז געווען אַ לאַנג־יעריקער פּאַרטיי־חבר. זייענדיק זייער יונג האָט ער שוין אָנטייל גענומען אין די קאַמפן ביים אַנטשטיין פון דער ראַטן־מאַכט. אַזוי אַרום האָט ער געהאַט אַ לאַנגע אָרגאַניזאַציאָנעלע דערפאַרונג און ער איז אויך געווען אַ טעמפּעראַמענטפולער רעדנער.

צוזאַמען מיט נחום פעלדמאַנען איז געקומען זיין צווייטע פרוי שרה לעווין, אַ לערערין פון אַ יידישער שולע אין ווילנע. זי איז צופעליק אַריינגעפאַלן אין מינסקער געטאָ און דאָרט מיט־געאַרבעט מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג. ווי גיך זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ איז זי אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער ווו זי איז געוואָרן פעלדמאַנס פרוי. באַלד נאָך דער באַפרייאונג האָט זי זיך אומגעקערט קיין מינסק ווו זי איז געוואָרן אַן אָנגעזעענע מיטאַרבעטערן פון דעם מוזיי וועגן פּאַטערלענדישן קריג. נחום פעלדמאַן איז נאָך דער מלחמה קראַנק געוואָרן און נאָך אַ קורצער צייט געשטאָרבן אין עלטער פון 70 יאָר.

אין וואַלד איז פאַר די לעצטע צייטן זייער שווער געוואָרן מיט באַשפּייזונג, ווייל עס זענען שוין דעמאָלט געווען גרויסע מחנות פּאַרטיזאַנער. דאָס באַזאָרגן זיך מיט שפּייז איז אַלע מאָל שווערער געוואָרן אויך צוליב דעם וואָס די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט געצוווּנגען די פּויערים זיי זאָלן זיי אַוועקגעבן דעם גרעסטן טייל פון די אַגראַר־פּראָדוקטן און אויך דעם לעבעדיקן אינווענטאַר פאַר די גאַרניזאָנען, וואָס זענען אין יענער געגנט באַ־שטימט געווען צו באַקעמפן די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

נישט איין מאָל איז געשען, אַז דייטשע פּאַטרולן זענען אָנגעקומען אומגעריכטערהייט און אונטער דער דראָאונג צו דערשיסן די פּויערים, האָבן זיי זיי געצוווּנגען אָפּצוגעבן דאָס לעצטע ביסל וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

אין די וועלדער

אונדזער קאָמאַנדיר קוזמין האָט אויסגעטיילט אַ גרופּע פּאַר־טיזאַנער פון אונדזער אָטריאַד, כדי זיך צו לאָזן אין די דערפער און איינשאַפן פאַר אונדז פּראָדוקטן. מיר זענען אַוועק אין דער־פער, וואָס האָבן זיך געפינען ווייט פון דער פּאַרטיזאַנער־זאָנע. ס'איז אויסגעקומען זיך צו לאָזן נאָך שפּייז אין געפערלעכע ערטער.

מיר זענען דערגאַנגען צו אַ דאָרף ווו מיר האָבן געהאַט אויסזיכטן זיך צו קאָנען איינשאַפן אַ ביסל פּראָדוקטן. פאַרן אַריינ־גיין אין דאָרף האָבן מיר זיך פונאַנדערגעטיילט אין צוויי גרופּן. איין גרופּע איז פאַרבליבן ביים אָנהייב דאָרף און אויסבאַהאַלטנ־דיק זיך פאַרנומען אַ קאַמפּס־פּאָזיציע, אַז אין פאַל ווען עס וועט נויטיק זיין זאָל מען זיך קאָנען פאַרטיידיקן. די צווייטע גרופּע איז אַוועק זוכן שפּייז.

ווען מיר זענען אַריין אין ערשטן פּויערישן הויז, ווי גיך די טיר האָט זיך געעפנט, איז אונדז אַנטקעגנגעלאָפן אַ פרוי מיט פאַרבראָכענע הענט, מיט אַ גרימאַסע פון שרעק אויפן פּנים און אָנגעהויבן זיך בעטן ביי אונדז מיר זאָלן שוין אַוועק ווייל אין דער צווייטער כאַטע, וואָס איז נישט ווייט פון דאַנען געפינען זיך דייטשן, וואָס זענען געקומען אַוועקרויבן דאָס לעצטע ביסל שפּייז, וואָס מען האָט נאָך פאַר די קינדער. זיי וועלן זיכער אויך אהער קומען.

מיר זענען גלייך אַרויסגעלאָפן פון דער פּויערישער שטוב און מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן הינטערן הויז אויף אַזאַ אופן, אַז מיר זאָלן קאָנען אָבסערווירן וואָס דאָ וועט פאָרקומען. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מיר האָבן דערזען ווי איינער פון די דייטשן איז אַרויס פון דערנעבנדיקן הויז מיט זיכערקייט, טראָגנ־דיק מיט זיך די אָנגעראַבעוועטע פּראָדוקטן. איינער פון אונדז, וואָס איז געווען באַוואָפנט מיט אויטאָמאַטיש מאַשין־געווער האָט נישט לאַנג געוואַרט און האָט אַרויסגעלאָזט אַ סעריע שאָסן פון זיין אויטאָמאַט. דער דייטש האָט באַוויזן צוריק אַריינצולויפן אין הויז, ווו עס זענען פאַרבליבן צוויי זיינע חברים. מיר פון אונדזער

זייט האָבן פאַרנומען אַ באַקוועמערע קאַמפּס־פּאָזיציע. פּלוצלונג דערהערן מיר אַ שיסעריי, וואָס איז געקומען פון אַ בוידעם־פענצ־טערל פון וואַנען זיי האָבן אין אונדז נישט געקאָנט טרעפן. מיר האָבן גלייך נישט געענטפערט נאָר צוגעוואַרט ביז ס'וועט זיך אויסשעפן אַ ביסל זייער קוילן־רעזערוו.

מיר זענען איבערגעגאַנגען צו אַן אָנגריף. מיר האָבן אין פענצטערל אַריינגעוואָרפן איין גראַנאַט, אַ צווייטן און צוגעגעבן אַ סעריע שאָסן פון אונדזער אויטאָמאַטשיק. עס האָט זיך דער־הערט אַן אויפרייס, וואָס איז געקומען פון בוידעם. עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי אין פענצטערל האָט זיך באַוויזן אַ שטיק ווייסע לייוונט אַלס צייכן, אַז זיי ווילן זיך אונטערגעבן. מיר האָבן באַ־פוילן זיי זאָלן אַראָפּגיין פון בוידעם מיט אויפגעהויבענע הענט.

דער ערשטער, וואָס האָט זיך באַוויזן איז געווען אַ פּול־לייביקער, מיט אַן אָנגעגאָסענעם פּנים, מיט דערשראָקענע אויגן. נאָך אים איז אַראָפּגעגאַנגען אַ יונגער דייטש, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך אָפּצייכענונגען פון אַ העכערער ראַנגע.

מיר האָבן אים געפרעגט צי עס איז נאָך ווער פאַרבליבן אויפן בוידעם. ער האָט געענטפערט, אַז איינער איז פאַרבליבן אַ שטאַרק פאַרוווּנדעטער. מיר האָבן זיי געהייסן אים אַראָפּטראָגן און מיר האָבן אויך אים, דעם פאַרוווּנדעטן, מיטגענומען, כדי עס זאָלן נישט בלייבן קיין שפּורן פון אונדזער דורכגעפירטער אַקציע אין פאַל ווען מען וועט קומען זוכן די דריי דייטשן.

מיר זענען שוין געווען צוזאַמען מיט די, וואָס זענען פאַר־בליבן ביים אַריינגאַנג פון דאָרף. דער שווער פאַרוווּנדעטער איז אָוועקגעשטאָרבן. מיר האָבן אים באַגראָבן אין וואַלד. פון די צוויי פאַרבליבענע איז אויך איינער פאַרוווּנדעט געווען. מיר נעמען זיי ביידע מיט זיך. דעם פאַרוווּנדעטן העלפן מיר מיט די מיני־מאַלסטע סאַניטאַרישע מיטלען, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט זיך. מיר זענען געגאַנגען מיט די צוויי דייטשן אין אונדזער לאַגער.

אויפן וועג, האָבן מיר אָנגעהויבן רעדן מיטן געזונטן דייטשן סאָל־דאַט. צווישן אַנדערן האָבן מיר אים געפרעגט צי ער האָט אַ פרוי מיט קינדער, צי ער איז באַזאָרגט וועגן זייער לעבן און מיט וואָסער רעכט זיי זענען געקומען אַוועקנעמען דאָס לעצטע ביסל שפּייז, וואָס איז געבליבן פאַר די קינדער פון די פּויערים. ער האָט נישט באַלד געגעבן קיין ענטפער. דערנאָך האָט ער געענטפערט, אַז זיי פירן בלויז אויס באַפעלן פון דער העכערער מיליטערישער אָנפירונג.

***

מיר האָבן פאַרגעזעצט אונדזער וועג מיט פאַרזיכטיקייט און גלייכצייטיק שפּאָרן מיר איין צייט, כדי וואָס גיכער זיך צו דערווייטערן פון דאָרף. מיטאַמאָל איז אונדז אַנטקעגנגעקומען אַ מאַן. צוליב זיין באַוואָקסנקייט האָט מען נישט געקאָנט דערקענען פון וואָסער עלטער ער איז. זיינע קליידער זענען געווען אינגאַנצן אָפּגענוצט, דאָס פּנים צעקנייטשט און זיינע אויגן האָבן אַרויסגערופן רחמנות. מיר האָבן אים געפרעגט פון וועלכן דאָרף ער איז און ווו ער גייט. אַ דערשראָקענער האָט ער אָנגעהויבן צו שטאַמלען און אונדז געזאָגט, אַז ער איז אַן אָפּשטאַמיקער פון די סיבירער געגנטן און אַז ביז דאָ נישט לאַנג איז ער געווען אין געפאַנגענשאַפט אין אַ דייטשן לאַגער נישט ווייט פון מינסק פון וואַנען עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן.

ער האָט אונדז אויך דערציילט, אַז זינט עטלעכע טעג, ווען ער איז אַנטלאָפן פון לאַגער זוכט ער אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער און אַז עס איז פאַר אים אַ גליק וואָס ער האָט אונדז באַגעגנט אויפן וועג, ווייל ער וויל אָנטייל נעמען אין קאַמף מיט די דייטשן.

מיר האָבן אים מיטגענומען מיט זיך און געבראַכט צו פירן אין לאַגער פון אונדזער אָטריאַד. די צוויי דייטשן און דעם אַנט־

לאַפּענעם פון געפאַנגענשאַפט מיטן נאָמען וואַניאַ אַבראַהימאָוו האָבן מיר גלייך אַוועקגעפירט צו אונדזער קאָמאַנדיר קוזמין.

די געפאַנגענע דייטשן האָט מען אַריינגענומען אין אַ באַזונדערער זיעמליאַנקע און מען האָט זיי אויסגעפרעגט וועגן די פאַרשידענע מילטערישע צוזאַמענשטעלן פון די דייטשע איינהייטן. מען האָט זיי באַהאַנדלט מענטשלעך, געגעבן צו עסן און דעם פאַרוווּנדעטן האָט מען געהיילט. נאָך אַ שטיקל צייט האָט מען ביידע דייטשע געפאַנגענע איבערגעפירט אין אַ צווייטן אָטריאַד.

דעם מיטגעבראַכטן וואַניא אַבראַהימאָוו האָט מען פון אָנהייב צוגעטיילט צו דער פאַרטיזאַנישער קיך. זיין אויפגאַבע איז געווען צוצוגרייטן האָלץ פאַר דער קיך. ער האָט אין זיין אַרבעט אַרויסגעוויזן אַ סך איבערגעגעבנקייט און האָט זיך געהאַלטן זייער חבריש מיט די פאַרטיזאַנער, כאָטש ער איז געווען אַ ווייניק באַרעדעוודיקער.

מען האָט גיך באַמערקט, אַז ער האָט גרויסע קענטענישן ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגיין מיט פערד. ער האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטן לויפער אויף אַ פערד. וואָס ווייטער אַלץ מער האָט ער אַרויסגערופן אין אָטריאַד צוטרוי. זיין גוטע אויפפירונג, זיין געהאָרכזאַמקייט און אויך זיין געניטקייט זיך צו באַגיין מיט אַ פערד האָבן גורם געווען, אַז מען האָט אים אַריינגענומען אין דער אויסשפּיר־גרופּע פון די פערד־רייטער. עס האָט אויסגעזען, אַז מיט זיינע קענטענישן וועט ער קענען אויסשפּירן די באַהאַלטענע ערטער פון שונא.

עס זענען אַוועק עטלעכע מאָנאַטן און אַבראַהימאָוו איז באַשטימט געוואָרן דורכן קאָמאַנדיר צו זיין דער אָנפירער פון דער אויסשפּיר־גרופּע. די גאַנצע צייט האָט ער נישט אַרויסגעוויזן די מינדעסטע סימנים פון זיינע פאַרעטערישע אויפגאַבן, וואָס זענען אים אָנגעטרויט געוואָרן.

אין דער זעלבער צייט, ווען אַבראַהימאָוו איז געשיקט געוואָרן

אין די דערפער אויסצושפירן דעם שונא, האָט ער זיך באַקענט מיט אַ יונג מיידל פון אַ דאָרף, וואָס איז געווען אונטערן איינפלוס פון די דייטשן. דאָס מיידל איז געווען אין גוטע באַציאונגען מיט אונדזערע פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען אָפטמאָל געקומען אין דאָרף און האָבן געהאַט צו איר צוטרוי: אַבראַהימאָוווס באַקאַנטשאַפט מיטן מיידל האָט געהאַט אויף איר אַן אַנדערע אויסווירקונג. זי איז אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין איינפלוס און זיך געלאָזט צוציען צו זיינע פאַרעטערישע פּלענער.

עס איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקל צייט ווי אַבראַהימאָוו איז געוואָרן דער אָנפירער פון די ראַזוויעטשיקעס. עס האָבן אָנגעהויבן פאַרלוירן גיין איינצלנע אויסשפירער, וואָס אונדזער אָטריאַד האָט אַרויסגעשיקט צו אַנדערע נישט ווייטע אָטריאַדן, כדי זיך צו פאַרשטענדיקן צו אָרגאַניזירן פאַרשידענע געמיינזאַמע אַקציעס מיטן ציל זיך צו פאַרשאַפן פּראָדוקטן און אויך אונטערצונעמען מיליטערישע איניציאַטיוון, וואָס האָבן געדאַרפט אָנגעפירט ווערן דורך אַבראַהימאָוון.

די אָנפירונג פון אונדזער אָטריאַד האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק באַאומרואיקן צוליב די דורכפאַלן פון די פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען פאַרפאַלן געגאַנגען. מען האָט נישט געקאָנט דערגיין וואָס דאָ קומט פאָר. דער נישט אויפגעקלערטער סוד האָט דערפירט דערצו, אַז מען האָט גענומען טראַכטן, אַז דער פאַראַט קומט פון די אייגענע רייען.

אַ געוויסן טאָג איז אַבראַהימאָוו מיט זיין גרופּע אויסשפירער געשיקט געוואָרן דורכצופירן אַן אויסשפיר־אַקציע אין דאָרפישע געגנטן, וווּ די דייטשן האָבן זיך באַוועגט פרייער ווי אין אַנדערע ערטער. צוריקקומענדיק האָט אַבראַהימאָוו איבערגעגעבן אונדזער קאָמאַנדיר, אַז ער האָט באַקומען ידיעות פון זיינע פאַרטרויאונגס־מענטשן פון דאָרף, אַז עס איז אָנגעקומען אַ דייטשע שטראָף־עקס־פּעדיציע, וואָס באַשטייט פון אַ קליינער צאָל סאָלדאַטן, וועלכע

האָבן זיך פאַרמאַסקירט אין באהעלטענישן אין אַ דאָרף ביים ראַנד וואַלד. זייער אויפגאַבע איז צו פאַרניכטן די דורכפאָרנדיקע קליינע פאַרטיזאַנער־גרופּן. צוליב דעם האָט ער פאָרגעלייגט צו פאַר־גרעסערן זיין גרופּע אויסשפּירער, כדי צו קאָנען מאַכן אַן איבער־פאַל אויף דער דייטשער שטראָף־עקספּעדיציע.

אַז דער גאַנצער פּלאַן איז צוגעטראַכט געוואָרן דורך אים צוזאַמען מיטן דייטשן שפּיאָנאַזש, וואָס האָט זיך געפונען אין איי־נעם פון די דערפער, האָט מען זיך נישט געכאַפּט. דער קאָמאַנדיר קוזמין האָט פאַרגרעסערט אַבראַהימאָווס גרופּע אויסשפּירער צו 10 אָדער 12 פאַרטיזאַנער. דערביי האָט ער זיי אָנגעזאָגט, אַז ווי נאָר די אַקציע וועט פאַרענדיקט ווערן, זאָלן זיי זיך גלייך צוריק־קערן אין לאַגער.

אין די שפּעטע נאַכט־שעהן איז די גרופּע מיט אַבראַהימאָוון בראש אַרויסגעריטן אויף זייערע פערדלעך אין דער ריכטונג, ווו עס האָט זיך געפונען די דייטשע שטראָף־עקספּעדיציע. עס איז דורכגעגאַנגען די נאַכט, עס איז אָנגעקומען דער טאָג און מען האָט געוואַרט מיט גרויס זאָרג אונדזער גרופּע אויסשפּירער זאָל צוריקקומען. אונדזער אומרו האָט אַלע מאָל מער געוואַקסן. אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהן האָבן זיך באַוויזן צווי ראַזוויעטשי־קעס פון דער גרופּע פון וועלכער אַבראַהימאָוו איז געווען דער אָנפירער. די צוריקגעקומענע זענען קוים אַראָפּ פון זייערע פערד־לעך זייערע פנימער זענען געווען פאַרטרויערט, צעוויינט. זיי האָבן אין דער שטיל איבערגעגעבן, אַז אַבראַהימאָוו האָט פאַראַטן און אַז אַלע אונדזערע חברים זענען אומגעקומען דורך דער דייטשער שטראָף־עקספּעדיציע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרעסערער צאָל, ווי מען האָט געמיינט און דערצו זענען זיי געווען גוט באַוואָפנט. די דייטשן האָבן אויפגעשטעלט אַ פאַסטקע, זיי האָבן פון פאָרויס צוגעגרייט דעם פּלאַן ווי אַזוי אויסצומאָרדן די אויסשפּירער. זיי, די צוויי געראַטעוועטע, וואָס זענען געווען די לעצטע פון דער

גרופּע, איז דורך אַ צופאַל געלונגען צו אַנטלויפן אין געדיכטן וואַלד, וווּ זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די ביימער און אַזוי אַרום אויסגעמיטן נישט אַריינצופאַלן אין די רוצחישע דייטשע הענט.

ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט איז אַבראַהימאָוו אַריינגעשיקט געוואָרן צו אונדז פון דער דייטשער שפּיאָנאַזש־אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך געפונען אין געפאַנגענשאַפטס־לאַגער, ווו דער פאַרעטער האָט זיך געפונען. די דייטשן האָבן אים איבערגעקויפט דערמיט וואָס זיי האָבן אים געגעבן בעסערע באַדינגונגען. זיי האָבן אים אויך פאַרזיכערט, אַז אויב ער וועט מיטאַרבעטן מיט די דייטשן, וועט מען, נאָך דער מלחמה, וואָס וועט זיך ענדיקן מיט זייער זיכערן זיג, אים צוטיילן אַ סך ערד און ער וועט ווערן אַן אייגנטימער פון אַ גרויסער לאַנדווירטשאַפט.

עס האָט זיך אויך שפּעטער אַרויסגעוויזן, בעת מיר האָבן אויסגעפרעגט די פּויערים פון דעם דאָרף, ווו עס האָט געלעבט אַבראַהימאָווס געליבטע מיט איר משפחה, אַז דאָס מיידל מיטן נאָמען מאַרושאַ מיט אירע עלטערן האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט אַבראַהימאָוון.

עס איז אויך שפּעטער פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער פאַרעטער אַבראַהימאָוו האָט דירעקט אָנטייל גענומען אין דערמאָרדן אונדזערע ראַזוויעטטשיקעס, וואָס די דייטשע שטראָף־עקספּעדיציע האָט דורכגעפירט. ער האָט געהאָלפן אויסמאָרדן פאַרטיזאַנער פון אונדזער אָטריאַד און אויך פון אַנדערע אָטריאַדן.

מיר זענען געבליבן ווי פאַריתומט נאָכן אומקום פון אונדזערע חברים. מיר זענען געבליבן פאַרטרויערט נאָך די אַוועקגעריסענע פון אונדז יונגע לעבנס, אָבער גלייכצייטיק האָבן מיר זיך אָנגעהויבן גרייטן נקמה צו נעמען פאַר אונדזערע געפאַלענע העלדן און זיך אָפּצורעכענען מיט די מערדער און פאַרעטער, וואָס האָבן נישט אויסגעמיטן די פאַרדינטע שטראָף.

27. מיר גייען אויפרייסן אַ באַן-ליניע — אַפּריל 1944

דער פרילינג איז אין יענעם יאָר נישט געקומען מיט זיין געוויינלעכן צויבער. מיר האָבן אים אין אונדזערע וואַלדיקע נעסטן נישט געפילט. ס'איז געווען קאַלט.

דער הימל איז געווען אַ פאַרכמאַרעטער און ס'איז געפאַלן אַ דראָבנער שניי, וואָס איז באַלד צעגאַנגען אויף די נאָך נישט באַוואַקסענעביימער. דאָס וועטער, די גאַנצע נאַטור האָט נישט דערהויבן אונדזער מאָראַל, ווען מיר זענען געלעגן אויף אונדזערע קאַלטע פּאַרטיזאַנישע נאַרעס. אין די פרימאָרגנס זענען מיר אַראָפּ פון אונדזערע געלעגערס נישט דערשלאָפענע און נאָכן דערוואַרעמען זיך מיט דער הייסער פּאַרטיזאַנישער זופּ, האָבן מיר געמאַכט אַ שפּאַציר צווישן די זיעמליאַנקעס. דערנאָך האָבן מיר זיך גרופּירט אַרום דער זיעמליאַנקע, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס ראַדיאָקעסטל, כדי צו הערן די לעצטע נייעסן פון די שלאַכטן אויף די פראָנטן. די ידיעות וועגן די אָנגריפן פון דער רויטער אַרמיי און די רעפּאַרטאַזשן פון די קריגס־קאָרעספּאָנדענטן, וואָס האָבן איבערגעגעבן איינצלהייטן וועגן די קאַמפן ביי סטאַלינגראַד האָבן אונדז שוין געהאַט דערפרייט מיט אַ יאָר צוריק. מיר האָבן זיך אַלע מאָל מער דערוווסט, אַז די דייטשע בעסטע מיליטערישע אָפּטיילונגען ווערן צעשלאָגן און אַז יונגע רוסישע סאָלדאַטן האָבן מיט זייערע קערפּערס איינגעהאַלטן דעם פאָרויסגאַנג פון שונא.

אויסהערנדיק די נייעסן פון די פראָנטן, איז יעדער פון אונדז געמוטיקט און געשטאַרקט געוואָרן מאָראַליש. דער פאַרלאַנג צו־

צוטראָגן זיין ביישטייער אינעם קאַמף צו פאַרטרייבן דעם שונא איז ביי יעדערן פון אונדז געוואַקסן. יעדערער האָט באַגערט צו זיין אַ מיטבאַטייליקטער אין די שלאַכטן און צו העלפן וואָס גיכער צו צעשמעטערן דעם שונא.

אַ געוויסן טאָג האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז עס קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג פון די פאַרטיזאַנער. ווען מיר זענען אַריין אין דער זיעמליאַנקע האָבן מיר שוין געטראָפן דעם קאָמאַנדיר קוזמין. אויף זיין פּנים איז געווען אַ גוטמוטיקער שמייכל, אָבער אין זיינע אויגן איז געווען צאָרן. דאָס ערשטע וואָס ער האָט אונדז געזאָגט, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, איז געווען, אַז אונדזער אָטריאַד איז היגטערשטעליק אין אַקציעס לגבי אַנדערע אָטריאַדן פון אונדזער געגנט און אַז מיר דאַרפן זיך נעמען מיט מער פלייס צו דיווערסיע־אַרבעטן. ער האָט דערמאָנט די העלדישע קעמפער פון סטאַלינגראַד, וואָס דאַרפן זיין פאַר אונדז אַ ביישפּיל. ער האָט אונדז אויך געגעבן אַלס ביישפּיל די דיווערסיע־גרופּע פון אונדזער אָטריאַד, וואָס איז געווען אונטער דער אָנפירונג פון דעם יונגן יידישן פאַרטיזאַן יאַנעק קאָזלאָווסקי, וועלכער האָט זיך אַרויס־געריסן פון מינסקער געטאָ און דערשלאָגן זיך צו די פאַרטיזאַנער.

קאָזלאָווסקיס דיווערסיע־גרופּע האָט שוין געהאַט אויף איר חשבון אַ גרויסע צאָל אויפגעריסענע מיליטערישע טראַנספּאָרטן און צעשטערטע וועגן דורך וואַנען עס זענען געגאַנגען דייטשע טראַנספּאָרטן. דאָס איז נישט גענוג, האָט אונטערגעשטראָכן אונדזער קאָמאַנדיר קוזמין. אין איצטיקן מאָמענט, ווען דער שונא ווערט געשלאָגן אויף אַלע פראָנטן, איז די פליכט פון די פאַרטיזאַנער צוצוטרעטן מיט פאַרשטאַרקטע כּוחות צו העלפן פאַרניכטן דעם שונאס טראַנספּאָרטן, וואָס גייען צו די פראָנטן און פון די פראָנטן, אַזוי אַז די דייטשע מיליטערישע איינהייטן זאָלן זיך נישט קאָנען פריי באַוועגן.

נאָך אַ געהיימער באַראַטונג צווישן אונדזער קאָמענדאַנט און

דעם קאָמיסאַר פעלדמאַן, איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז עס איז באַשטימט געוואָרן צו שיקן אַ גרופּע פון 4 פּאַרטיזאַנער דורכצופירן אַן אַקציע אויף דער באַן־ליניע, וואָס געפינט זיך אין אונדזער געגנט און ווו עס גייען דורך מיליטערישע טראַנס־פּאָרטן.

די באַשטימטע פיר פּאַרטיזאַנער האָט מען געמאָלדן אין דער שטיל, אַז זיי דאַרפן גרייט זיין די נאָענסטע נאַכט צו דער אויספירייס־אַקציע. פאַר דעם פירער פון דער גרופּע האָט מען אויס־געקליבן דעם פּאַרטיזאַן סאָקאָלאָוו, א געבוירענער אין יענער געגנט און אַן אָפּשטאַמיקער פון לאַנגע דורות פּויערים. אויף זיין צעק־נייטשן פּנים האָט מען אָנגעזען די שווערע אַרבעט פון לאַנגע יאָרן.

סאָקאָלאָוו איז שוין נישט געווען קיין יונגער. ער האָט זיך קוים געראַטעוועט פון דאָרף, ווו ער האָט געלעבט, בשעת עס איז געקומען אַ דייטשע שטראָף־עקספּעדיציע, וואָס האָט אויסגעמאָר־דעט אַ גרויסן טייל פון די איינוווינער, וועלכע מ׳האָט באַשולדיקט אין האָבן פאַרבינדונגען מיט די פּאַרטיזאַנער.

דער פּאַרטיזאַן סאָקאָלאָוו האָט גוט געקענט אַלע הינטערוועגן פון יענער געגנט מיט וועלכע מ׳האָט געדאַרפט דערגיין צו דער באַן־ליניע. מען האָט געמוזט זיך אויסהיטן נישט אָנצוטרעפן אויף דייטשע וואַך־פּאָסטנס, וואָס זענען אומעטום געווען אויף די דער־נעבנדיקע וועגן און אין די וועלדלעך.

צו דער דיווערסיע־גרופּע איז אויך צוגעטיילט געוואָרן די פרוי מיראַנסקאַ, וועלכע איז שוין געווען א לענגערע צייט ביי אונדז אין אָטריאַד. דאָס איז געווען אַ הויכע, שלאַנקע פרוי, מיט שוואַרצע דורכדרינגנדיקע אויגן און מיט אַ שמייכלענדיקן פּנים טראָץ די אומגליקן וואָס האָבן איר געטראָפן. זי האָט ווייניק גע־רעדט. אין מינסק האָט זי געאַרבעט ווי אַ לערערין אין אַ שולע. נאָכדעם ווי זי האָט פאַרלוירן איר מאַן, האָט זי מיט איר איינציקן זון זיך דורכגעשלאָגן דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער. נאָך עטלעכע

מאַנאַטן איז דער זון אומגעקומען אין קאַמף מיט די ווייסרוסישע פּאָליציייאישע פאַרעטער. ביי פרוי מיראַנסקאַ האָט געברענט אַ צאָרנדיקער פאַרלאַנג צו נעמען נקמה אין די מערדער פון איר משפחה.

דער דריטער פון דער גרופּע איז געווען אַ ווייסרוסישער יונגער בחור. ער איז נאָך קיין גאַנצע 16 יאָר נישט אַלט געווען. אַ זון פון אַ קאָלכאָזניק פון דאָרף סקירמענטאָוו איז ער צופעליק געבליבן לעבן, ווען זיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער זענען פאַרברענט געוואָרן דורך די דייטשן, וואָס האָבן אונטערגעצונדן דאָס דאָרף. פונקט איז ער יענעם טאָג געהאַט אַוועקגעגאַנגען אין אַן אַנדער דאָרף און אַזוי אַרום זיך אָפּגעראַטעוועט.

אויך מיך האָט מען צוגעטיילט צו דער גרופּע. דער קאָשמאַר פון מינסקער געטאָ האָט זיך טיף פאַרנעסטיקט אין מיין גאַנץ וועזן. דער ווייטיק פון דעם אומקום פון מיין זון, פרוי און שוועסטער האָט זיך נישט געקאָנט איינשטילן. דער האַס און צאָרן קעגן די היטלעריסטישע מערדער האָט געשאַפן אַ געפיל, וואָס האָט גע־שטויסן צו זיין צווישן די נקמה־נעמער.

די קומענדיקע נאַכט האָבן מיר געדאַרפט זיין גרייט אַרויס־צומאַרשירן אין דער ריכטונג פון די באַן־ליניעס. מיר האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער נאַכטיקער שעה ווען מ׳האָט גע־דאַרפט אָנהייבן אונדזער מאַרש. מיר זענען געגאַנגען דורכן וואַלד ווו עס זענען פאַראַן גאַנצע פּלאַנטערס פון געדיכטע קליינע קוס־טעס־ביימלעך. דער וועג איז געווען אַ געפּאַרפולער, ווייל די דייטשן האָבן איבערגענומען פון אונדז די מיטלען מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַנוצט אין אונדזערע קאַמפן קעגן זיי. דאָס הייסט זיי האָבן זיך אויך אויסבאַהאַלטן אין די געדיכטע קוסטעס, וואָס זענען גע־ווען נאָענט צו די באַן־ליניעס און פון זייערע באַהעלטענישן האָבן זיי געלויערט אויף די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צו זייערע טראַנספּאָרט־וועגן.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט מען געקאָנט הערן דאָס ריטמישע קלאַפּן פון האַרץ ביי יעדן פון אונדז. מיר האָבן זיך דערנענטערט צום אויפשיט פון דער באַן־ליניע. דער פירער פון דער גרופּע סאָקאָלאָוו איז געגאַנגען פאָרויס. ער האָט געקענט יעדעס סטעזשקעלע פון דער געגנט.

מיר זענען שטיין געבליבן אין אַ נידעריקן אָרט נישט ווייט פון דער באַן־ליניע, אַזוי אַז מיר האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו קאָנען אָבסערווירן און גלייכצייטיק נישט באַמערקט צו ווערן. מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט צי עס דרייען זיך נישט קיין דייטשע וועכטער, ווייל צו יענער צייט זענען ביי די באַן־ליניעס אומעטום געווען וואַך־פּאָסטנס אויף יעדע הונדערט מעטער פון דער גאַנצער לענג פון דער באַן־ליניע, וואָס האָט זיך געצויגן קעגנאיבער דעם וואַלד פון וואַנען די פּאַרטיזאַנער האָבן געמאַכט זייערע איבערפאַלן.

מיר האָבן אָפּגעוואַרט דעם מאָמענט ווען די פּאַטרולן האָבן זיך געטוישט. מיט דער גרעסטער גיכקייט האָבן מיר קריכנדיק זיך אַרויפבאַקומען אויף די באַן־שינעס און אַוועקגעלייגט די אויפרייס־מינעס און באַלד צוריק געלאָפן אין אונדזערע באַהעלטענישן. מיר האָבן אָפּגעוואַרט אייניקע מינוטן און צוגעלייגט אונדזערע אויערן צו דער ערד. מיר האָבן דערהערט אַ שטילן גערויש, אַ סימן, אַז עס וועט אָנקומען אַ טראַנספּאָרט, וואָס וועט זיך אָנטרעפן אויף די מינעס, וואָס מיר האָבן נאָר וואָס אַוועקגעלייגט.

די צייט איז אונדז געוואָרן צו לאַנג צו וואַרטן ביז דער טראַנספּאָרט וועט אָנקומען מיר זאָלן קאָנען דערזען דעם ספּעקטאַקל פון נקמה. עס האָט אָבער נישט געדויערט לאַנג ווי דער טראַנספּאָרט האָט זיך דערנענטערט. באַלד האָט זיך דערהערט אַן אומגעהויער שטאַרקער אויפרייס, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין גאַנצן וואַלד און געמאַכט ציטערן די ביימער. אונדז האָט זיך

געדאַכט, אַז דער וואַלד האָט באַגריסט דעם איינגעגעבענעם נקמה־אַקט.

אונדזערע פּנימער האָבן זיך צעשטראַלט פון צופרידנקייט. מיר האָבן אָנגעהויבן קריכן טיפער אין וואַלד, בכדי אויסצומיידן די געפאַר באַשאָסן צו ווערן פון די אַנלויפנדיקע וואַך־פּאָסטנס. קריכנדיק מיט פרייד אין האַרץ און אויסהיטנדיק זיך נישט אַריינ־צופאַלן אין די דייטשע הענט, האָבן מיר פּלוצלונג דערהערט אַ גערויש, וואָס איז געקומען פון דער הויך און פון דער נאָענטקייט פון וואַלד. עס איז אונדז געוואָרן פאַרדעכטיק. אונדזער אומרו האָט זיך פאַרשטאַרקט. מיר האָבן קוים באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן, אַז די עראָפּלאַנען זענען געקומען מסתמא ספּעציעל אויפצודעקן אונדזערע באַהעלטענישן און צו געפינען אונדזערע שפּורן ווי פון ווייטן האָבן אָנגעהויבן פאַלן פון די אַנפליענדיקע עראָפּלאַנען ליכט־ראַקעטעס איבער דער געגנט וווּ עס האָט זיך געפונען די באַן־סטאַציע, ווי אויך די באַן־וואַרשטאַטן.

די ליכט־ראַקעטעס זענען זיך באַלד פונאַנדערגעגאַנגען און די גאַנצע וואַלדיקע געגנט איז באַגאָסן געוואָרן מיט ליכט, פּונקט ווי די זון וואָלט זי באַלויכטן אין אַ העלן, שטראַלנדיקן טאָג. די ליכט איז דערגאַנגען צו אונדזער באַהעלטעניש. באַלד האָבן זיך דערהערט אויפרייסן פון אַראָפּגעוואָרפענע באָמבעס, וואָס זענען געפאַלן אין דער געגנט פון דער באַן־ליניע. מיר זענען צעטומלט געוואָרן פון דעם אומדערוואַרטעטן אָנפאַל, דערצו האָבן מיר נישט געוווּסט אויף זיכער פון וועלכן צד דער אָנפאַל קומט.

עס איז אַוועק אַ ווײַלע און אונדזערע געמיטער האָבן זיך באַרויִקט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער אָנפאַל איז אַן אונדזע־ריקער. עס איז געווען אַ צופעליקער צוזאַמענטרעף פון דיווער־סיע־אַקציעס. מיר זענען נאָך פאַרבליבן אונטער די געדיכטע קוס־טעס, וווּ עס האָבן דערגרייכט די באַלויכטונגען פון די ראַקעטעס.

איצט איז געווען אַ געפאַר באַמערקט צו ווערן פון אַנטלויפנדיקע דייטשן.

באַלד זענען דערגאַנגען צו אונדז די געשרייען און געוואַלדן פון די צעטומלטע און דערשראָקענע דייטשן. מיר האָבן געמוזט וואַרטן ביז צו דער ענדע פון דעם סאָוויעטישן אָנפלי, ביז די עראָפּלאַנען האָבן אויסגעלאָדן דעם גאַנצן, ברענענדיקן באַגאַזש. מיר האָבן דערפילט, אַז עס דערנענטערט זיך די ענדגילטיקע באַפרייאונג און אין דעם צופעליקן צוזאַמענטרעף פון אונזער באַן־אַקציע מיטן אָנפלי פון די סאָוויעטישע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן אָנגעגריפן דעם שונא, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט אין דעם פאַל קיין שום מיליטערישע קאָנטאַקטן מיט סאָוויעטישע איינהייטן, האָבן מיר דערזען אַ סימבאָלישן אַקט, וואָס וועט איינגיכן דערפירן צום שונאס מפלה. די שטימונג אונדזערע איז געווען אַ פריידיקע. די ליכט־ראַקעטעס האָבן אונדז שוין באַלויכטן דעם וועג, כדי אויס־צומיידן געפאַרן נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די צעטומלטע דייטשן. דאָס איז אויך געווען אַ סימבאָליש ליכט, וואָס האָט באַ־לויכטן דעם וועג צו ווייטערדיקע דערפאָלגן.

מיר האָבן זיך צופרידענע אומגעקערט אין אונדזער לאַגער. אונדזער קאָמאַנדיר האָט אונדז אויפגענומען מיט גרויס פרייד.

שפּעטער זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות וועגן די רע־זולטאַטן פון אונדזער אַקציע. פון אויפרייס זענען 6 וואַגאָנען מיט קריגס־מאַטעריאַל צעשמעטערט געוואָרן און 4 פּאַשיסטן האָבן באַצאָלט פאַר די דייטשע פאַרברעכנס מיט זייער לעבן.

28. פוילישע פאַשיסטן מאָרדן יידישע פּאַרטיזאַנער

לויט אַ באַפעל פון שטאַב פון אונדזער אָפּטייל איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די נאָענטע דערפער אַ גרופּע פון 5 פּאַרטיזאַנער, כדי איינצושאַפן פּראָדוקטן. אַלס אָנפירער פון דער גרופּע איז באַשטימט געוואָרן דער פּאַרטיזאַן פּיעקאַרסקי. זיין מאַמע איז געווען אַ ווייסרוסישע, זיין פאָטער האָט געשטאַמט פון פוילישע יידן. געבוירן איז ער אין מינסק. נאָך קיין 20 יאָר נישט אַלט געווען. צוליבן פריצייטיקן טויט פון זיין מוטער האָט מען אים אָפּגעגעבן אין אַ קינדער־הויז אין מינסק. ער איז איינציקע מאָל אַנטלאָפן פון קינדער־הויז און זיך געחברט מיט אַנדערע פאַרוואָרלאָזטע קינדער, וועמענס היים איז געווען די גאַס און אַלטע חורבות פון מינסק.

בעת די היטלעריסטן האָבן פאַרנומען מינסק, האָט פּיעקאַרסקי צוגעזען זייערע ווילדע רציחות, באַזונדערס לגבי די יידן. עס האָבן אים באַהערשט געפילן פון האַס און נקמה לגבי דעם שונא. ער האָט באַשלאָסן זיך צו באַטייליקן אין קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן.

אין מינסק האָט ער געווינט מחוץ דער געטאָ, ער האָט דערייבער געהאַט מער מעגלעכקייטן זיך אָנצושליסן אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. דערצו האָט אים אויך צוגעהאָלפן זיין נישט־יידישער אויסזען. אין אָנהויב פון יאָר 1943 איז ער געקומען צו די פּאַרטיזאַנער. מיט יוגנטלעכן ברען האָט ער זיך געוואָרפן אין קאַמף קעגן שונא. ער פלעגט פרייוויליק זיך אָנבאָטן צום אויסגעפינען די נעסטן פון די דייטשן, נישט קוקנדיק אויף די געפאַרן, וואָס זענען געווען אויף שריט און טריט.

צו פּיעקאַרסקעס גרופּע זענען אויך צוגעטיילט געוואָרן די צוויי ברידער ביילין. דער ייִנגערער איז אַלט געווען סך הכל 15 יאָר. ביידע האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן פון מינסקער געטאָ, ווו זייערע עלטערן, שוועסטער און ברידער זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין טאָג פון דעם אָקטאָבער־יום־טוב, אין 1941 יאָר. ביידע ברידער האָבן דעמלט געהאַט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער. זיי האָט זיך איינגעגעבן צו קומען צו די פּאַרטיזאַנער.

דער פּערטער פון דער גרופּע איז געווען וואַניאַ, אַ פּויער פון אַ קאָלכאָז פון מינסקער געגנט, ווו ער האָט געקענט אַלע וועגן און אומוועגן. אויך איך האָב געהערט צו דער דאָזיקער גרופּע. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג צווישן פעלדער און וועלדער, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט שניי. עס איז דעריבער שווער געווען צו געפינען דעם וועג, וואָס האָט געפירט צו דאָרפישע ישובים, נישט ווייט פון דער געוועזענער פּויליש־סאָוויעטישער גרענעץ.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט אַ טייל פון דער אָרטיקער פּוילישער באַפעלקערונג אַקטיוו זיך באַטייליקט אין קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן. אין אונדזערע וועלדער איז געווען באַקאַנט דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל בראש מיטן לאָדזשער פּוילישן טעקסטיל־אַרבעטער, יוזעף מאַרכווינסקי. אין דעם דאָזיקן אָפּטייל זענען אויך געווען יידן.

געווען זענען אויך אַנדערע פּוילישע אָפּטיילן, וועמענס אָנפירער האָבן געהערט צו דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" (אַ. ק.), און זענען געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער עמיגראַנטן־רעגירונג אין לאָנדאָן.

נישט ווייט פון אונדזער באַזע האָט זיך געפונען די פּוילישע אַ. ק.־בריגאַדע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער פּאָרוטשניק פון דער געוועזענער פּילסודסקי־אַרמיי, מילאַשעווסקי. אין יענער בריגאַדע זענען געווען פּאַרשוינען, וועלכע האָבן געברענט מיט געוואַלדיקער שנאה צום ראַטנפאַרבאַנד. זיי האָבן אויך נישט באַהאַלטן זייער האָס לגבי יידן.

אין די וועלדער

ווען מיר זענען שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג אין דער ריכטונג צום שטעטל איוועניעץ, האָבן מיר דערזען אַ גרופּע רייטער. דערנענטערנדיק זיך צו זיי, האָבן מיר אין דער קליידונג און אויך אין די בענדלעך פון נאַציאָנאַלן קאָליר דערקענט, אַז דאָס זענען פּוילישע פּאַרטיזאַנער.

באַלד האָבן אונדז אַרומגערינגלט ביי אַ 25־30 פּערזאָן גוט באַוואָפנטע. אונדז האָבן זיי באַשולדיקט, אַז מיר האָבן זיך באַטייליקט אין אָנפאַל אויף זייערע פּאַרטיזאַנער אין אַ נאָענטן דאָרף. ווען זיי האָבן באַמערקט דעם יידישן אויסזען פון די צוויי ברידער ביילין, האָבן די אַ. ק. לייט געוואָלט זיי אָוועקנעמען פון אונדז. אונדזער קאָמאַנדיר, פּיעקאַרסקי, האָט זיך ענערגיש קעגנגעשטעלט. ער האָט באַוויזן אַ באַפעל, וואָס איז אונדז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אויף וועלכן די דאַטע האָט נישט געשטימט מיט דער צייט, ווען מיר זאָלן כלומרשט האָבן, לויט זייער באַשולדיקונג, אָנטיילגענומען אין איבערפאַלן אויף זייערע פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן אונדז פריי געלאָזן און בלויז פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן צוריקפאָרן אין אונדזער אָפּטייל.

מיר האָבן זיך פאַרנומען אויף צוריק דורך אַן אומבאַקאַנטן וואַלד, אויסמיידנדיק צו פאָרן אינעם אָפענעם פעלד. מיר זענען קוים אָפּגעפאָרן עטלעכע קילאָמעטער, ווי מיר זענען באַשאָסן געוואָרן. מיר האָבן געלאָזט דעם וואָגן, דעם פערד צוגעבונדן צו אַ בוים, און יעדער פון אונדז האָט זיך באַשיצט אין די געדיכטע קוסטעס. די שיסעריי איז ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

מיר זענען פאַרבליבן אין וואַלד אַ גאַנצע נאַכט. דער פראָסט איז געווען גאָר שטאַרק. מיר האָבן נישט געוווסט ווו אייגנטלעך מיר געפינען זיך. אין דער פרי האָבן מיר אָנגעהויבן וואַנדערן דורך דעם אומבאַקאַנטן וואַלד. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן מיר דערהערט פון דער ווייטנס שטימען. מיט גרויס פאָרזיכטיקייט זענען מיר ווייטער געגאַנגען. מיר האָבן זיך באַרואיקט ערשט דעמלט, ווען מיר האָבן דערהערט די רוסישע שפּראַך. געווען איז דאָס אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן זיי איבערגעגעבן וואָס מיר האָבן נעכטן

איבערגעלעבט. זיי ווידער האָבן אונדז דערציילט, אַז זיי קערן זיך אום פון אַ פאַרגעקומענעם קאַמף מיט פוילישע פאַשיסטישע באַנדעס אין דער געגנט פון איוועניעץ.

מיר זענען צוזאַמען מיט זיי געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אונדזער אָפּטייל. די שטימונג איז ביי אונדז געווען נישט קיין געהויבענע צוליב דער נישט איינגעגעבענער אַקציע. מיר זענען דערנאָך געטרייסט געוואָרן, מ׳האָט אונדז געזאָגט, אַז אונדזערע געראַטעוועטע לעבנס זענען מער ווערט ווי די נישט פאַרשאַפטע פּראָדוקטן. עטלעכע שעה שפּעטער נאָך אונדזער צוריקקומען, זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז אַ גרופּע פוילישע באַוואָפנטע פאַשיסטן האָבן דערמאָרדעט צען פאַרטיזאַנער פון זאָרינס יידישן אָפּטייל. דער מאָרד איז אויסגעפירט געוואָרן אין דאָרף שאַרקאָווטשיזנע. די יידן זענען געגאַנגען, אַזוי ווי מיר, איינשאַפן שפּייז. פונקט אין דער זעלבער צייט איז אַהין אָנגעקומען אַ גרופּע רייטער פון מילאָשעוועקיס בריגאַדע, בראש מיטן כאָראַנזשי נאַרקעוויטש. זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין דאָרף געפינען זיך יידן פון זאָרינס אָפּטייל. זיי האָבן די יידישע פאַרטיזאַנער אַרומגערינגלט און אָנגעהויבן שיסן. צען זענען געבליבן טויט אויפן אָרט. איינער פון די יידישע פאַרטיזאַנער, ליאָווע טשערניאַק, אַ פאַרווונדעטער, האָט זיך געראַטעוועט, ליגנדיק אונטער די טויטע. אַ צווייטן, איטשע־בער שימאַנאָוויטשן, האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן.

די ידיעה וועגן דעם שוידערלעכן מאָרד איבער יידישע פאַרטיזאַנער, איז בליץ־שנעל דערגאַנגען צו אַלע אָפּטיילן. ווייטיק און אַנטשלאָסנקייט צו נעמען נקמה האָט קודם־כל באַהערשט די יידישע פאַרטיזאַנער. מען איז געקומען צו די זאָרינצעס, כדי זיי צו פאַרזיכערן, אַז פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט וועט מען זיך אָפּרעכענען.

דער יידישער פאַרטיזאַנער־אָפּטייל, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען דער מינסקער יידישער אַרבעטער און אַלטער פאַרטיזאַן, שלום זאָרין, איז געשאַפן געוואָרן אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1943. זיין ציל איז געווען קודם־כל אַרויסצופירן יידן פון מינסקער

געטאָ. מיט דער הילף פון ספּעציעל אויסגעשולטע וועג־פירערס, דער עיקר 10־12־יאָריקע יידישע קינדער, וועלכע האָבן געוווּסט פון אַלע וועגן און שטעגן, האָט מען געבראַכט ביי 700־800 יידישע מענער און פרויען, זקנים און קינדער, אין דער גרויסער נאַליבאָקער פּושטשע.

אין די ערשטע חדשים איז אָנגעקומען זייער שווער צו שאַפן שפּייז פאַר די זאַרינצעס. עס איז זיי נישט ווייניק אויסגעקומען צו הונגערן. שפּעטער האָט זיך די לאַגע אָנגעהויבן צו פאַרבעסערן אַדאַנק די גרופּן יינגערע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען געפאָרן איינ־צושאַפן פּראָדוקטן. מיט דער צייט זענען אין זאָרינס אָפּטייל אַנטשטאַ־נען אייגענע וואַרשטאַטן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די אייגענע פּאַרטיזאַנער און פאַר די אַרומיקע אָפּטיילן. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ קאַמפּס־גרופּע, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין די אַקציעס פון אַלע פּאַרטיזאַנער.

נאָך דעם מאָרד, וואָס די פּוילישע אַנטיסעמיטיש־פאַשיסטישע באַנדע האָט דורכגעפירט איבער די יידישע פּאַרטיזאַנער, האָט דער שטאַב פון איוועניצער צווישן־ראַיאָן־צענטער באַשלאָסן צו ליקווי־דירן מילאַשעווסקיס בריגאַדע. אַלע פּוילישע פּאַרטיזאַנער זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין פאַרשידענע אָרטיקע אָפּטיילן, ווי אויך אין דעם ספּעציעל פּוילישן אָפּטייל, וועלכן עס האָט געשאַפן אַ גרופּע פּוילישע אָפיצירן, געקומענע פון ראַטנפאַרבאַנד. דאַקעגן דער גאַנצער שטאַב מיט מילאַשעווסקין בראש, איז געוואָרן אַרעס־טירט און איבערגעשיקט מיט אַן אַראָפּגעקומענעם סאָוויעטישן עראָפּלאַן קיין מאָסקווע.

די באַנדיטן, וועלכע האָבן דערמאָרדעט די יידישע פּאַרטיזאַנער, זענען נישט געכאַפּט געוואָרן. ערשט אין 15 יאָר אַרום האָט מען אין איינער אַ שטאָט אין נידערשלעזיע דערקענט אין דעם סעקרע־טאַר פון דעם אָרטיקן קאָמיטעט פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי דעם באַנדיטן־קאָמאַנדיר נאַרקעוויטש. (ער האָט בלויז געביטן זיין פאַמיליע־נאָמען אויף „נורקעוויטש"). אַלס הויפּט־

עדות אויף דעם פּראָצעס קעגן דעם יידן־מערדער איז אַרויסגע־טרעטן דער געוועזענער שעף פון שטאַב פון יידישן פּאַרטיזאַנער אָפּטייל נומער 106 („זאָרינצעס״) אַנאַטאָל ווערטהיים, וועלכער האָט מיט דער פולסטער גענויקייט איבערגעגעבן וועגן דעם מאָרד. פאַרן געריכט איז אַרויסגעטרעטן אַלס עדות דער לעבנגעבליבענער פּאַרטיזאַן ליאָווע טשערניאַק, וועלכער איז ספּעציעל געקומען צום פּראָצעס פון מינסק. די געבליבענע סימנים אויף זיין פאַרוווּנדעטן שטערן, האָבן באַשיינפּערלעך באַשטעטיקט זיין אויפטרייסלענדיקן דערציילן וועגן דעם מאָרד. דער אורטייל פון פוילישן געריכט איז געווען: לעבנסלענגלעכע תפיסה פאַרן מערדער. דער צווייטער אָנפי־רער פון דער באַנדע געפינט זיך, אַן אומבאַשטראָפטער, אין לאָנדאָן.

איך וויל אויך צוגעבן, אַז אין די נקמה־קאַמפן קעגן די רצי־חות פון די פוילישע פאַשיסטן, בעת דער ליקווידאַציע פון מילאָ־שעווסקיס בריגאַדע, זענען צ. אַ. געפאַלן פיר רוסישע פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן אָפּגעגעבן זייערע יונגע לעבנס אין סאָלידאַרישן קאַמף מיט זייערע יידישע קאַמפס־חברים.

דער לעבנגעבליבענער יידישער פּאַרטיזאַן פֿון זאָרין־אָפּטייל, **ליאָווע טשערניאַק** (לינקס) דערציילט זיין קאַמפּס־חבר **הערש סמאָליאַר**(רעכטס) וועגן דעם גאַנג פון פּראָצעס קעגן פּוילישן פאַשיסטישן מערדער נאַרקעוויטש. ליאָווע איז פון מינסק ספּע־ציעל געקומען אַלס עדות.
דער מערדער האָט באַקומען אייביקע תפיסה

29. דער גרויסער קאָנצערט

אין אַ שטילער דיסקרעטקייט האָבן מיר זיך אין אונדזער זיעמלאַנקע איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן, אַז עס ווערט אויף מאָרגן געגרייט פון אַלע פּאַרטיזאַנער פון אונדזער געגנט אַן אַלגעמיינער אַנגריף אין פאַרשידענע ערטער ווו עס געפינען זיך אין אונדזער געגנט די באַן־ליניעס און די שוץ־בונקערס, וואָס זענען געווען איינגעשטעלט אין דער גאַנצער לענג פון די באַן־שינעס. אויף יעדן איינעם קילאָמעטער האָבן די דייטשן אויפ־געבויט אַ בעטאָנענעם בונקער, ווו עס האָבן זיך געפונען צוויי־דריי דייטשע סאָלדאַטן מיט ווייט־שיסנדיקן מאַשין־געווער. די סאָלדאַטן האָבן געוואַכט טאָג און נאַכט. זייער אויפגאַבע איז געווען נישט צוצולאָזן די פּאַרטיזאַנער צו די באַן־שינעס, כדי זיי זאָלן נישט אַוועקלייגן די אויפרייס־מינעס קעגן די דורכפאָרנדיקע טראַנספּאָרטן.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז די פאַראָרדענונג וועגן דער אַלגעמיינער אַקציע אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער העכסטער פּאַרטיזאַנישער אַנפירונג, כדי אָפּצומערקן דעם דריי־יעריקן יאָרטאָג פון דעם איבערפאַל פון די דייטשע אַרמייען אויף דעם ראַטנפאַרבאַנד. דאָס אָפּמערקן פון דריי־יעריקן איבערפאַל האָט געדאַרפט קומען צום אויסדרוק אין אַן אומגעריכטן, שטור־מישן אַנפאַל אויף די דורכפאָרנדיקע מיליטערישע טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געקומען פון די דייטשע געביטן צו פאַרשטאַרקן זייערע מיליטערישע פּאָזיציעס, בכדי זיך קעגנצושטעלן דער גרויסער אָפענסיווע, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אין יענע טעג.

מען איז געקומען אונדז אָנזאָגן, אַז מיר זאָלן זיך גרייטן צו דער מאָרגנדיקער אַקציע. מען האָט אונדז גלייכצייטיק איבערגעגעבן אַ שטרענגן באַפעל, אַז יעדערער פון אונדז דאַרף גוט קאָנטראָלירן זיין ביקס, דאָס מאַשין־געווער, וואָס זאָלן מיט זייער פייער אַריינטרעפן אין די נעסטן פון שונא.

עס איז צוגעפאַלן אַ וואַרעמע זומער־נאַכט, וואָס איז באַלויכטן געווען מיטן לבנה־ליכט, ווי מיטן ליכט פון דער זון. מיר זענען פאַרכישופט געווען פון דעם צויבער פון דער נאַטור, וואָס האָט אַוועקגענומען פון אונדז דעם פאַרלאַנג צו גיין אויף אונדזערע שלאָף־געלעגערס. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. אין אונדזער פאַנטאַזיע האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט דעם מאָרגנדיקן נקמה־אָנגריף און עס האָט אונדז דורכגענומען מיט זאָרג ער זאָל דורכגיין מיט דערפאָלג. מיר האָבן אויך געטראַכט וועגן די געפאַרן, וואָס לויערן אויף אונדזער לעבן. מיר זענען קוים איינגעשלאָפן.

ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פון טאָג האָבן מיר זיך אַליין אויפגעוועקט און אַרויס מיט די אַלע פאַרטיזאַנער, וואָס זענען נעכטן באַשטימט געוואָרן צו דער אָפענסיווע. די יוני־זון האָט אָנגעהויבן צו וואַרעמען, מיר האָבן דערהערט די מוזיקאַלישע קלאַנגען, וואָס זענען געקומען פון סאַשאַ סעראַפּימאָוויטשעס מאַנדאָלין, ווי זי וואָלט אונדז געמוטיקט צום פאַרשטייענדיקן מאַרש.

מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער מאַרש אויפן פרייען פעלד. אַרום איז געווען אַזאַ שטילקייט, אַז מען האָט געקאָנט הערן דאָס ריטמישע קלאַפּן פון אונדזערע הערצער. מיר דערגענטערן זיך אַלע מאָל מער צו די באַן־ליניעס און מען זעט ווי עס גייט פון פאַרשידענע זייטן אַ ברייטע מיליטערישע מאַסע אין דיסציפּלינירטקייט און צווישן זיי אַזעלכע, וואָס האָבן נישט פאַרגעסן די מאַרטירער־טעג און נעכט אין מינסקער געטאָ און אין וועלכע עס ברענט דער צאָרן פון נקמה. מען וויל כאָטש געבן אַ באַשיידענעם

ביישטייער צום אַלגעמיינעם קאַמף אויסצוראָטן די פאַשיסטישע שלאַנג.

אין ווייטערדיקן מאַרש דערגייט צו אונדז דער רויש פון אַן אָנקומענדיקן באַן־טראַנספּאָרט. אונדזערע מיליטערישע אָנפירער באַפעלן אונדז זיך צו פונאַנדערוואַרפן צווישן די דערנעבנדיקע קליינע קוסטעס־ביימלעך און זיך גוט אויסבאַהאַלטן. מיר האָבן געדאַרפט אָפּוואַרטן ביז דער טראַנספּאָרט וועט זיך דערנענטערן. ווי נאָר דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך באַוויזן נענטער, זענען מיר אַרויס פון אונדזערע באַהעלטענישן און אים באַגעגנט מיט אַ שטורעמדיקן האָגל פון גראַנאַטן. צוזאַמען מיט די געוואָרפענע גראַנאַטן האָט זיך אויפגעהויבן אַ שיסעריי פון ביקסן און מאַשין־געווער. עס איז אַנטשטאַנען אַ וואַנט פון פייער און רויך. מיר האָבן קוים איינער דעם אַנדערן געקאָנט זען. עס זענען אויך גלייך געקומען אין אונדזער ריכטונג שיסערייען פון טראַנספּאָרט. מיר זענען באַשאָסן געוואָרן פון די פענצטער, פון די דעכער. די דערשראָקענע און צעטומלטע דייטשע מיליטער־לייט האָבן נישט געהאַט קיין דרייסטקייט אַרויסצוגיין און אָנהייבן אַן אָפענעם קאַמף מיט אונדז. זייער שיסעריי איז איינגעשטילט געוואָרן פון אַ רעגנ־דיקן פייער, וואָס איז געקומען פון אונדזער זייט. מ'האָט געקאָנט זען ווי איינצעלנע דייטשן שפּרינגען אַרויס דורך די וואַגאָנען־פענצטער און באַהאַלטן זיך צווישן די וואַגאָנען־רעדער און פון דאָרטן פירן זיי אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד. זיי זענען אָבער גיך איינגעשטילט געוואָרן דורך אונדזער אויטאָמאַטישן געווער. אין משך פון אָנגריף האָבן אויך איינצעלנע סאָלדאַטן אויפגעהויבן די הענט איבערצוגעבן זיך אין געפאַנגענשאַפט, כדי צו ראַטעווען זייערע לעבנס. נישט איינער פון זיי האָט אין זיך אויסבאַהאַלטן סודות פון זיין בעסטיאַלישער פאַרגאַנגנהייט.

אין דער זעלבער צייט ווען עס זענען אָנגעגאַנגען די קאַמפן אויף לעבן און טויט מיט די דייטשע סאָלדאַטן פון טראַנספּאָרט זענען מיר אָנגעגריפן געוואָרן פון אַ שטאַרקער שיסעריי, וואָס איז

געקומען פון דער צווייטער זייט וואַלד, ווו עס האָבן זיך געפונען די באַפעסטיקטע, צעמענטירטע דייטשע בונקערס, וואָס זענען גע־ווען אינסטאַלירט אין דער לענג פון דער באַן־ליניע מינסק־באַראַנאָוויטש און וואָס האָבן געדאַרפט שיצן די טראַנספּאָרטן קעגן די פּאַרטיזאַנישע דיווערסאַנטן.

מיר זענען באַוואָרפן געוואָרן מיט אויפרייס־גראַנאַטן, פון די ווייט־שיסנדיקע גראַנאַטן־וואַרפערס וואָס זענען געווען אויסגע־שטעלט אויפן גאַנצן שטח, ווו עס זענען פאָרגעקומען די קאַמפן. שפּליטערן דערגרייכן צו אונדזערע פּאַרטיזאַנער פון וועלכע איינ־צעלנע זענען געבליבן ליגן שווער פאַרוווּנדעט. די פאַרוווּנדעטע ווערן גלייך אַוועקגענומען און זיי באַקומען די ערשטע הילף. ס'האָט נאָך געדויערט אַ קליינע ווײַלע און דאָס פייער האָט אָנגעהויבן זיך איינשטילן.

אין גאַנג פון די קאַמפן האָט זיך אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער איינ־געגעבן דורכצורייסן צום הינטערשטן טייל פון די באַן־ליניעס, ווו עס האָבן זיך געפונען די בונקערס, וואָס זענען באַוואָרפן געוואָרן מיט האַנט־גראַנאַטן. עס האָבן זיך דערהערט הילכיקע אויפרייסן, וואָס האָבן איינגעשטילט דעם לעצטן ווידערשטאַנד פון די דייטשן פון די שוץ־בונקערס. פיל פון די סאָלדאַטן זענען געבליבן ליגן טויט אין די בונקערס.

אין דעם צוגעגרייטן פּלאַן פון דער אָנגריף־אַקציע איז אויך פאָרויסגעזען געווען, אַז אַ צוגעגרייטע גרופּע פּאַרטיזאַנער זאָלן זיך אַריבערוואַרפן אויף אַ לענגערן מהלך איבער דער באַן־ליניע, ווו עס האָבן צירקולירט הין און צוריק טראַנספּאָרטן. נאָכדעם ווי די שוץ־בונקערס זענען צעשטערט געוואָרן האָבן די אַריבערגעקומענע פּאַרטיזאַנער איינגעגראָבן אויפרייס־מינעס אונטער די שינעס, אַז די ערשטע אָנקומענדיקע טראַנספּאָרטן זאָלן אויפגעריסן ווערן.

ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין אונדזער פּאַרטיזאַנער־לאַגער און איינער דעם אַנדערן האָט איבערגעגעבן עפּיזאָדן פון די נאָר־וואָס פאָרגעקומענע קאַמפן, זענען די פאַקטן פאַר געוויסע

פון אונדז געווען אומגלויבלעך. נאָך אייניקע טעג האָט די אויס־שפּיר־גרופּע פון אונדזער אָטריאַד צוזאַמענגענומען ידיעות ביי די פּויערים פון יענער געגנט און אַזוי אַרום האָבן מיר זיך דערוווסט די רעזולטאַטן פון דער אָנגריף־אַקציע. לויט דעם ווי מ׳האָט אונדז איבערגעגעבן, איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ מיליטערישער טראַנספּאָרט מיט סאַניטאַרע איינריכטונגען, וואָס האָבן פאַרנומען 12 וואַגאָנען אין וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען אַ 10־15 דייטשן. עס זענען אויך אויפגעריסן געוואָרן אַ צענדליק געפּאַנ־צערטע בונקערס צוזאַמען מיט די דייטשן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען. עס זענען צעשטערט געוואָרן אייניקע קילאָמעטער באַן־ליניעס, וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז די באַן־טראַנספּאָרטן זענען געבליבן שטיין אויף די באַן־וועגן 4—5 טעג.

דאָס אַלץ איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקער צושטייער צו דער גרויסער אָפענסיווע פון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט זיך אָנ־געהויבן מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער. אויף דער גאַנצער לענג פון מערבדיקן פראָנט און האָט געבראַכט צום פולשטענדיקן אָפּרייניקן ווייס־רוסלאַנד פון דעם דייטשן אָקופּאַנט.

30. דער רעטער פון צוויי הונדערט יידן פון מירער געטאָ — אָסוואַלד רופאייזן

אַ דרינגענדיקער באַפעל איז געגעבן געוואָרן דעם פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל „25 יאָר ווייסרוסישע סאָוויעטן־רעפּובליק", וואָס האָט זיך געפונען אין דער געדיכטער נאַליבאָקער פושטשע, אונטער דער אָנפירונג פון קאָמאַנדיר קוזמין: פאַרשטאַרקן די וואַך, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט און ווי צום שנעלסטן געבן צו וויסן אין פאַל, ווען דער שונא וועט זיך באַווייזן נישט ווייט פון אונדזער געגנט.

אין שכנות מיט אונדז האָט זיך געפונען דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל אויפן נאָמען פון פּאָנאָמאַרענקאָ. זיין קאָמאַנדיר איז געווען דער קאַפּיטאַן ניקאָלאַי קיידאַלאָוו, וועלכער איז אַנטלאָפן פון דייטשער געפאַנגענשאַפט און אַ צייט זיך אויסבאַהאַלטן אין מינסקער געטאָ. אין איינעם פון די ערשטע טעג פון חודש מאַי 1944 בין איך געשטאַנען אויף דער וואַך. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָב איך דערהערט אַ גערויש. באַלד האָט זיך געזען פון דער ווייטנס אַ מענטש. איך האָב ווי דער שטייגער געהייסן שטיין בלייבן און זאָגן דעם פּאַראָל. געווען איז עס דער פּאַרטיזאַן אָסוואַלד רופאייזן.

אַ באַזונדער וואַרעם געפיל פלעגט וועקן דער דאָזיקער מיטל־וווקסיקער, בלאָנדער יונגערמאַן, וועמענס וועג צום פּאַרטיזאַנער־וואַלד איז געווען גאָר אַן אַנדערער, ווי דער געוויינלעכער וועג פון אַ יידישן מענטשן אין יענע מוראדיקע טעג.

אין אונדזער גרויסן וואַלד זענען אין אַלע פּאַרטיזאַנער אָפּטיילן געווען יידן. מערבדיקע („זאַפּאַדניקעס" האָט



מיט 20 יאָר שפּעטער
פון לינקס — אָסוואַלד רופאייזן, (היינט — „פּאַטער דניאל״)
און דער אויטאָר בעת אַ באַגעגענישט אין חיפה.

מען זיי גערופן), און געווען יידן מזרחדיקע („וואָסטאָטשניקעס") האָט מען זיי גערופן). זייער אַלעמענס וועג צו די פּאַרטיזאַנער־רייען האָט געפירט דורך די צוימען פון געטאָ אָדער פון לאַגער, פון וואַנען מען פלעגט זיך אַרויסרייסן סיי אויף אַן אָרגאַניזירטן און סיי אויף אַן אינדיווידועלן אופן.

גרינטלעך אַנדערש איז געווען דער גורל פון דעם מילדן, אַזוי באַזאָכטן יונגן ייד, וועלכער האָט שוין פון דער היים, פון דער וויטער מערב־פּוילישער שטאָט לעבן אויבער־שלעזיע, געבראַכט דעם נאָמען אָסוואַלד, נישט באַנוצנדיק זיך בכלל מיט דעם באַקו־מענעם יידישן נאָמען שמואל. אָסוואַלד האָט ער געהייסן אין דער גימנאַזיע, און אַזוי איז ער פאַרשריבן אין דער מאַטורע, אין אַלע זיינע דאָקומענטן און אַזוי האָט מען אים גערופן אין דעם ווילנער קיבוץ „עקיבא", וווּהין ער איז געקומען אַלס איבערצייגטער יונגער ציוניסט אויף הכשרה, כדי שפּעטער צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

די אויסגעבראָכענע מלחמה פון היטלער־דייטשלאַנד קעגן ראַטנפאַרבאַנד האָט איבערגעשטראָכן אָסוואַלדס פּלענער, ווי די פּלענער פון אַלע יידן, פון אַלע וואָס זענען אַרונטערגעפאַלן אונ־טערן דייטשן אָקופּאַנטן־יאָך. וועגן אָסוואַלד רופאייזנס גורל אין יענער צייט פון היטלערישער יידן־אויסראָטונג, האָב איך זיך דער־ווּסט גלייך, ווי ער איז געבראַכט געוואָרן אין אונדזער וואַלד.

געוויינלעך, ווען איך פלעג האָבן אַ פרייע שעה, האָב איך אויפגעזוכט מיינע געטאָ־חברים פונעם שכנישן פּאַרטיזאַנער־אָפּ־טייל — בעלע און יעקב גרינשטיין, כדי מיט זיי, וועמענס גורל און וועג איז געווען דער זעלבער ווי מיינער, זיך דורכשמועסן „פון האַרץ צו האַרץ". גאַר אָפט פלעג איך זיך לאָזן צו דער באַזע פון איוועניצער צווישן־ראַיאָן־שטאַב פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. דאָרט בין איך אַ צייט געווען אין דער קאָמענדאַנט־ראָטע און אַלע האָבן מיר געקענט. געגאַנגען בין איך אַהין צו זען אייגענע חברים, קודם כל הערשל סמאָליאַר, פון וועלכן איך פלעג זיך אַלעמאָל

דערוויסן „אַ וועלט מיט נייעס" — וואָס עס הערט זיך אויף די פראָנטן, וואָס האָבן פּאַרטיזאַנער באַוויזן אין דער געגנט אויפצוטאָן און וואָס פאַראַ ידיעות זענען פאַראַן פון מינסקער געטאָ. דער־שטוינט בין איך דאָסמאָל געוואָרן דערפון, וואָס דער וואַכמאַן האָט מיך פאַרהאַלטן און נישט אַריינגעלאָזט אין דער שטאַב־הייל. „אַלע זענען דאָרט פאַרנומען" — האָט מיין באַקאַנטער פּאַרטיזאַן מיר געזאָגט. איך האָב אים געבעטן ער זאָל אַרויסרופן מיירימען — מאַריאַנען פון דער פּאַרטיזאַנער־דרוקעריי. יענער איז באַלד גע־קומען, אַ דערשראָקענער, אַ צעטומלטער. „מ'דאַרף אויפזוכן פּאַר־טיזאַנער פון מירער געטאָ!", „מען דאַרף עדות" — האָט ער גע־טענהט. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז כ'האָב זיך דערוווסט, אַז אין דער שטאַב־הייל פאַרשט מען דעם געוועזענעם געהילפס־קאָמענ־דאַנט פון דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע אין שטעטל מיר, אָסוואַלד רופאייזן, וועלכן עס האָט געבראַכט אין וואַלד דער פּאַרטיזאַנען־אויסשפּירער, אפרים זינדער, אַן אָפּשטאַמיקער פון מיר. מיירים רעדט שנעל, נערוועז. ער זאָגט אַז אָסוואַלד איז אַן אמתער רעטער. אַ סך, אַ סך האָבן אים צו פאַרדאַנקען זייער לעבן... וואָס טוט מען? מען דאַרף אים ראַטעווען! אָסוואַלד האָט שוין הערשל סמאָליאַרן אַלץ דערציילט, גערעדט מיט אים אַפילו אויף יידיש, אין דער אָנוועזנהייט פון געאָרגי דובאָוון. מען דאַרף, אַז דער באַפולמעכ־טיקטער פון צענטראַלן שטאַב פון דער ווייסרוסישער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין איוועניצער ראַיאָן, געאָרגי דובאָוו, זאָל גלויבן אָס־וואַלדן. ער האָט טאַקע גרויס צוטרוי צו סמאָליאַרן, אָבער ווער ווייס? דער „באַזונדער־אָפּטייל" איז שטרענג... אין קליינינקייט — געהילף פון דייטשן זשאַנדאַרמעריע־מייסטער!

פון שטאַב איז אַרויסגעקומען הערשל סמאָליאַר. ער באַגריסט זיך מיט מיר אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט, הגם זיינע צעפּינטלטע אויגן רעדן וועגן אַן אינערלעכן אומרו. ער בעט מיירימען, אַז ער זאָל זיך לאָזן צו דער טשקאַלאָוו־בריגאַדע, דאָרט זענען פאַראַן אַ

סך יידישע פּאַרטיזאַנער פון מירער געטאָ. יעדנס אַ גוט וואָרט איז נויטיק...

דעמלט האָב איך זיך עס פון סמאָליאַרן דערוווּסט, אַז עפּעס אַ מאָדנער מענטש איז דער אָסוואַלד, מיט מאָדנע אידעען. אָבער ערלעך איז ער אַוודאי און אַ העלדישער יאָט איז ער אויך, אויב ער האָט געקאָנט אַזוי פיל אויפטאָן זייענדיק אין דער סאַמע וואָל־פישער היטלערישער נעסט...

פון דער אויספאָרשונג אין צווישן־ראַיאָן־שטאַב איז אָסוואַלד אַרויס מיט דעם פולן צוטרוי מצד דער אָנפירונג פון דער פאַרטי־זאַנער־באַוועגונג. געשען איז אַזוי, אַז אַחוץ דעם אויסשפּירער אפרים זינדער, וועלכער האָט גענוי דערציילט וועגן אָסוואַלדס ווירקלעכער ראָל אין דער מירער דייטשער זשאַנדאַרמעריע, און חוץ דער דערקלערונג פון סמאָליאַרן, אַז נאָך זיין געניעם שמועס איז קיין ספק נישטאָ, אַז אָסוואַלד האָט יעדע רגע איינגעשטעלט זיין לעבן כדי צו ראַטעווען די יידן פון מירער געטאָ, ווי אויך ווייסרוסן און פּאַרטיזאַנער, איז צוגעקומען נאָך איין גאָר וויכטיקע דערקלערונג. עס איז געקומען צו רייטן אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון דער טשקאַלאָוו־בריגאַדע, בראש מיט דעם פּאַרטיזאַן טשערני. דער דאָזיקער טשערני איז געווען אַ מיטגליד פון מירער יודען־ראַט און אָסוואַלד האָט געהאַט מיט אים אַ קאָנטאַקט. דורך אים האָט ער אָרגאַניזירט די גרעסטע הילפס־אַקציע, ערב דער ליקווידאַציע פון מירער געטאָ. טשערניס דערקלערונג האָט פאַרענדיקט די אויס־פאָרשונג. דער שטאַב האָט באַשלאָסן צו שיקן אָסוואַלדן אין פּאַר־טיזאַנער־אָפּטייל „פּאָנאָמאַרענקאָ״.

דערמיט האָט זיך אָבער דער ליידנסוועג פון דעם איידעלן, שטילן, אינטעליגענטן אָסוואַלד נישט געענדיקט. אינעם פּאָנאָמאַ־רענקאָ־אָפּטייל האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע אויספאָרשונג. עמיצער האָט אַפילו געוואָרפן דעם חשד, אַז „דער דאָזיקער פּאַרשוין״, אָסוואַלד הייסט עס, איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן דורך די דייטשן;

אַז פאַר דעם איז ער געווען אין אַ היטלערישער שפּיאָנען־שול... אונדז אַלע, וועלכע האָבן נעענטער דערקענט אָסוואַלדן, האָט עס שטאַרק ווײַ געטאָן. מיר האָבן עס אָפּגעפילט ווי אַ טיפע באַליידיקונג חושד זײַן אַ ייִדישן מענטשן, וועלכער האָט אַזוי באַשיידן, שטיל, טאָג־טעגלעך געשטעלט אין טויט־געפאַר זײַן יונגן לעבן, אַז ער איז אין דינסט פון אונדזערע ערגסטע שונאים!..

צו פיל פרײַנט האָט אָבער אָסוואַלד געהאַט צווישן אונדז און אַלע האָבן זיך באַמיט אים צו באַשיצן. עס געדענקט זיך דער פאַל, ווען אַ ייִדישער דאָקטער, אַז אָפּשטאַמיקער פון שטעטל אַלשאַן, איז פון זײַן פּאַרטיזאַנער־בריגאַדע געקומען ספּעציעל צולויפן אין צווישן־ראַיאָן־שטאַב, צו דובאָוון, כדי צו גאַראַנטירן פאַר אָסוואַלדן.

שוין זײַענדיק אין איין פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל האָב איך בײַ פאַרשידענע געלעגנהייטן זיך דערוווסט פון אָסוואַלדן גופא וועגן זײַן גאָר נישט געוויינלעכן וועג צום פּאַרטיזאַנער־וואַלד.

***

...אַנשטאָט פאָרן קיין ארץ־ישראל איז אָסוואַלד אַרײַנגעפאַלן אין דעם היטלערישן גיהנום. דער דײַטשער „מאַרש אויף מזרח" האָט אָפּגעשניטן אַלע וועגן צו פאַרווירקלעכן אָסוואַלדס לעבנס־פּלענער. די חברים פון זײַן קיבוץ „עקיבא" זענען זיך צעגאַנגען וווּ־ווער עס האָט געקאָנט. ער אַליין איז אַוועק צו אַ פּויער אין אַ דאָרף און בײַ אים אַ צײַט געאַרבעט. קיין שום חשד, אַז ער איז אַ ייִד, איז נישט געווען. זײַן אויסזען האָט עס נישט אויסגעגעבן און זײַן פּויליש־לשון איז געווען אָן אויסגעצייכנטער. פון דאָרט איז אָסוואַלד אַוועק אין דעם שכנישן שטעטל טורעץ. דאָרט האָט ער שוין געמוזט זיך רעגיסטרירן אין דער פּאָליציי. האָט ער זיך אָנגעגעבן פאַר אַ פּאָליאַק פון אויבער־שלעזיע. אויך האָט ער אויף איינער אַ פראַגע געענטפערט, אַז ער באַהערשט גוט די דײַטשע שפּראַך. דאָס אַלץ האָט די שטעטלשע פּאָליציי איבערגעגעבן אינעם ראַיאָן־צענטער מיר. פון דאָרט איז אַראָפּגעקומען דער פּאָליציי־

שעף און מיטגענומען אָסוואַלדן מיט זיך, אַלס זיין איבערזעצער. ביי אים האָט אויך אָסוואַלד געוווינט. וועגן אָסוואַלדן האָט זיך גיך דערוווסט דער היטלערישער זשאַנדאַרם־מייסטער פון מירער געגנט, ריינהאָלד היין. ער האָט אים צוגענומען צו זיך, שטאַרק הנאה געהאַט פון אָסוואַלדס דייטש־רעדן, פון זיינע קענטענישן און אינטעליגענץ. מיט דער צייט האָט אָסוואַלד באַקומען ביי אים גרויס צוטרוי און געוווסט פון אַלע סודות. דער זשאַנדאַרם־שעף האָט אַפילו באַוויזן אויסצופּועלן אַ... מיליטערישן ראַנג פאַר אָסוואַלדן אַלס אונטער־אָפיציר פון דער פּאָליציי. געטאָן האָט ער עס, כדי ווייסרוסישע קאָלאַבאָראַנטישע פּאָליציי זאָל האָבן דרך ארץ פאַר אָסוואַלדן...

וואָס אָן אמת, האָט אָסוואַלד, בעתן דערציילן, מיט קיין וואָרט נישט אַרויסגעגעבן, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין זיין יידיש האַרץ בעת ער האָט אויף זיך אַרויפגעשלעפּט אַ דייטשע הויט. אָבער דאָס איז קענטיק געווען, בעת ער האָט גענומען דערציילן וועגן זיינער אַ באַגעגעניש אין דער זשאַנדאַרמעריע מיט אַ געוועזענעם חבר פון אַ שכנותדיקן קיבוץ פון „השומר הצעיר״ אין ווילנע. דעמלט איז אין דער גאַנצער האַנדלונג פון אָסוואַלדן געקומען אַ גרינטלע־כער איבערברוך.

געבראַכט האָט מען פון מירער געטאָ אין דער זשאַנדאַרמע־ריע אַן עלעקטריקער, כדי עפּעס וואָס צו פאַריכטן. אָסוואַלד האָט אין אים באַלד דערקענט דעם חלוץ בערעטשקע רעזניק. יענער האָט אַ צייט געהאַט ספקות, צי איז עס אָסוואַלד אָדער אַ געשפּענסט, וואָס איז ענלעך אויף אים. אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען אָסוואַלד האָט זיך געוואָרפן קושן דעם געוועזענעם קיבוצניק, איז צווישן זיי געשלאָסן געוואָרן דער בונד, וואָס האָט געבראַכט צום פאַר־שטאַרקן די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע פון מירער געטאָ, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען אויך אַ מיטגליד פון ווילנער קיבוץ — שלמה כארכאס.

אָסוואַלדס קאָנטאַקט מיטן געטאָ האָט זיך אויף אַזוי פיל

פאַרשטאַרקט, אַז ער איז בכוח געווען איבערצושיקן אַהין געווער, — ביקסן, גראַנאַטן, פּיסטאָלעטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון די פּאָליציייאישע און זשאַנדאַרמעריע־מאַגאַזינען. דורך זיינע פּאַרטרויאונגס־מענער האָט ער כסדר איבערגעשיקט ידיעות, וואָרענונגען וועגן די היטלערישע אויסראָטונגס־פּלענער לגבי באַזונדערע גרופּן יידן.

אָסוואַלד האָט זיין אַרבעט אויסגעברייטערט. ער האָט גענומען ראַטעווען די סאָוויעטישע געפאַנגענע, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער געגנט, ווי אויך די דאָרפישע ווייסרוסישע באַפעלקערונג. די דייטשן האָבן פון די לאַגערן איבערגעשיקט אַ צאָל סאָוויעטישע געפאַנגענע אין די דערפער, כדי העלפן אַראָפּנעמען דעם שניט. ווען אין די נאָענטע וועלדער פון דער געגנט האָבן גענומען זיך באַווייזן די ערשטע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן, האָבן די היטלעריסטן געגעבן אַ באַפעל צוריקצוברענגען אַלע געפאַנגענע אין די לאַגערן. אָסוואַלד האָט דורך אַלע מעגלעכע קאַנאַלן געגעבן צו וויסן וועגן דעם און אַ סך פון די קריגס־געפאנגענע רויטאַרמייער זענען אַוועק אין די וועלדער.

אָסוואַלדן האָט זיך אויך איינגעגעבן אָפּצוראַטעווען די באַפעלקערונג פון די דערפער אַנטאָנאָוואָ און שימאַקאָוואָ, וואָרענענדיק פאָרויס ווען די היטלעריסטן וועלן אַהין קומען.

נישט די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע, נישט די ווייסרוסישע פּויערים האָבן וועגן דעם געוווסט. אַפילו די יידן פון מירער געטאָ, וועלכע האָבן געפילט, אַז עמיצער באַמיט זיך זיי צו העלפן, האָבן וועגן אָסוואַלדן געטראַכט, אַז ער איז איז „סתם א גוטער גוי"...

ווען אָסוואַלד האָט זיך דערוווסט, אַז די היטלעריסטן האָבן אַרויסגעגעבן אַן ענדגילטיקן טויט־אורטייל אויף דער מירער געטאָ, האָט ער, ברעכנדיק אַלע פאָרזיכטיקייט־מיטלען, תיכף געגעבן וועגן דעם צו וויסן און גערופן אַלעמען צו ראַטעווען זיך. ער האָט אויך נאָך באַוויזן איבערצושיקן אַ פּאַרטיע געווער.

פון די 800 יידן פון מירער געטאָ זענען דעמלט אַוועק 200 די איבעריקע האָבן זיך נישט אַנטשלאָסן צו לויפן. געווען זענען צווישן זיי עלטערע מענטשן, פרויען, קראַנקע. זיי זענען אַלע אומגעבראַכט געוואָרן. די 200 אַנטלאָפענע האָבן געוווסט דעם וועג. כדי די היטלעריסטן זאָלן נישט פאַלן אויף די שפּורן פון די יידן, האָט אָסוואַלד אָפּגעווענדעט זייער אויפמערקזאַמקייט אין אַ פאַר־קערטער ריכטונג. ערשט שפּעטער האָבן זיי זיך געכאַפּט. געפונען האָט זיך איינער, וואָס האָט אָסוואַלדן געמסרט. נייך, אָסוואַלד רעדט נישט מיט בייזקייט אַפילו וועגן דעם מוסר.

***

געקומען איז צו דעם לעצטן שמועס מיט דעם זשאַנדאַרמע־ריע־שעף, וועלכער האָט אָסוואַלדן אָפן דערקלערט, אַז ער פאַר־שטייט זיין פאַרראַט לגבי די דייטשן, אַלס נקמה פון אַ פוילישן פּאַטריאָט... אין מירער געגנט איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן די גאַנצע פוילישע אינטעליגענץ. אָסוואַלד האָט זיך אַנטשלאָסן — ווייזט אויס פילנדיק אַז סיי ווי איז געקומען זיין סוף — צו דערקלערן דעם שעף פון דער היטלערישער זשאַנדאַרמעריע, אַז ער האָט אַ טעות, אַז ער, אָסוואַלד, איז אַ ייד!...

דער זשאַנדאַרמעריע־שעף איז לאַנג געבליבן אַ פאַרטשמע־לעטער. ס'איז קענטיק געווען, אַז אין אים ראַנגלט זיך דער היט־לערישער באַפעל־געבער און די סימפּאַטיע צו דעם מערקווירדיקן העלדישן מענטשן. ער האָט אָסוואַלדן אַרעסטירט, אָבער אין אָוונט אים געבראַכט צום אַלגעמיינעם טיש, עסן מיט אַלע צוזאַמען. ער האָט געהייסן אָסוואַלדן אַז ער אַליין זאָל אָנשרייבן... דעם אויס־פאָרשונגס־פּראָטאָקאָל. אָסוואַלד האָט אויסגענוצט אַ געוויסן מאָ־מענט אַרויסצוגיין אין גאַס. דורך אַ פענצטער האָט ער אַרויסגע־שלעפּט דאָקומענטן און זיך אויסבאַהאַלטן אין פעלד, אין אַ סטויג מיט היי.

אין דער גאַנצער געגנט האָט מען אָסוואַלדן געקענט. ווו טוט מען זיך אַהין? ס'איז דאָס יאָר 1942. די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג איז נאָך גאָר שוואַך אַנטוויקלט. איז ער אַוועק צו אַ פרויען־מאָ־נאַסטיר. מען האָט אים דאָרט אַריינגעלאָזט. די מאָנאַכינס האָבן געוווּסט ווער ער איז. זיי איז אַפילו געווען באַקאַנט, אַז ער איז נישט קיין פּאָליאַק, נאָר אַ ייִד.

...צום ווינציקסטן רעדן מיר צווישן זיך ווי אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז ער, אָסוואַלד, אַ דערצויגענער אין אַ יידישער היים, פון די קינדער־יאָרן־אַן אַקטיווער ציוניסט, האָט גראָד דעמלט באַשלאָסן אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. ס'איז אַ קאָמפּלי־צירטער פּערזענלעכער גורל־ענין. אָסוואַלד אַליין (דער היינטיקער „פּאָטער דניאל" אינעם קאַרמעליטן־מאָנאַסטיר אויף דעם כרמל־בארג אין חיפה) זאָגט, אַז ער האָט אַ סך געטראַכט, אַ סך געלייענט. און כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פסיכיק און מענטאַליטעט פון אָס־וואַלדן איז דער פאַקט, אַז גראָד דעמלט, נאָכן טויפן, באַשליסט ער אַוועקצוגיין פון מאָנאַסטיר. כדי מען זאָל נישט מיינען, אַז זיין איבערגיין צום קריסטנטום דינט אים ווי אַ מיטל זיך צו ראַטעווען פון די היטלעריסטן.

מיט חדשים שפּעטער האָט ער זיך געלאָזט אין וועג, אָן שום קאָנטאַקטן און פּאַראָלן. אַזוי איז ער אָנגעקומען אינעם חרובן יידישן שטעטל רוביעזשעוויטש, ווו עס פלעגן אָפּט זיך באַווייזן פּאַרטי־זאַנער פון פאַרשיידענע בריגאַדעס. דער עיקר — אויסשפּירער. דאָרט טאַקע האָט אָסוואַלד באַגעגנט זיין באַקאַנטן פון מיר, דעם פּאַרטיזאַן־אויסשפּירער אפרים זינדער, וועלכער האָט דער ערשטער אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג אין איוועניצער צווישן־ראַיאָנעם פּאַר־טיזאַנער־שטאַב, אַז ער גאַראַנטירט פאַר אָסוואַלדן, וועלכער האָט גרויסע פאַרדינסטן ביים ראַטעווען און העלפן מענטשן און באַ־קעמפן די היטלעריסטן.

**
*

גוט איז צו שמועסן מיט אָסוואַלדן. ער איז מיט דער צייט געוואָרן אַ קעמפערישער פּאַרטיזאַן. נאָך וואָכן אומצוטרוי צו אים, האָט ער באַקומען געווער און שוין מיטן זעלבן וועג ווי אַלע פּאַר־טיזאַנער געפירט דעם קאַמפּס־חשבון מיט די ברוינע מערדער.

מיטן זעלבן וועג, אָבער ווי אַנדערש איז ער געווען איידער אָסוואַלד איז דערגאַנגען צו אים. אַנדערש ווי פון אַלע יידן, וועל־כע זענען געקומען פון געטאָ, פון לאַגערן.

31. אַביגדור צוקערמאַן האָט נישט פֿאַרשעמט די יידן פֿון לאָשיץ

שרייבנדיק מיינע זכרונות האַלט איך פֿאַר מיין חוב צו דער־מאָנען אויך אַ מענטש מיט וועלכן איך האָב נישט דורכגעמאַכט די אָקופּאַציע, אָבער וועלכער האָט מיר דערנאָך דערציילט וועגן זיין ליידנס־וועג און זיין מסירותדיקן קאַמף קעגן די נאַצישע מער־דער. די העראָישקייט פֿון שטילע באַשיידענע יידישע העלדן דאַרף נישט פֿאַרגעסן ווערן און בלייבן ווי אַ הייליקער אָנדענק אויך פֿאַר די שפּעטערדיקע דורות. איינער פֿון די פֿיל שטילע מסירות־נפשדיקע העלדן איז געווען אַביגדור צוקערמאַן, אַ יונגער בחור פֿון מיין שטעטל.

איך האָב זיך דערוווּסט וועגן אים אינגאַנצן צופֿעליק. נאָך דער מלחמה לייענענדיק די צייטונג „פֿאָלקס־שטימע", וואָס עס גיט אַרויס דער יידישער קאָמיטעט אין וואַרשע, האָב איך דערזען אַ דערציילונג פֿון וויטעבסקער קאָרעספּאָנדענט ברוקאַזש וועגן דער העלדישער פֿאַרגאַנגנהייט פֿון אַביגדור צוקערמאַן, וועלכער האָט געקעמפֿט אין די רייען פֿון די ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער. די זאַך האָט מיר פֿאַראינטריגירט און איך האָב מיט איינגעשפּאַרטקייט אָנגעהויבן צו זוכן דעם אַדרעס פֿון אַביגדורן ביז איך האָב אים געפֿונען און געשטעלט זיך מיט אים אין קאָרעספּאָנדענץ. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך געטראָפֿן מיט אים אין מינסק און דעמאָלט האָב איך זיך דערוווּסט פֿון אים וואָס ער איז דורכגע־

דער העלדישער פּאַרטיזאַן **אביגדור צוקערמאַן.**

גאַנגען און ווי אַזוי ער האָט געקעמפּט אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

אַביגדור צוקערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1918. זיין פֿאָ־טער ישראל בנימינס, איז געווען אַן אָרעמער שוסטער. ווען אַביג־דור איז אַלט געוואָרן 15 יאָר איז ער געפֿאָרן קיין וואַרשע זיך לערנען פֿאַר אַ שלאָסער־מעכאַניקער. אַ קורצע צייט שפּעטער איז ער אַריינגעטראָטן אין קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד, ווו ער איז זייער אַקטיוו געווען אין דער אומלעגאַליטעט. אַזוי איז דאָס געווען ביזן יאָר 1939.

נאָכן דייטשן איבערפֿאַל אויף פּוילן איז אַביגדור אַנטלאָפֿן פֿון וואַרשע אין זיין געבורט־שטעטל לאָשיץ. דאָס שטעטל איז שוין אָבער געווען אָקופּירט פֿון דער דייטשער אַרמיי. ער באַשליסט דעמאָלט זיך אַרויסצורייסן פֿון פֿאַשיסטישן גיהנום. ער האָט אָר־גאַניזירט אַ גרופּע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער דייטשער וואַך ביי דער סאָוויעטישער גרענעץ און זענען אָנגעקומען אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, ווו זיי זענען פֿריינדלעך אויפֿגענומען געוואָרן. נאָך עטלעכע טעג האָבן זיי זיך פֿאַרשריבן פֿרייוויליק צו פֿאָרן אַרבעטן קיין באָברויסק, וויים־רוסלאַנד. אין באָברויסק איז יעדערער פֿון דער גרופּע געגאַנגען אַרבעטן צו זיין פֿאַך. אַביגדור איז אָנגעקומען אין אַ טעכנישער שולע פֿון אויטאָ־מעכאַניק, בכדי צו קוואַליפֿיצירן זיך אין זיין פֿאַך. אַזוי האָט עס געדויערט ביז עטלעכע טעג פֿאַרן אַריינקומען פֿון דער היטלער־אַרמיי קיין באָברויסק, אין יאָר 1941. אַביגדור איז פּונקט דעמאָלט קראַנק געוואָרן און נישט געהאַט קיין מע־גלעכקייטן עוואַקואירט צו ווערן אין די ווייטע געביטן פֿון ראַטנ־פֿאַרבאַנד.

ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער גענומען זוכן מיט־לען ווי אַזוי זיך דורכצורייסן דורך דער פֿראָנט־ליניע. טראָץ זיינע גרעסטע אָנשטרענגונגען האָט זיך אים דאָס נישט איינגעגעבן און

ער איז פאַרבליבן אין באָברויסק, ווו די דייטשע פאַשיסטן האָבן איינגיכן איינגעפירט די ראַסיסטישע געזעצן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ פאַר דער 10־טויזנטיקער אָרטיקער יידישער באַפעל־קערונג. אַביגדור באַשליסט נישט צו גיין אין געטאָ.

קורץ נאָכן אָקופּירן דורך די דייטשן באָברויסק איז אין שטאָט געשאַפן געוואָרן אַן אונטערערדישע ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציע אונטער דער אָנפירונג פון דעם שפּעטערדיקן פּאַרטיזאַנער־קאָ־מאַנדיר לעווענצאָוו. אַביגדור וואַרט נישט לאַנג און טרעט אַריין אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. נאָך עטלעכע וואָכן גע־לונגט אים מיט דער מיטהילף פון רוסישע חברים אָנגענומען צו ווערן אויף דעם אַעראָדראָם אין באָברויסק אַלס אויטאָ־מעכאַני־קער. ער איז דאָרט אָנגעגאַנגען פאַר אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען שי־קאָרסקי. אַ סך מאָנאַטן האָט ער געאַרבעט ביים פאַרריכטן אויטאָס און אויך ביי אַנדערע פאַרשידענע טעכנישע באַשעפטיקונגען.

די אָנפירונג פון אַעראָדראָם איז צופרידן געווען פון זיין אַרבעט און געקריגן צו אים צוטרוי. אַ געוויסן טאָג האָט מען אַביג־דורן געגעבן אויסצופּרובירן אַ לאַסט־אויטאָ, וואָס איז געווען נאָך אַ רעפּאַראַציע. ער האָט געמאַכט עטלעכע אומקרייזן ביז ער איז אַרויס פון טויער. זיין ציל איז געווען צו אַנטלויפן מיטן לאַסט־אויטאָ. די דייטשע וואַך האָט אים אָבער באַפוילן צוריק צו פאָרן מאָטיווירנדיק דערמיט, אַז עס איז פאַראַן געגוג פּלאַץ אויפן אַעראָדראָם פאַרן אויספּרוון. אַביגדור האָט זיך צוריקגעקערט און האָט נישט רעזיגנירט פון זיין פּלאַן. ער האָט פאַרקערעוועט צו דער ריכטונג, ווו עס געפינט זיך אַ צווייטער אַרויספאָר פון אַעראָד־ראָם. ער האָט באַמערקט ווי עס איז אָנגעפאָרן אַ פּאַסאַזשיר־אויטאָ אַביגדור איז אים נאָכגעפאָרן און אַזוי אַרום זיך אַרויסבאַקומען פון אַעראָדראָם.

ער האָט זיך גיך פאַרדרייט אין אַ זייטיק געסל, אַרומגעקוקט זיך צי עמעצער פאָרט אים נישט נאָך און אַוועק ווייטער אין דער

ריכטונג פון דעם אָרט, וואָס איז מיט עטלעכע טעג צוריק באַ־שטימט געוואָרן מיט די חברים פון דער אונטערערדישער אָר־גאַניזאַציע און ווו אייניקע חברים האָבן אין אַ באַשטימטער צייט געזאָלט וואַרטן אויף אים. ווען ער איז צו זיי אָנגעקומען מיטן לאַסט־אויטאָ האָבן זיי שוין געוואַרט אויף אים מיט אומגעדולד. דערנאָך האָבן זיי צוגעוואַרט ביז עס איז אַ ביסל טונקל געוואָרן אין דרויסן. דערווייל האָבן זיי אַרויפגעטראָגן אויפן לאַסט־אויטאָ אַ דרוק־מאַשין מיט שריפטן און אויך פּאַפּיר. אויך די חברים זענען אַריין אין לאַסט־אויטאָ און זיך גוט אויסבאַהאַלטן.

נאָכן דערציילן מיר ווי אַזוי דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען האָט אַביגדור צוגעגעבן:

— מיט גרויס פאַרזיכטיקייט און האַרץ־קלאַפּעניש זענען מיר שפּעט ביינאַכט געקומען צו פאָרן אין וואַלד און אָנגעקומען צו דער פּאַרטיזאַנישער זאָנע. דער קאָמאַנדיר לעווענצאָוו צוזאַמען מיט אַנדערע חברים־פּאַרטיזאַנער האָבן אונדז באַגעגנט מיט פרייד. מיר האָבן זיך צעקושט. איך האָב זיך נישט געקאָנט באַהערשן און פון פרייד, פון די איבערלעבענישן האָבן צום ערשטן מאָל זינט איך בין געוואָרן אַ דערוואַקסענער מאַן אַרויסגעריסן זיך טרערן פון מיינע אויגן. נאָך עטלעכע טעג האָב איך אָפּגעגעבן די פּאַרטיזאַנער־שבועה און עס האָט מיך באַהערשט אַ געפיל, אַז איך בין אַ פרייער מענטש און וועל קאָנען ווערן אַ נקמה־נעמער.

זיצנדיק צוזאַמען מיט אַביגדורן און צוהערנדיק זיך צו זיינע רייד, האָב איך באַמערקט, ווי זיין פּנים האָט זיך מיטאַמאָל געענ־דערט, זיין געזיכט איז געוואָרן ערנסט און האָט אויסגעדריקט צאָרן. עס איז געווען צו דערקענען, אַז דעם צאָרן און האַס האָט ער אויסגעלאָדן אין קאַמף קעגן אונדזערע בלוטיקע־שונאים. איך האָב זיך ווייטער צוגעהערט צו דעם, וואָס ער האָט דערציילט:

— דאָס אַנטלויפן מיטן לאַסט־אויטאָ איז געווען אַן אָנהייב. די גרעסערע דיווערסיע־אַקטן זענען געקומען אין די שפּעטער־

דיקע צייטן. עס איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן דעם אַ סך. אַזוי ווי דו ביסט מיינער אַ לאַנדסמאַן און אַ מיטקעמפּער פון יענע צייטן, וויל איך זיך טיילן מיט דיר מיט דעם אַלעמען, וואָס איך האָב איבערגעלעבט.

נאָך עטלעכע טעג נאָך מיין אָנקומען אין וואַלד, בין איך צוגע־טיילט געוואָרן צו אַ גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון קאָמאַנדיר פּאַוועל קאָשטשאַשקאָ. אונדזער אויפגאַבע איז געווען צו גיין צו דער נאָענטסטער באַן־ליניע און דאָרטן אָפּוואַרטן די אָנקומענ־דיקע טראַנספּאָרטן, וואָס האָבן געפירט אַמוניציע און אויך מיט מיליטער און וואָס זענען געקומען פון די מערב־געביטן. מיר האָבן געדאַרפט אַוועקלייגן מינעס אויף דעם געהעריקן אָרט און אויך אין דער געהעריקער צייט. עס איז געווען אַ ווינטערדיקע פראָס־טיקע נאַכט. מיר זענען אָנגעקומען צו דער באַן־ליניע און דער־נאָך צום אָרט וווּ מיר האָבן געדאַרפט אין אַן אויסגעגראָבענעם גריבל אַריינלייגן די מינע. דער באָדן איז געווען פאַרפרוירן. עס איז נישט לייכט געווען צו גראָבן אין דער ערד. מיר האָבן דאָך אַריינגעלייגט די מינע אין א גריבל ווי עס באַדאַרף צו זיין. דער־נאָך האָבן מיר איינִיקע מאָל צוגעלייגט די אויערן צום פאַרפרוירע־נעם באָדן ביז מיר האָבן זיך דערוואוּסט, אַז די ערד זאָל אונדז איבערגעבן דעם גערויש פון אָנקומענדיקן טראַנספּאָרט. מיר האָבן אָנגעהויבן לויפן צום וואַלד, כדי צו זיין צווישן די געדיכטע ביי־מער וואָס ווייטער פון דער באַן־ליניע. לויפנדיק האָבן מיר דער־הערט אַ שטאַרקן אויפרייס וואָס האָט געמאַכט ציטערן די ביימער פון וואַלד און ביי אונדז האָבן געציטערט די הערצער פון פרייד וואָס צום ערשטן מאָל האָט זיך אונדז איינגעגעבן אויפצורייסן אַ דייטשן טראַנספּאָרט.

אַביגדור האָט פאַרענדיקט דאָס שילדערן די ערשטע באַן־אַקציע און צוגעגעבן:

— דער ערשטער אויפרייס, וואָס איז מיר געלונגען דורכ־

צופירן האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אין מיר די געפילן צו נעמען נקמה און צוגעגעבן מוט דורכצופירן אַקציעס אויף אַ גרעסערן פאַרנעם. די דיווערסיע־אַקציעס אויף די באַן־ליניעס אין וועלכע איך האָב אָנטייל גענומען האָבן געדויערט אַ סך חדשים ביז די צאָל פון אויפגעריסענע טראַנספּאָרטן איז דערגאַנגען צו 18. לויט דעם ווי די פּויערים האָבן אונדז איבערגעגעבן, זענען די פאַר־לוסטן פון דעם דייטשן קריגס־מאַטעריאַל געווען גרויסע און צו־זאַמען מיט דעם קריגס־מאַטעריאַל זענען פאַרניכטעט געוואָרן צענדליקער מיליטער־לייט מיט זייערע אָפיצירן.

⁂

אַביגדור האָט מיר דערציילט ווי דער אָטריאַד אונטער דער אָנפירונג פון קאָמאַנדיר לעווענצאָוו איז זיך צעוואַקסן. עס זענען צוגעקומען אין אים פּויערים פון די אַרומיקע געגנטן און אַנטלאָ־פענע רוסישע געפאַנגענע פון די דייטשע לאַגערן. די קאַמפּס־אַק־ציעס האָבן זיך אויסגעברייטערט. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע דיווערסיע־גרופּע פון וועלכער ער, מיין לאַנדסמאַן, איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר. אַ פּויזע. איך דערוויס זיך פון אים ווידער וועגן זיינע דורכגעפירטע אַקציעס. ער האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

— דורך אונדזערע אויסשפּיר־גרופּן זענען דערגאַנגען צו אונדזער אָנפירערשאַפט ידיעות, אַז אויף דעם טייך בערעזינאַ קורסירט פון צייט צו צייט אַ גרויסע שיף, וואָס טראָגט דעם נאָ־מען באָברויסק. זי האָט כסדר אַריבערטראַנספּאָרטירט קריגס־מאַ־טעריאַלן און אויך מיליטער פון איין ברעג טייך אויפן צווייטן. איך בין צוזאַמען מיט מיין גרופּע גערופן געוואָרן אויף אַ באַראַ־טונג צו אונדזער קאָמאַנדיר, כדי צוצוטראַכטן אַ פּלאַן, אַז די שיף באָברויסק זאָל מער נישט קאָנען זיך באַוועגן און אַז אונדזער שטאָט זאָל אויך מער נישט פאַרשעמט ווערן מיטן נאָמען פון דער שיף, וואָס דינט איצט דעם שונא.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון טייך בע־רעזינאַ און מיר האָבן אָפּגעזוכט אַ פּאַסיקן אָרט ווו מיר זאָלן זיין גוט פאַרמאַסקירט צווישן ביימער און הויכע גראָזן און גלייכצייטיק פון דאָרטן קאָנען אָבסערווירן דאָס צירקולירן פון דער שיף. עס איז אויך וויכטיק געווען צו וויסן גענוי די צייט ווען די שיף גייט אַדורך דורך יענע געגנטן.

אונדזער פּלאַן איז געווען אַריינצולאָזן אַ מינע אין וואַסער. קיין גרויסע פאַכמענער אויף דעם געביט זענען ביי אונדז נישט געווען. נאָך לאַנגע באַטראַכטונגען האָבן מיר געפונען אַ פּרימיטיוון סיסטעם. עס איז אונדז געלונגען צו באַקומען אַ הונדערט־קילאָדיקע אַוויאַציע־באָמבע, וואָס אַן אַרבעטער האָט אַרויסגעגנבעט אויפן מיליטערישן אַעראָדראָם אין באָברויסק, ווו ער איז פריער געווען באַשעפטיקט. דער אַרבעטער איז געווען מיט אונדז אין ענגן קאָנטאַקט. דער אויפרייס־קאַפּסול איז פריער געוואָרן אַרויסגענומען פון דער באָמבע.

נאָכדעם ווי מיר האָבן די באָמבע צוגעבונדן צו צוויי קלעצער האָבן מיר אַריינגעגעבן אַ נייעם קאַפּסול און לויט אונדזער אַן אייגענעם טעכנישן סיסטעם האָבן מיר צוגעבונדן אַן עלעקטרישן לאַנגן דראָט. דאָס אַלץ האָבן מיר אַראָפּגעלאָזט אין טייך. מיר האָבן אויך איבערגעשטעלט די אָנגעוויזענע וועג־צייכנס אויף אַ געוויסער לענג פון טייך, כדי די שיף זאָל גיין מיטן וועג פון טייך, ווו עס ליגט אין די טיפענישן די באָמבע, וואָס וועט מוזן אויפרייסן.

מיר האָבן אויסגעקליבן א ווינקל צווישן ביימער, וואָס זענען געווען צעגרינט און צעוואַקסן און אַזוי אַרום גוט פאַרשטעלט דאָס אָרט, ווו מיר האָבן אויסגעגראָבן אַ גרוב נישט ווייט פון טייך. צוויי חברים האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין גרוב און דאָרט האָבן זיי געהאַט מיט זיך דעם דראָט, וואָס איז געווען פאַראייניקט מיט דער באָמבע אין טייך. זיי האָבן געוואַרט ביז די שיף וועט אָנקומען צום אָרט ווו עס ליגט די מינע, כדי אַ צי צו טאָן מיטן דראָט די מינע

זאָל אויפרייסן. דאָס אַלץ איז צוגעגרייט געוואָרן אין אַ ליכטיקער לבנה־נאַכט פון 18־טן אויגוסט 1943. דערנאָך האָט אונדזער גרו־פּע זיך צעטיילט, צוויי זענען געווען אין גרוב, די איבעריקע האָבן געוואַכט, אַז קיין פרעמד אויג זאָל נישט דערגיין צו אונדז. מיר האָבן געוואַרט ביז 11 אַזייגער אינדערפרי ביז מיר האָבן דערהערט דאָס אָנקומען פון דער שיף. זי איז געשווומען אין דער ריכטונג לויט די איבערגעשטעלטע צייכנס. ווי גיך זי האָט זיך דערנענטערט צום פאַרפלאַנירטן אָרט, האָט מען אַ צי געטאָן דעם דראָט.

ס'האָט זיך באַלד דערהערט אַ הילכיקער אויפרייס און דער טייך, דער וואַלד דערלעבן, אַלץ אַרום האָט זיך אַ וויג געטאָן. מיר האָבן דערהערט די געשרייען פון די היטלעריסטישע סאָל־דאַטן, וואָס זענען געשפּרונגען פון שיף. אַ טייל פון זיי האָבן גע־פּרוווט שווימען צום ברעג טייך. זיי זענען אָבער באַגעגנט געוואָרן פון אַ שטאַרקער שיסעריי פון אונדזערע חברים. קיין איינער פון זיי איז נישט צוגעשווומען צום ברעג טייך. די שיף באָברויסק איז איינגעזונקען געוואָרן אין די טיפענישן פון דעם טייך בערעזינאַ צוזאַמען מיט דער גרויסער לאַדונג פון מיליטערישער און טעכ־נישער אויסשטאַטונג און צוזאַמען מיט די היטלעריסטישע מילי־טער־לייט.

מיר האָבן זיך שנעל צוריקגעצויגן, כדי וואָס גיכער אָנצוקו־מען אויפן באַשטימטן אָרט, וווּ מיר האָבן געהאַט אָפּגערעדט זיך צו טרעפן מיט חברים, וואָס האָבן געוואַרט אויף אונדז. זיי האָבן אונדז באַגעגנט מיט טרערן אין די אויגן. מיר זענען אַוועק צו דעם פּאַרטיזאַנער־שטאַב, וווּ עס האָט זיך אויך געפונען אונדזער קאָמאַנדיר לעווענצאָוו. ווען ער האָט אונדז אויפגענומען האָט ער זיך קוים געקאָנט באַהערשן, ער האָט דערשטיקט די טרערן. ער האָט זיך צוקושט מיט אונדז און דערנאָך צו מיר געזאָגט: „אַביג־דור, האָסט נישט דערלאָזט די שטאָט באָברויסק זאָל פאַרשעמט

ווערן און איר אַלע האָט נקמה גענומען פאַר די מאַרטירער פון דער שטאָט. אייער דרייסטער אַקט וועט אריינגיין אין דער געשיכ־טע פון העלדישקייטן".

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דורך אונדזער אַקציע זענען אומגעקומען העכער הונדערט היטלעריסטישע מיליטערלייט און פיל קריגס־מאַטעריאַל איז צוזאַמען מיט דער שיף איינגעזונ־קען אין טייך. די שיף איז פאַרבליבן אין די טיפענישן פון דער בערעזינאַ ביז נאָך דעם קריג.

אַזוי האָט אַ לאַשיצער זון פון דער גרעסטער אָרעמקייט נקמה גענומען פאַר זיין אויסגעמאָרדעט פאָלק און אויך פאַר די ליידן פון אַנדערע פעלקער.

**
*

איך האָב געוואָלט וויסן ווי אַזוי ער האָט ווייטער געקעמפט און אַביגדור האָט מיר דערציילט:

— מיר האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דער לעצטער איינ־געגעבענער אַקציע. מיט אַ קליין שטיקל צייט שפּעטער האָט מיין גרופּע באַקומען אַן אויפגאַבע איינצושאַפן געווער פאַר אונדזער אָטריאַד. עס זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות, אַז אין דאָרף טאָלעשאַ, נישט ווייט פון באָברויסק איז דער גרעסטער טייל פּאַ־ליציאַנטן און דייטשן אַוועק אויף אַ חתונה אין אַן אַנדער דאָרף וווּ זיי שיכורן שוין אַ גאַנצן טאָג. דער פּאָליציייאישער פּאָסטן איז געווען שוואַך באַוואַכט. עס זענען פאַרבליבן בלויז עטלעכע פּאָלי־ציאַנטן.

די אָפּעראַציע האָט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן ווי אַמ־שנעלסטן. דער וועג צום דאָרף איז נישט געווען קיין קורצער און דערצו פול מיט געפאַרן צוליב די באַוועגונגען פון די דייטשן. מיר האָבן גענומען אַ וואָגן מיט צוויי פערד. דעם וועג האָט מען געדאַרפט דורכמאַכן מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט. ווען מיר

אין די וועלדער

זענען אָנגעקומען צום פּאָליציייִשן פּאָסטן האָבן מיר געטראָפן בלויז עטלעכע היטער, וואָס האָבן זיך נישט געריכט אויף קיין איבערפאַל. מיר האָבן זיי באַלד ליקווידירט.

מיר זענען פּאָרזיכטיק אַריין אין שטאַב פון פּאָליציייִשן גאַרניזאָן און אַוועקגענומען דאָס גאַנצע געווער, וואָס איז באַשטאַנען פון 12 ביקסן, פון אַ גרויסן רעזערוו קוילן און אויך פון אַ ביסל מאַשין־געווער און א גרויסער צאָל האַנט־גראַנאַטן. מיר האָבן אויסגעליידיקט דעם גאַנצן געווער־לאַגער און זיך צוריק געלאָזט אין אונדזער אָטריאַד.

אונדזער קאָמאַנדיר האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף אונדז. ווען ער האָט אונדז דערזען, איז ער געווען אויסער זיך פון פרייד, בפרט ווען מיר האָבן מיטגעבראַכט אַזוי פיל געווער. ער האָט זיך געוואָנדן צו מיר ווי צום אָנפירער פון דער גרופּע און האָט מיר געזאָגט: „איך וויל דיר שענקען אַ מתנה, וואָס איז מיר זייער טייער". ער האָט אַראָפּגענומען זיין האַנט־זייגער און מיר דערלאַנגט, צוגעבנדיק, אַז דאָס איז אַן אויסדרוק פון אַנערקענונג פאַר דער געוואַגטקייט און פינקטלעכקייט מיט וועלכער איך האָב אָנגעפירט מיט דער איינגעגעבענער אָפּעראַציע.

אַביגדור האָט צום סוף באַטאָנט, אַז אין זיין אָפּטיילונג איז ער נישט געווען דער איינציקער ייִד, וואָס האָט געהאַט אויף זיין חשבון אַזעלכע איינגעגעבענע אַקציעס. פיל ייִדן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסער העלדישקייט. ער האָט מיר דערציילט, אַז זיין קאָמיסאַר לעפּעשקין האָט אין באָברויסק אויסבאַהאַלטן אַ 12־יעריק ייִדיש ייִנגל, מיכאַעל קאַגאַן, וועמענס עלטערן עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן. דער יונגער מיכאַעל קאַגאַן איז אָנגעקומען אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער און אין זיין יונגן עלטער האָט ער אָנטייל גענומען אין פאַרשידענע אַקציעס. נאָך דער מלחמה איז ער צוריקגעקומען קיין באַברויסק, ווו ער לעבט היינט מיט אַ פרוי און קינדער.

פון געטאָ

באַזוכנדיק אין מינסק דעם מוזעאום פון פּאַטערלענדישן קריג, האָב איך געקאָנט זען ווי אַביגדור צוקערמאַן אַלס פּוילישער פּאַר־טיזאַן אונטערן נאָמען שיקאָרסקי פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט אויף דער מזרח־וואַנט. אויף די ווענט זענען אויסגעהאָנגען גרויסע ביל־דער פון אַביגדורן דעם אָפּשטאַמיקן פון דעם קליינעם פאַרוואָר־פענעם פוילישן שטעטל לאָשיץ.

צווישן די פּילצאָליקע דאָקומענטן, וועלכע זאָגן עדות וועגן זיינע שלאַכט־אָפּעראַציעס, זענען אויך פאַראַן קאָפּיעס פון באַ־שלוסן פון דער סאָוויעטן־רעגירונג וועגן פּילצאָליקע הויכע אויס־צייכענונגען — אָרדנס און מעדאַלן — וועלכע אַביגדור צוקערמאַן האָט באַקומען פאַר זיין העלדישן קאַמף קעגן די היטלערישע מער־דער.



פון רעכטס — יעקב גרינשטיין, שלום זאָרין, הערש סהאָליאַר.
באַגעגעניש פון קאַמפּס־חברים — מיט 28 יאָר שפּעטער.

32. אין דער שעה פון באַפרייאונג

אין יענעם טאָג האָט עס אויסגעזען, ווי אונדזער וואַלד וואָלט זיך ספּעציעל אויסגעצירט. און הגם געווען איז עס שוין טיפער זומער, האָט די גרינקייט אַרום געהאָט דעם אָפּגלאַנץ פון פרילינג־דיקער פרישקייט. אויך פּאַרטיזאַנישע פּנימער האָבן אַן אַנדער אויסזען באַקומען. פון זיי איז ווי פאַרשווונדן די באַזאָרגטקייט, די אָנגעשטרענגטקייט און דער צאָרן. אַלע האָבן געפילט, אַז עס דער־נענטערט זיך די שעה פון דערלייזונג.

אין די ערד־היילן האָט איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן, אַז רויטאַרמייאישע אויסשפּיר־גרופּן געפינען זיך נישט ווייט פון אונדזער וואַלד.

דער קאָמאַנדיר פון אונדזער אָפּטייל, קוזמין, האָט באַשטימט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע, וואָס דאַרף אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיטן רויטאַרמייאישן אויסשפּיר. אונדזער שטאָב האָט פאָרויסגעזען, אַז אין די טעג, ווען די דייטשע אַרמיי וועט צעקלאַפּט ווערן, וועלן געוויסע אירע טיילן לויפן אין די וועלדער, כדי דאָרט צו זוכן אַ רעטונג. עס איז אויך געווען אַ חשד, אַז ווען דייטשע סאָלדאַטן וועלן אָנטרעפן אויף אויסגעליידיקטע ערד־היילן, וועלן זיי זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן און פּרווון שטעלן אַ ווידערשטאַנד. דאָס וואָלט געקאָנט ברענגען קרבנות צווישן אונדז גראָד אין דער לעצטער שעה. צוליב דעם זענען אַ טייל פּאַרטיזאַנער געבליבן אין די ערד־היילן.

ווי אַנדערש האָט די ערשטע באַגעגעניש אויסגעזען, ווי מיר

האָבן עס געהאַט זיך פֿאַרגעשטעלט. געמיינט האָבן מיר, אַז אין אונדזער וואַלד וועלן זיך באַווייזן גרויסע מחנות סאָוויעטישע שלאַכט־לייט. אין דערווירקלעכקייט האָט פון צווישן דיביימער זיך באַוויזן... איין און איינציקער רויטאַרמייער. מיר זענען געבליבן ווי געפּלעפּט פון אומגעריכטקייט דערזעענדיק דעם צעשמייכלטן, יונגן פּנים. מיר האָבן אים אַרומגערינגלט. יעדער האָט געוואָלט אים דריקן צו זיך. פּונקט אַזוי אומבאַמערקבאַר־שטיל האָבן זיך באַוויזן אַנדערע רויטאַרמייער, אויך אָפּיצירן. אויף זייערע פּנימער זעט זיך אָן די פֿאַרמאַטערטקייט פון לאַנגע טאָג־און נאַכט־מאַרשן און קאַמפן, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט ביז זיי זענען אָנגעקומען אין אונדזערע געגנטן. מיר דערנענטערן זיך איינער צום אַנדערן און ווערן באַלד אַזוי היימיש, ווי מיר וואָלטן זיך שוין געקענט לאַנגע יאָרן. מיר הערן זיך צו צו דעם, וואָס רויטאַרמייער דערציילן וועגן די לעצטע טעג, בעת דער גרויסער ווייסרוסישער אָפענסיווע קעגן שונא. באַלד האָט מען גענומען זוכן צווישן די רויטאַרמייער לאַנדס־לייט. אויך אַזעלכע זענען געווען. זיי זענען פון ערשטן מלחמה־טאָג מאָביליזירט געוואָרן און אייניקע פון זיי האָבן געלאָזט פֿאַ־מיליעס, פרויען מיט קינדער. זיי פרעגן זיך נאָך מיט שרעק, צי עס איז פֿאַרבליבן אַ סימן פון דעם אָדער יענעם שטעטל אָדער דאָרף. מיר מיידן אויס צו געבן אַ באַלדיקן ענטפער, וויסנדיק, אַז געוויסע ערטער זענען שוין פון לאַנג חרוב געוואָרן פון די ס. ס.־ישע קאָמאַנדאָס. מיר ווילן נישט אָוועקנעמען פון זיי די האָפֿע־נונג וואָס זיי טראָגן מיט זיך.

צווישן די מיליטערישע אָפּירער האָט זיך איינער באַזונדער אויסגעטיילט מיט זיין הויכוווקסיקייט, מיט זיין טונקלהויטיק פּנים און גוטמוטיקע אויגן. ער האָט אונדז געפרעגט, ווו עס געפינט זיך דער קאָמאַנדיר פון אונדזער בריגאַדע. מיר האָבן אים אַוועק־געפירט צו סעמיאָן גאַנזענקאָ, וועלכער האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. דער רויטאַרמייאישער קאָמאַנדיר האָט זיך

שטאַרק אינטערעסירט מיט אַלע איינצלהייטן פון פּאַרטיזאַנער־לעבן און קאַמפן. סעמיאָן גאָנזענקאָ האָט אים דערציילט וועגן די דיווערסיע־אַקציעס, וואָס אונדזער בריגאַדע האָט דורכגעפירט, וועגן די שווערע צייטן וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט בעת די בלאָקאַדעס פון דער דייטשער אַרמיי אין די ווייסרוסישע וועלדער און וועגן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זענען העלדיש געפאַלן. איבעראַשט בין איך געוואָרן, ווען דער רויטאַרמייאישער קאָמאַנדיר האָט אויך געוואָלט וויסן, צי אין אונדזער בריגאַדע זענען פאַראַן אַ סך יידן. סעמיאָן גאָנזענקאָ האָט אים גענוי איבערגעגעבן וועגן דער באַדייטנדיקער צאָל יידן, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין אַלע פּאַרטיזאַנער־קאַמפן און וועגן אַ סך, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער העלדישקייט. ער האָט דערמאָנט אַבראַשע קאַפּלאַנען, דעם 16־יאָריקן מינסקער בחור, וועלכער איז העלדיש געפאַלן אין דער שלאַכט, און פיל אַנדערע יידישע יונגע און עלטערע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן מיט זייער דרייסטקייט געדינט אַלס ביישפּיל.

גאָנזענקאָ האָט אויך אינפאָרמירט, ווי אַזוי פּאַרטיזאַנער האָבן געהאָלפן אַרויסרייסן יידן פון מינסקער געטאָ און פון שטעטלדיקע געטאָס און אָפּגעראַטעוועט אַ סך יידישע קינדער, ווי אויך עלטערע מענטשן, פאַר וועלכע עס איז געשאַפן געוואָרן אין וואַלד אַ ספּעציעלער פאַמיליע־לאַגער. ער האָט פאַר אים אויך פאָרגעשטעלט דעם יידישן פּאַרטיזאַן וואָלאָדיע קראַווטשינסקי, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דיווערסיע־גרופּן, וואָס האָבן אויפגעריסן 18 באַנען מיט געווער, אַמוניציע און היטלערישע סאָלדאַטן.

אויסהערנדיק דאָס אַלץ האָט דער רויטאַרמייאישער קאָמאַנדיר געזאָגט צו גאָנזענקאָ:

— איר האָט אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך, ראַטעווענדיק הונדערטער יידן פון געטאָ. דאָס וועט אייך נישט פאַרגעסן ווערן!

מיר זענען צוריק אַוועק אין אונדזערע שוץ־גרובנס, וואָס זענען ספּעציעל צוגעגרייט געוואָרן אויפן פאַל, ווען עס וועט אויס־

קומען זיך באַגעגענען מיטן שונא. אַזעלכע „באַגעגענישן" זענען אין יענע טעג געווען נישט קיין זעלטנקייט. אַזוי איז געשען מיטן יידישן פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל אונטער דער אָנפירונג פון ש. זאָרין.

דער אויסשפּיר פון די זאָרינצעס האָט צוּוויסן געגעבן אַז אין וואַלד האָט זיך אַריינגעריסן אַן ס. ס.־גרופּע. דער שטאַב פון יידישן אָפּטייל האָט תיכף אויסגעטיילט אַ מאַן 30 און זיי געשיקט צום לויערן אויפן שונא. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן שיטן פייער פון ביידע זייטן. אין דער לעצטער שעה פאַר דער באַפרייאונג זענען אין דעם דאָזיקן קאַמף געפאַלן די יידישע פּאַרטיזאַנער יעקב פּעקער, משה'ל טוניק. עס זענען אויך געטראָפן געוואָרן פון שונא'ס קוילן דער אַלטער צייַן־דאָקטער פּאַכוצקי און זיין פרוי. פאַרוווּנדעט איז געוואָרן אין דער דאָזיקער לעצטער שלאַכט דער קאָמאַנדיר גופא, שלום זאָרין. מען האָט אים געמוזט אַמפּוטירן אַ פוס.

עס זענען פאַרביי עטלעכע טעג. דער געלויף פון די דייטשן דורך אונדזער וואַלד האָט זיך פאַרקלענערט. מיר זענען אָבער פאַרבליבן טעג אין די שוץ־גריבער ביזן 12־טן יולי 1944. דער גרעסטער טייל פון אונדז איז געווען אויסגעמאַטערט פון די נישט־געשלאָפענע נעכט און הונגעריקע טעג. די שטימונג איז אָבער געווען ביי אַלעמען זייער אַ מונטערע. מען האָט זיך באַגעגנט מיט פריינט, מיט באַקאַנטע פון מינסקער געטאָ, וועלכע מען האָט שוין געהאַט פאַררעכנט צו די אומגעקומענע. מען האָט זיך קעגנזייטיק דערציילט, ווי אַזוי מען איז געקומען אין וואַלד, ווי אַזוי מען האָט זיך אַרויסגעריסן פון מינסקער געטאָ. מען האָט זיך דערמאָנט די קאָשמאַרנע טעג און נעכט אין געטאָ. דער ווייטאָג איז אָפּגעפרישט געוואָרן נאָכן דערמאָנען אונדזערע דערמאָרדעטע משפחות. נישט ווייניק האָבן נאָך געטראַכט, אַז אפשר וועט מען דאָך עמיצן אָפּגעפינען פון די אייגענע.

⁂

עס דערגייט צו אונדז די ידיעה, אַז אויפן 16־טן יולי ווערט געגרייט אַ גרויסער פּאַרטיזאַנער־פּאַראַד, וואָס וועט פּאָרקומען אויף די חורבות פון דער מאַרטירער־שטאָט מינסק. מיר האָבן געדאַרפט אָנטיילנעמען אין דעם פּאַראַד. מען האָט געדאַרפט דורכ־מאַכן ביי 100 קילאָמעטער צופוס. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר זענען געווען פאַרמאַטערט, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג, צוזאַמען מיט נאָך טויזנטער פּאַרטיזאַנער. אומעטום, אויף די וועגן, אויף פעלדער, האָבן מיר אָנגעטראָפן בולטע צייכנס פון די לעצ־טע שלאַכטן קעגן דייטשן מיליטער, פאַרברענטע אויטאָס, אויפגע־ריסענע טאַנקן.

מיר זענען אָנגעקומען אין אַ פאָרשטאָט פון מינסק. מורא־דיק איז געווען די פאַרוויסטונג וואָס די היטלעריסטן האָבן געמאַכט בעת זיי זענען אָפּגעטראָטן. מיר זענען אָנגעקומען אויפן גרויסן פעלד פון היפּאָדראָם, ווו מיר האָבן שוין געטראָפן מאַסן פּאַרטי־זאַנער פון פאַרשידענע געגנטן פון דער ווייסרוסישער רעפּובליק.

מיר זענען אַלע אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם דורך דער באַפעלקערונג. מיט עטלעכע שעה שפּעטער האָט מען דערהערט דורך די הויכשפּרעכער דעם אָנזאָג, אַז עס הויבט זיך אָן דער פּאַרטיזאַנער־פּאַראַד, אין וועלכן עס נעמען אָנטייל מיט־גלידער פון דער רעגירונג און קאָמאַנדירן פון אַלע פּאַרטיזאַנער־בריגאַדעס.

נאָך די רעדעס האָט זיך אָנגעהויבן די דעפילאַדע פון די פּאַרטיזאַנער־איינהייטן. עס באַווייזן זיך רייטער, עס קומען אָן די דיווערסאַנטן, וועלכע האָבן אויפגעריסן דעם דייטשן טראַנספּאָרט, צעשטערט בריקן. מען זעט אויך פּאַרטיזאַנער אין דייטשער קליי־דונג. דאָס זענען אַנטיפאַשיסטן, וועלכע האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט אַלע פּאַרטיזאַנער.

אונדזער אָפּטייל מאַרשירט פאַרביי דער טריבונע, אויף וועל־כער עס געפינען זיך די מיטגלידער פון ווייסרוסישן שטאַב פון

דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און אַנפירנדיקע טוער פון די אונ־טערערדישע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס אין גאַנץ ווייסרוסלאַנד.

גרויסע לייוונטן דערציילן מיט דער שפּראַך פון ציפערן וויפל היטלערישע סאָלדאַטן און אָפיצירן זענען געפּטרט געוואָרן דורך דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, וויפל צוגן מיט געווער און מיליטער פון שונא זענען צום פראָנט נישט דערפאָרן. פּאַרטיזאַנער האָבן באַוויזן אָראָפּצושיסן דייטשע עראָפּלאַנען. די מעכטיקע פאָלקס־אַרמיי פון נקמה־נעמער איז פון חודש צו חודש געוואַקסן. בלויז אין דער געגנט, וו איך האָב זיך געפונען, זענען געווען 138 פּאַר־טיזאַנער־אָפּטיילן מיט העכער 30 טויזנט פּאַרטיזאַנער. בראש פון דער דאָזיקער אַרמיי איז געשטאַנען דער העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, גענעראַל „פלאַטאָן" (וואַסילי טשערנישאָוו). די דאָזיקע אַרמיי האָט באַוויזן אַנצוואַרפן אַ טויט־פּחד אויף דער אָקופּאַנטישער מאַכט, וועלכע האָט אויף טריט און שריט זיך געטראָפן מיט דער פּאַר־טיזאַנישער נקמה.

און נאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן אונדזערע אייגענע פאַרלוסטן. נישט ווייניק זענען זיי געווען. בלויז אין מינסק זענען ביי 80 טויזנט יידן דערמאָרדעט געוואָרן. פרייד מיט טרויער מישן זיך צוזאַמען.

דער אָרקעסטער שפּילט דעם אינטערנאַציאָנאַל. עס שטאַרקט זיך די האָפענונג, אַז מער קיינמאָל וועט שוין נישט זיין קיין פאַ־שיזם. עס איז אָנגעקומען דער אָוונט און מיר האָבן זיך נאָך אַלץ נישט געקענט צעשיידן מיט דער פריידיקער מאַסע קאַמפס־חברים. אַ סך פון אונדז זענען געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז זיי זענען גע־בליבן נעכטיקן אויף דעם היפּאָדראָם.

אויף צומאָרגנס פרי האָבן מיר אָנגעהויבן דעם צוריקמאַרש צו אונדזערע פּאַרטיזאַנישע איינהייטן. אין די דערפער האָבן פּויע־רים אונדז אויפגענומען מיט גרויס פריינטשאַפט. מיר האָבן אויף די וועגן באַגעגנט גרויסע מאַסן, וואָס האָבן זיך תיכף איינגעגלי־



אַזוי האָט אויסגעזען די באַפרייטע, אָבער פולשטענדיק־חרובע שטאָט מינסק.

דערט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און צוזאַמען מיט איר פאַרגעזעצט דעם אָנגריף קעגן די היטלעריסטן.

10 טעג זענען מיר נאָך פאַרבליבן אין אונדזער אָפּטייל, כדי צו פאַרהאַלטן די רעשטן צעשלאָגענע דייטשע גרופּן. מ׳האָט זיי אַלע צוזאַמענגענומען און אָפּגעשיקט אין טיפן הינטערלאַנד.

פאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן די וועלדער, די עדות פון דעם העלדישן געראַנגל מיטן שונא. אַ טייל פאַרטיזאַנער זענען תיכף אַוועק אין דער רויטער אַרמיי. אנדערע זענען צוריקגעשיקט געוואָרן אין זייערע פריערדיקע וווין־ערטער, ווו זיי האָבן פאַרנו־מען אָנפירנדע פּאָסטנס אין מלוכהשע און ווירטשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס.

אַ גרופּע פאַרטיזאַנער האָט געדאַרפט גיין קיין מינסק. דער גרעסטער טייל זענען געווען יידן. ערגעץ־ווו האָט נאָך געטליעט אַ האָפענונג, אַז אפשר וועט מען דאָרט טרעפן עמעצן, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן און אָפּראַטעווען זיך. און אפשר וועלן עס זיין אונדזערע אייגענע ?

די אַמאָליקע רוישיקע, דינאַמישע הויפּטשטאָט פון ווייסרוס־לאַנד איז געווען אָפּגעמעקט. וואָס טיפער מיר זענען אַריין אין דער שטאָט, אַלץ מער האָבן מיר דערזען אויסגעברענטע הייזער. דאָס איז נאָך אָבער אַלץ נישט געווען דער סוף. אייניקע טעג נאָך דעם פאַרגעקומענעם פאַראַד האָבן דייטשע עראָפּלאַנען אַראָפּגע־וואָרפן הונדערטער באָמבעס. די ביינאַכטיקע שטילקייט האָט קיין רו נישט געגעבן. ווידער זענען געווען קרבנות, מערסטנס פרויען און קינדער.

מיט ציטער אין האַרצן האָבן מיר זיך דערנענטערט צו דעם געוועזענעם מינסקער געטאָ. מיר האָבן אָנגעטראָפן אַ פאַרפינצ־טערטע, עלנטע פוסטקייט אין די אויסגעליידיקטע הייזער, אָן טירן און פענצטער. וווּ־נישט־ווו האָט מען נאָך געקאָנט טרעפן רעשטן פון קינדער־קליידונג, צעריסענע קישנס, אין וועלכע עס איז נאָך פאַרבליבן אַ ביסל פעדערן.

פון געטאָ

איך האָב דערקענט דאָס הויז אויף טאַנקאָווע גאַס, ווו איך מיט מיין שוועסטער און זונעלע האָבן איבערגעלעבט שרעקלעכע נעכט און פאַרפינצטערטע טעג. מיר האָבן געוואַנדערט איבער די גאַסן פון געטאָ. יעדער פון אונדז האָט געזוכט אַ סימן פון לעבן, אָבער אַרום איז געווען בלויז וויסטעניש.

אין אַ קורצער צייט אַרום זענען מיר צוגעטרעטן צוריק אויפ־צובויען די שטאָט. איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו העלפן ביים אויפשטעלן די אַמאָליקע שוך־פאַבריק אויפן נאָמען פון ערנסט טעלמאַן, וואָס איז געלעגן אין חורבות. מיר האָבן מיט אָנגע־שטרענגטער אַרבעט און מיט דער הילף פון ווייטן הינטערלאַנד דערפירט דערצו, אַז די שוך־פאַבריק האָט שנעל אָנגעהויבן צו אַרבעטן.

מיין אַרבעט אין דער פאַבריק האָט אָנגעהאַלטן ביז דעם 16 יאַנואר 1945. דערנאָך האָב איך זיך עוואַקואירט קיין וואַרשע און לאָשיץ מיט דער האָפענונג, אַז דאָרטן וועל איך געפינען רעשטן פון מיין משפחה־שטאָם.

איך האָב אָבער קיינעם נישט געפונען.



דער מחבר מיט זיין פרוי און קינד אין מינסק. 1941

מיינע קינדער־
און יוגנט־יאָרן

ערשטע קינדער־יאָרן

איך בין געוואָרן אַ יתום, ווען איך בין נאָך געווען אין די ווינדעלעך. איך האָב זיך נישט אויסגעוואָרעמט אויף דער מאַמעס שויס און אויך נישט געזויגן דער מאַמעס ברוסט. איך האָב נישט געזען מיין מאַמעס ליבן שמייכל, ווען איך האָב מיינע ערשטע טריט געשטעלט. איך האָב אויך נישט געזען מיין מאַמעס פרייד, ווען איך האָב אַרויסגעשטאַמלט דאָס ערשטע מאָל מאַמע.

מיין מאַמע האָט געהייסן פערל. איר טאַטע האָט איר אַ נאָמען געגעבן נאָך זיין מאַמען פערל די צדיקות. מען האָט זי אַזוי גערופן, ווייל זי האָט אין דער שטיל, דיסקרעט זיך פאַרנומען מיט אָרעמע קראַנקע.

ווען מיין מאַמע פערל איז אַוועק פון דער לעבעדיקער וועלט, בין איך נאָך געווען אַ קליין קינד און שפּעטער, ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, האָבן מיר מיינע עלטערע שוועסטער דערציילט, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן פון אַ לונגן־אָנצינדונג. זי האָט זיך פאַרקילט עטלעכע וואָכן פאַר פסח, ווען זי איז געגאַנגען צום טייך וואַשן האַנטיכער צום כשרן יום־טוב פסח. אַלע רפואות, וואָס דער לאָשיצער פעלטשער נאַטקע האָט פאַרשריבן האָבן נישט געהאָלפן.

מיר זענען פאַרבליבן זעקס יתומים. דריי גאָר קליינע און דריי שוין אונטערגעוואַקסענע. עס זענען אויך פאַרבליבן דער מאַמעס צוויי שוועסטער — שרה, רבקה און ליבע. די שכנות האָבן

געזאָגט, אַז די מאַמע מיט די צוויי שוועסטער זענען געווען ענלעך צו זיך ווי דריי טראָפּנס וואַסער פון זעלבן טייך. איך געדענק נאָך ווי דער מאַמעס שוועסטער ליבע פלעגט קומען צו אונדז אין שטוב און אונדז צערטלען, וואַרעמען מיט אַ מאַמישער ליב־שאַפט. ווען איינס פון די קינדער האָט ווי געטאָן דאָס בייכעלע, האָט די מומע ליבע צוגעלייגט וואַרעמע שטערצלעך און ס'איז באַלד בעסער געוואָרן. האָט אַ קינד אָנגעהויבן הוסטן, האָט די מומע ליבע גלייך געפונען אַ מיטל צו שטילן דעם הוסט. זי האָט דערביי געגעבן אַ מאַמישן קרעכץ.

אַלץ איז געווען אויף איר קאָפּ. האָט זיך ביי אַ קינד צעריסן אַ פּאָר הייזעלעך אָדער אַ יאַקעלע האָט דער מומעס אויג עס גלייך דערזען און זי איז געלאָפן צום שניידער. מיט מאַמישער פרייד האָט זי אונדז אָנגעטאָן די נייע מלבושימלעך און דערביי אָנגעזאָגט נישט צו קריכן אויף די פּאַרקאַנעס און אין די בלאָטעס, ווייל דער טאַטע איז נישט קיין גרויסער פאַרדינער צו קאָנען אָפט מאַכן נייע הויזלעך און יאַקעלעך. אַזוי האָט זיך די מומע ליבע איינגעקריצט ביי אונדז קינדער אין זכרון ווי אַן אמתע, געטרייע מאַמע.

ווען איך בין שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור, בין איך פון צייט צו צייט געפאָרן צו דער מומען ליבע צו גאַסט, אין שטעטל סלאַוואַטיטש. ווי נאָר זי האָט מיך דערזען האָבן אירע אויגן אויפגעלויכטן פון פרייד. זי האָט נישט געוווּסט מיט וואָס פריער מיך צו מהנה זיין. אַז זי האָט זיך געפרייט וואָס איך בין אַזוי שיין אויסגעוואַקסן, האָט זי צוגעגעבן: „זאָלסט נאָר זיין אַ גוטער ייד און גלויבן אין בורא עולם”.

אויך דעם טאַטנס השגחה האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון. דער טאַטע נאַטע לוי איז געווען אַ הייסער חסיד פון גערער רבין און אויך אַ בכבודיקער אָרעמאַן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט פאַר קיינעם. ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל וויסן,

אַז עס פעלט אים איבערצולעבן דעם טאָג. פאַר נאָענטע פריינד האָט ער זיך פאַרטרויט, אַז אויב די חשגחה של מעלה האָט אַזוי באַשטימט און אים באַשטראָפט פאַר פרעמדע זינד, דאַרף אַזוי זיין. דערפאַר האָט דער טאַטע געהאַט די זכיה צו זיין דער איי־דעם פון יויזעף דעם שוחט, וואָס האָט געהערט צו די ערלעכסטע יידן פון שטעטל.

דער זיידע יויזעף דער שוחט, איז געווען אַ הויכער מיט אַ הדרת־פנים און אַ לאַנגער פאַטריאַרכאַלישער באָרד. זיינע אויגן זענען געווען פול מיט גוטסקייט. קיין באַרעדעוודיקער איז ער נישט געווען. ער האָט אַרויסגערופן צו זיך דרך ארץ. ווען מען איז געקומען צו אים און דערציילט, אַז אַ ייד מיט קינדער איז אין אַ שווערער לאַגע, איז ער געווען דער ערשטער צו געבן אַ נדבה. אָפטמאָל האָט ער אַליין גענומען די איניציאַטיוו צו שאַפן אַ ביסל געלט פאַר אַ געפאַלענעם ייד. אין די שפעטערדיקע יאָרן האָבן מיר די לאָשיצער קצבים דערציילט, אַז ווען דער זיידע האָט געדאַרפט אין שעכט־הויז שעכטן אַ בהמה, האָט ער פריער פאַר־מאַכט די אויגן און געמאַכט אַ ברכה און מען האָט אין זיינע אויגן געזען, אַז ער בעט גאָט, אַז די בהמה זאָל נאָך דער שחיטה אַרויסקומען אַ כשרה. דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז ביים זיידן איז געווען ווייניקער טריפות ווי ביי אַנדערע שוחטים. די קצבים האָבן אים ליב געהאַט פאַר זיין גוטסקייט.

ווען דער זיידע האָט אָנגעהויבן עלטער ווערן און די אויגן זענען ביי אים שוואַכער געוואָרן, האָט ער איבערגעגעבן די שחיטה דעם זון פיניע און צו אים אַזוי געזאָגט: „טייערער זון, צוליב דעם וואָס מיינע אויגן זענען שוואַך געוואָרן וויל איך נישט גורם זיין, אַז די געשאָכטענע בהמות זאָלן טריף ווערן, ווייל דאָס וואָלט געבראַכט אַ גרויסן שאָדן די אָרעמע קצבים און די לאָשיצער יידן וואָלטן געבליבן אָן פלייש אויף שבת און יום־טוב. איך גיב דיר איבער די שחיטה און בעט דיך זאָלסט נישט צופיל שטרענג זיין

ביי דער בדיקה פון אַ בהמה. די קצבים זענען דאָך אָרעמע יידן מיט קינדער, זיי דאַרפן פרנסה".

דער זון האָט אָפּגעהיטן דעם זיידנס צוואה נאָך ביי זיין לעבן.

נאָכדעם ווי דער זיידע האָט פאַרלאָזט די שחיטה, האָבן זיינע פריינד און די חסידים פון פאַרצעווער רבין געוואָלט ער זאָל ווערן אַ דיין און שפּעטער האָבן זיי אים פאַרגעלייגט צו ווערן דער פאַרטרעטער פון דעם לאָשיצער רב. צו יענער צייט איז אין זיידנס הויז אַריינגענומען געוואָרן דאָס שטיבל פון די פאַר־צעווער חסידים, וועלכע פלעגן קומען שבת און אין די יום־טובים דאַווענען צוזאַמען מיטן זיידן. ווען ס'איז אויסגעפאַלן ראש חודש, האָט דער זיידע צוגעגרייט אַ קידוש, וואָס ער האָט באַגלייט מיט פּסוקים פון דער תורה און מיט זיין אייגענער פאַרטייטשונג וועגן דער געטלעכקייט.

דער זיידע האָט אויך געוואָלט האָבן די השגחה איבערן יונגן דור אין לאָשיץ. ער האָט צוזאַמענגענומען בחורים, אַריינגענומען זיי אין זיין שטיבל און געוואָרן זייער גייסטיקער פירער. יעדן אָוונט האָט ער געלערנט מיט זיי תורה און איינגעפלאַנצט אין זייערע הערצער די הייליקע געבאָטן, וואָס זאָלן זיי נישט לאָזן גיין אויף שלעכטע וועגן.

עס געדענקט זיך מיר, אַז ווען איך בין געווען אַ חדר־ייִנגל, איז דער זיידע שוין געווען אין שטאָט אַן אָנגעזעענער דיין. איך בין אָפט געקומען צום זיידן צו גאַסט און פלעג זען ווי מען קומט צו אים אויף אַ דין־תורה. די צעקריגטע צדדים האָבן זיך פריער אַריינגעזאָגט איינער דעם אַנדערן, אָבער ווי נאָר דער זיידע איז אַריינגעקומען און זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט זיין שמייכ־לענדיקן הדרת־פּנים, איז שטיל געוואָרן. זיי האָבן געגלויבט, אַז דער זיידע וועט אַרויסטראָגן אַן ערלעכן משפט. איידער דער זיידע האָט אויסגעהערט די טענות פון די צעקריגטע צדדים, האָט ער פאַרלאַנגט פון זיי זיי זאָלן געבן תקיעת־כּף, אַז זיי וועלן אויספירן דעם פּסק־דין. דער זיידע האָט געעפנט די ירושהדיקע קליידער־שאַנק און אַרויסגענומען פון דער שבתדיקער קאַפּאָטע

אַ רויטע פּאַטשיילע, וואָס האָט געדינט פּאַר אַן עדות פון שלום און יושר. די צעקריגטע צדדים האָבן אָננעמענדיק די רויטע פּאַטשיילע אָפּגעגעבן דעם תקיעת־כּף. דער זיידע האָט שטענדיק אַזוי געמשפּט, אַז ביידע צדדים זאָלן זיין צופרידן. צום גרעסטן טייל האָט זיך ביים זיידן אַ דין־תורה פאַרענדיקט מיט אַ פּשרה. די צעקריגטע צדדים האָבן זיך נישט געפילט באַעוולט נאָך דער דין־תורה.

איך געדענק ווי אין איינעם אַ שבת בין איך מיט מיין יינגערן ברודערל אַריה און מיין עלטערער שוועסטער חנה אַוועק צום זיידן. ער איז נאָך געשלאָפן נאָכן טשאָלנט. די באָבע שיינע, דעם זיידנס דריטע פרוי האָט דערוויל אונדז געגעבן כּיבוד. זי האָט צעבראָכן אַן אייער־קיכל אויף דריי טיילן, דערלאַנגט זיי אונדז און באַפוילן מיר זאָלן מאַכן אַ ברכה. ווען דער זיידע איז אויפ־געשטאַנען, איז ער אַריין צו אונדז אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע, פון דער קעשענע האָט אַרויסגעשטעקט די סימבאָלישע רויטע פּאַטשיילע. ער האָט געהייסן דער באָבע שיינע אונדז געבן צו עסן. דערוויל האָט ער אָנגעהויבן אונדז צערטלען. אָנשטאָט אונדז צו קושן האָט ער אונדז מיט די ביינערדיקע פינגער געקניפּט אין די בעקלעך און דערביי געפרעגט דעם טייטש פון דער וואָ־כעדיקער סדרה און אויסגעפרעגט וואָס עס הערט זיך אין שטוב, וואָס עס מאַכן די איבעריקע קינדער. מיר זענען פאַרבליבן ביז מוצאי שבת. די חסידים זענען געקומען צו מלווה מלכּה, וואָס איז אָפּגעריכט געוואָרן אונטער דעם זיידנס השגחה. פאַר אונדזער אַוועקגיין האָט דער זיידע אַרויסגענומען פון דער שאַפע אַ בייכיקן, לעדערנעם טייסטער, אַרויסגעצויגן פון אים עטלעכע מטבעות און יעדערן פון אונדז געגעבן אַ מטבע. ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס איז חנוכּה־געלט און אַז אַזאַ געלט איז מזלדיק. ער האָט אונדז אויך געבענטשט און געווונטשן מיר זאָלן זיין פרומע יידן און גרויסע גבירים.

אין יענער צייט איז דער טאַטע אַ געוויסן טאָג צוריקגעקו־

מען פון שעדלעץ און געבראַכט מיט זיך אַ צווייטע פרוי מיט וועלכער ער האָט געשטעלט אַ שטילע חופּה. פאַר אונדז קינדער איז דאָס געווען אַן אומגעריכטע נייעס. מיר האָבן אַזוי אַרום באַקומען אַ צווייטע מאַמע און זי איז טאַקע געווען אַן אמתע מאַמע, פאַרנומען זיך מיט די קינדער מיט גרויס זאָרג. מיר האָבן זי גערופן די מאַמע רבקה, וואָס האָט דערמאָנט איינע פון די פיר מאַמעס פון תנ״ך — שרה, רבקה, רחל, לאה.

דער טאַטע האָט זיך שטענדיק באַראַטן מיט דער מאַמען רבקה אין אַלע ענינים פון פרנסה, ער האָט זיך צוגעהערט צו אַלע אירע עצות. דעם טאַטנס גליק האָט לאַנג נישט געדויערט. די מאַמע רבקה האָט אָנגעהויבן קרענקען און קראַנקערהייט האָט זי געבוירן דאָס טעכטערל שרהלע. די קראַנקייט האָט רואינירט דעם טאַטנס אייזן־געשעפט. מיר זענען צום צווייטן מאָל געבליבן יתומים. די מאַמע רבקה איז אין גיכן אַוועק אין דער אייביקייט. ס׳זענען געקומען שווערע צייטן פון נויט און הונגער. דער טאַטע האָט זיך געכאַפּט צו לופט־געשעפטן, וואָס האָבן זיך צום גרעסטן טייל פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל. דער עול פון דער שטוב און אויך פון פרנסה איז געפאַלן אויף די עלטערע שוועסטער.

איך געדענק, אַז ווען איך בין אַריינגעטרעטן אין עלטער פון צוועלפטן יאָר, זענען מיינע צוויי שוועסטער אויפגעשטאַנען זומער ווי נאָר די זון האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן. זיי האָבן זיך באַוועגט שטיל נישט אויפצוּוועקן די קינדער. זיי זענען יעדן פרי־מאָרגן אַוועק מיט ליידיקע קאַנען אין דאָרף זאַקכע, נישט ווייט פון דער שטאָט און צוזאַמענגענומען ביי די פויערים די מילך. אַהיימקומענדיק האָבן זיי פון די פולע קאַנען פונאַנדערגעגאָסן די מילך אין ערדענע טעפּ און זיי אַריינגעשטעלט אין קעלער אויף אייניקע טעג. נאָך עטלעכע טעג האָט מען אַראָפּגענומען די סמע־טענע, וואָס מ׳האָט אַריינגעגאָסן אין הילצערנע שלאַג־פּעסלעך און מיט דער האַנט האָט מען אויסגעשלאָגן פּוטער פון איבעריקן טייל איינגעשטאַנענעם מילך האָט מען געמאַכט שיטערן קעז.

אין די וועלדער

איך און מיין ייִנגערער ברודער אַריה זענען געוואָרן די מיטהעלפער אין דער פּרנסה. מיר האָבן פונאַנדערגעטראָגן די פּראָדוקטן אין די רייכע יידישע הייזער, ווו מ׳האָט אויס רחמנות צו די יתומים געקויפט די מילך־פּראָדוקטן. ס׳האָט אונדז אויך אַרויסגעהאָלפן ביים פאַרקויפן דאָס, וואָס מיר זענען געווען יויזעפ דעם שוחטס אייניקלעך. זיי האָבן געהאַט צוטרוי, אַז די פּראָדוקטן זענען כשרע.

די פּרנסה מיט מילכוואַרג האָט אָנגעהאַלטן צוויי זומערן מיט אַ ווינטער. מיר האָבן געקאָנט עסן צו דער זעט ברויט און קאַרטאָפל, דאָס איז געווען אַ יום־טוב אין דער וואָכן. דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג ביז מאָדערנע מילכערייען האָבן אָנגעהויבן קאָנקורירן מיט מיינע שוועסטערס אויסאַרבעטונגען. דער פּרנסה־קוואַל האָט זיך אויסגעשעפּט, ס׳האָט זיך צוריק באַוויזן דער דלות.

צו יענער צייט האָט דער טאַטע אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט אַלטע מעטאַלן. ס׳איז געווען אין 1918, נאָכן ערשטן וועלט־קריג. אויף די פעלדער און אין די וועלדער זענען פאַרבליבן אַ סך צעשעדיקטע קריגס־מאַטעריאַלן, אַלטע, צעבראָכענע וועגענער. פאַרשידענע ברוכוואַרגן זענען געווען איינגעזונקען אין די זומפּן. זיי האָבן געוואַרט צו באַקומען אַ תיקון אין די שמעלץ־אויוונס, ווו מען האָט זיי איבערגעשמאָלצן און געמאַכט פון זיי אַקעראייזנס און פאַרשידענע אַנדערע געצייגן. פיל פּויערים און אויך יידן, וואָס זענען אין רעזולטאַט פון קריג געבליבן אָן מיטלען צו לעבן, האָבן זיך גענומען צו אַ נייער פּרנסה. מען איז געגאַנגען צוזאַ־מענגעמען אויף די פעלדער און אין די וועלדער די מעטאַלענע ברוכוואַרגן און דערנאָך האָט מען דאָס געבראַכט צום פאַרקויפן צו די פאַרמיטלערס. דער טאַטע איז געווען איינער פון די פאַר־מיטלערס. ער איז געווען אַ קענער אין דער דאָזיקער בראַנזשע, וואָס איז געקומען בירושה פון זיין טאַטן.

דער מסחר מיטן ברוכוואַרג האָט אָנגעהאַלטן אַ שטיקל צייט

און ביים טאַטן האָט זיך געשאַפן אַן אילוזיע, אַז ער וועט ווערן אַן עושר. ער האָט געוואָלט דאָס פּאַרקויפן דירעקט די אייגנטי־מער פון די גיסעריייען, אָבער ער האָט נישט געהאַט דערויף קיין דערלויבעניש. אַזוי ווי דער טאַטע האָט דאָס אַוועקגעשיקט אויף אַן אומלעגאַלן אופן, איז דאָס גאַנצע אָנגעזאַמלטע ברוכוואַרג רעקווירירט געוואָרן און דער טאַטע האָט נאָך געהאַט אַ פּראָצעס פאַר האַנדלען אומלעגאַל מיט מעטאַל־ברוך. פון פּראָצעס איז דער טאַטע אַרויס אַ באַפרייטער, אָבער אַ גרויסער אָרעמאַן. ער האָט פאַרלוירן אַלע אָנגעזאַמלטע פאַרדינסטן און דערצו נאָך אָנגעבאָרגטע געלטער. די אַלע דורכפאַלן, די פאַרלוירענע אילו־זיעס האָבן געמאַכט דעם טאַטן אַפּאַטיש, ער האָט מער נישט אונטערגענומען קיין איניציאַטיוו און די פריערדיקע פרנסה־קוואַלן האָבן זיך אויסגעשעפּט. עס זענען געקומען פאַרכמורעטע טעג פון נויט אַן שום אויסזיכטן אויף אַ זאַטן מאָרגן.

***

ס'האָט זיך דערנענטערט מיין דרייצן־יעריקער געבורטס־טאָג און דער טאַטע האָט אָנגעהויבן מיך גרייטן צו דעם בר־מצווה יום־טוב. פאַר די רעליגיעזע געבאָטן האָט ער, דער טאַ־טע, מער געזאָרגט ווי וועגן פרנסה. יעדן טאָג האָט ער מיט מיר איינגעחזרט פאַרשידענע פרקים פון משניות. ער האָט מיר שטענ־דיק געזאָגט, אַז ווען איך וועל ווערן דרייצן יאָר, וועל איך זיין אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, אַלע עבירות און מצוות וועלן גיין אויף מיין רעכענונג, איך אַליין וועל פאַראַנטוואָרטלעך זיין פאַר גאָט. צו יענער צייט האָב איך שוין געלערנט אין תלמוד־תורה. פאַרן חדר, ווו איך האָב געלערנט, האָט דער טאַטע שוין נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו צאָלן, פאַר דער תלמוד־תורה האָט מען נישט געדאַרפט צאָלן, זי איז אויסגעהאַלטן געוועזן פון איינצעלנע לאָשיצער גבירים און געווען אונטער דער אָנפירונג

פון דעמאָלט באַוווסטן לאַשיצער רייכן בעל־הבית מרדכי קלמן קאַמינער, דער איידעם פון דעמאָלט באַקאַנטן וואַלד־סוחר זלמן מינץ, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין דער אומגעגנט פון לאַשיץ. דאָס שענסטע הויז אין לאַשיץ איז געווען פאַרנומען פון די מינצעס.

צו דער דינאַסטיע מינץ האָט מען זיך באַצויגן מיט רעספּעקט. ס'איז געווען אַ כבוד פאַר עמעצן פון יונגן דור זיך צו חברן מיט עמעצן פון דער מינץ־משפחה. זיי האָבן זיך אויך באַקאַנט געמאַכט מיט זייערע נדבות אויף ווילטעטיקע צוועקן. געפאַלענע לאַשיצער בעלי־בתים האָבן געבאָרגט אויף געזיכערטע משכנות ביי זיי געלט, ווען זיי האָבן געדאַרפט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, וואָס האָט געהאַלטן ביים „פאַרזעסן ווערן".

אין דער תלמוד־תורה האָט מען געלערנט אונטער דער גייסטיקער השגחה פון דאַמאָלסטיקן באַקאַנטן תורה־קענער, דעם מנהל פון דער תלמוד־תורה מענדל האָפער. ער האָט מיט זיינע דורכדרינגנדיקע אויגן און מיט זיין באַפעלערישן טאָן היפּנאָטיזירט די תלמידים, וואָס האָבן געלערנט דעם שיר פון דער גמרא. במשך פון דער וואָך האָט מען געמוזט זיך אויסלערנען די אָנגעוויזענע בלעטער פון דער גמרא אויף אויסנווייניק. אונטער דער דראָאונג באַשטראָפט צו ווערן זענען אַ טייל פון די תלמידים געבליבן איבער דער גמרא ביז די שפּעטע שעהן אין אָוונט, כדי איינצוחזרן און אויסצולערנען זיך דעם שיר אויף אויסנווייניק.

צו יענער צייט האָט ביי אונדז אין שטוב די נויט זיך אָנגעהויבן גוט איינגעסטיקן. צו שטילן דעם הונגער פון 8 הונגעריקע מאָגנס, האָט מען געקאָכט בלויז טעפּ מיט קאַרטאָפל, ברויט און אַנדערע עסנוואַרגן זענען געווען אַ זעלטענער גאַסט אויפן טיש. דער טאַטע האָט געוואָלט איך זאָל זיך דאָך מיט גרויס פלייסיקייט גרייטן צו דער בר־מצווה און איך זאָל זיך אויך אויסלערנען האַלטן אַ דרשה אויף אויסנווייניק אויפן בר־מצווה יום־

טוב. מיט גרויסע שוועריקייטן איז מיר אָנגעקומען איינצוחזרן די דרשה, וואָס איך האָב געדאַרפט האַלטן אין אַ שבת נאָך שבועות. איך האָב די דרשה געהאַלטן מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש, אין דער אָנוועזנהייט פון די לאָשיצער בעלי־בתים. ס'זענען געקומען אויך דער זיידע יויזעף און דער לאָשיצער גביר מרדכי קלמן קאַמינער. נאָך דער דרשה האָט דער זיידע מיר געגעבן אַ קניפּ אין באַק און מיר געזאָגט, אַז פון היינט אָן ווער איך אַ מענטש פאַר זיך און אויך אַ פרומער ייד אויפן גאַנצן לעבן.

אויפן טאַטנס פאַרזאָרגטן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שטאָל־צער שמייכל. ער האָט מיר איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז איך האָב היינט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז ער איז איצט זיכער דאָס איך וועל זיין אַ גוטער און פרומער ייד ביזן סוף פון מיין לעבן. נאָכדעם האָט זיך דערנענ־טערט צו מיר דעם דערמאָנטער לאָשיצער גביר מרדכי קלמן קאַמינער און מיט זיין גבירישן שמייכל מיך באַוואונדערט וואָס איך האָב אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און גלייכצייטיק באַדויערט וואָס איך בין אַזוי אָרעם אָנגעטאָן. ער האָט צוגערופן דעם טאַטן און אַ זאָג געטאָן צו אים, אַז נאָך אַזאַ שיינער דרשה פון אַברה־מעלען קומט אים אַ פּאָר נייע שיכלעך און אַ קאַפּאָטקעלע. ער האָט באַפעלעריש אָנגעזאָגט דעם טאַטן, אַז חנא דער שניידער און שלמה דער שוסטער זאָלן נעמען מיין מאָס, ער וועט זיך שוין מיט זיי אויסרעכענען. אויך דער מנהל פון דער תלמוד־תורה, מענדל האָפער, וועלכער האָט שטענדיק געקוקט אויף די תלמידים מיט שטרענגע אויגן, איז געווען אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. זיינע אויגן זענען געוואָרן מילדער, אויף זיין פּנים איז געווען אַ שמייכל און ער האָט פאַרזיכערט, אַז מיין גוטע צוגרייטונג צום בר־בצווה וועט מיך פירן אין גאָטס וועגן.

עס זענען אַוועק די יום־טובדיקע טעג. מען איז צוריק אַריין אין וואָכעדיקע זאָרגן פאַרן מאָרגן. דער טאַטע האָט געוואָלט איך זאָל ווייטער פאַרזעצן דאָס לערנען. ווען איך בין אָבער אַריין אין

עלטער פון פופצנטן יאָר האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן דערוועקן אַ ווילן צו ווערן אַ נוצלעכער מענטש, סיי פאַר זיך, סיי פאַר אַנדערע. דער טאַטע האָט מיך אָפּגעגעבן זיך צו לערנען שלאָסעריי ביי יצחק דעם שלאָסער, וואָס איז געווען דעם טאַטנס אַ פאַך־חבר נאָך פון די יוגנט־יאָרן. טראָץ דעם וואָס יצחק איז צו יענער צייט שוין געווען אָנגעשטעקט מיט פרייהייטס־אידייען און איז ביי אונדז אין שטעטל באַקאַנט געווען פאַר אַ מענטש, וואָס האָט פאַר קיינעמען נישט מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן זיינע וועלטלעכע גע־דאַנקען פון וועלכע מיין טאַטע איז ווייט געווען, איז דאָך געווען צווישן זיי אַ געמיינזאַמע שפּראַך ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין פאַרשידענע ענינים. איך געדענק, אַז ווען דער טאַטע האָט מיך אָפּגעגעבן אויף דער לער צו יצחק שלאָסער, האָט ער זיך אויס־געגנומען מיט אים ער זאָל מיר ווייזן ווי אַזוי מען האַלט אַ פּייל אין האַנט, ווייל איך וועל דאַרפן וואָס שנעלער פאַרדינען, ער האָט צוגעגעבן, אַז ער פאַרלאָזט זיך אויף אים, ווייל ער האַלט אים פאַר אַ מענטש, וואָס האָט ליב יושר. ער האָט אים אָבער אָנגעזאָגט, אַז לערנענדיק מיך שלאָסעריי, זאָל ער מיך נישט לער־נען זיינע טריפענע תורות, וואָס זאָלן מיך אָוועקפירן אויף אַפּי־קורסישע וועגן.

יצחק שלאָסער האָט אויסגעהערט דעם טאַטנס פאַרלאַנגען, געשוויגן אַ ווײַלע, אויסגעגלייכט מיט זיינע פאַרשוואַרצטע, ביי־נערדיקע פינגער זיינע לאַנגע וואָנסעס און מיט אַ שטאַמלדיקער שטימע געענטפערט דעם טאַטן, אַז ער דאַרף מיך נישט לערנען די אַלע זאַכן. דאָס לעבן וועט מיך לערנען אויף וועלכן וועג איך דאַרף גיין.

פון אַזאַ ענטפער איז דער טאַטע נישט געווען צופרידן און נאָך אייניקע וואָכן האָט ער מיך אָפּגענומען פון יצחק שלאָסער. במשך פון דער צייט ווען איך האָב זיך געלערנט ביי אים שלאָ־סעריי, האָט דער טאַטע געהאַט איבער מיר אַן אויפזיכט. יעדן שבת, און צייטנווייז אין די וואָכעדיקע טעג, האָב איך געמוזט

לערנען אונטער דעם טאַטנס השגחה די פּרשה פון דער וואָך, אָדער איינחזרן די בלעטער פון דער גמרא, וואָס כ'האָב געלערנט אין דער תלמוד־תורה.

וואָס ווייטער די צייט איז אַוועק, אַלץ מער האָב איך אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט וועלטלעכע זאַכן. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס איך האָב אָנגעהויבן לייענען יידישע משכילישע ביכער. איך האָב דערזען אַן אַנדערע וועלט. צווישן מיינע ערשטע ביכער איז געווען איינס פון נישט קיין יידישן שרייבער. איך האָב עס געלייענט מיט דורשטיקער נייגיריקייט. דאָס איז געווען וועגן גאָרקיס קינדער־יאָרן, דערנאָך דאָס בוך „מיינע אוניווערסיטעטן". ס'איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע אַנטדעקונג. אַ מענטש האָט געהאַט אַ שווערע יוגנט, פול מיט ליידן, אַליין זיך געלערנט און געזוכט די שולדיקע פאַר זיינע ליידן. מיט זיין קלאָרער, לאַגישער באַלויכטונג האָט גאָרקי באַאיינפלוסט מיין געדאַנקען־גאַנג און געוויזן אַ וועג אין לעבן.

איך הייב אָן אַרבעטן

אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן די לאָשיצער יידן געצויגן זייער חיונה פון זייערע אָרעמע קרעמלעך אין וועלכע איין קונה אויף 5 האָט באַקומען דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט. אַ טייל פון די לאָשיצער יידן זענען געפאָרן אויף ירידים אין די נעבנדיקע שטעטלעך. מ'האָט אויך געצויגן פרנסה פון דעם וואָס איין מאָל אין חודש, אין אַ מיטוואָך, איז פאָרגעקומען אַ יריד אין לאָשיץ גופא. אויף די ירידים איז אויסגעקומען צו פאָרן אין גרויסע פרעסט, זאַווערוכעס, אָדער אין ברענענדיקע היצן, כדי צו פאַרקויפן דאָס ביסל אָרעמע סחורה, וואָס איז באַשטאַנען ביי איינעם פון שטיקלעך זייף, וואַש־סאָדע, ביי אַנדערע, די שוין אַרויפגעאַרבעטע טאַנדייט־שניידער זענען געווען צום פאַרקויפן פויערישע פעלצלעך. שוסטערס האָבן די גאַנצע וואָך געאַרבעט און צוגעגרייט פאַרן יריד שיך און שטיוול. ס'פלעגט טרעפן, אַז מ'האָט זיך אומגעקערט פון יריד נישט האָבנדיק גאָרנישט פאַר־קויפט, אָדער אַ קלייניקייט.

ס'זענען געווען לאָשיצער יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אַזאַ פרנסה צוליב וועלכער מ'האָט זיי גערופן די זעקל־טאַפּערס. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אויפן מאַרק, אָדער אין די טעג, ווען ס'זענען פאָרגעקומען די ירידים, אָפּגעוואַרט די פויערים, געקומענע מיט פערד און וואָגן און אָנגעהויבן טאַפּן וואָס עס געפינט זיך אין די זעקלעך פון די וועגענער. זיי האָבן אָנ־געהויבן פרעגן ביי די פויערים די פרייזן פון די פאַרשידענע

סאָרטן תבואות און געדונגען זיך אַזוי לאַנג ביז די פּויערים זענען איינגעגאַנגען אויף די אָנגעבאָטענע דורך די זעקל־טאָפּערס פּרייזן. די פּויערים האָבן זיך געאײַלט צו פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן, כדי זיי זאָלן קאָנען איינקויפן די נויטיקע זאַכן פאַר זייער שטוב־ווירטשאַפט.

די זעקל־טאָפּערס זענען אויך נישט רייך געוואָרן פון די אויסגעדונגענע דורך זיי פּרייזן. זיי האָבן זייערע מציאות געמוזט פאַרקויפן צו די גרויסע, הורטאָוונע סוחרים, וועלכע האָבן אַליין באַשטימט די פּרייזן פון די תבואות און ס'פלעגט אַפילו טרעפן, אַז די זעקל־טאָפּערס האָבן געמוזט פאַרקויפן זייער אויסגעדונ־גענע סחורה אָן אַ פאַרדינסט.

צו יענער צייט האָבן שוין עקזיסטירט געגריוועטע שוסטער פון האַלב מעכאַנישע שיך־אויסאַרבעטונגען. דער גרעסטער טייל פון לאָשיצער אָרעמקייט האָט זיך אויסגעלערנט דאָס שוסטער־פאַך און געאַרבעט אין קליינע וואַרשטאַטלעך פון די ניי־אויפגע־קומענע לאָשיצער פאַבריקאַנטן. דעמאָלט האָבן זיך פּונקט אָר־גאַניזירט די שוסטער־ און שטעפּער־אַרבעטער, זיי האָבן געשאַפן דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די לעדער־אַרבעטער, וואָס זענען געווען אין אַ גרויסער צאָל ביי אונדז אין שטעטל. דער פּראָ־פעסיאָנעלער פאַראיין האָט באַקומען אַ גרויסן אָנזען אויך אין די אָרומיקע שטעטלעך, ווו עס האָבן זיך געפירט לאַנג־וואָכע־דיקע שטרייקן ביז די פאַבריקאַנטן זענען מיד געוואָרן און האָבן געמוזט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. עס איז שוין אויך דעמאָלט געווען ביים פאַראיין אַ יוגנט־סעקציע, וואָס האָט געפירט אַ קולטור־און אויפקלערערישע אַרבעט צווישן דער אַר־בעטער־יוגנט. אָנגעפירט דערמיט האָט אַ יונגער שטעפּער־אַר־בעטער גדליה שרה דבורהס, אַ גוטמוטיקער אינטעליגענטער בחור. דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז אין יונגן, בליענדיקן עלטער איז זיין לעבן איבערגעריסן געוואָרן.

אין די וועלדער

אַזוי ווי נישט ווייניק לאַשיצער יידן האָבן נישט געהאַט קיין באַשטימטע פּרנסה־קוואַלן און האָבן געלעבט פון צופעליקע לופט־געשעפטן, האָבן די אונטערוואַקסנדיקע קינדער זייערע אָנגעהויבן אַליין צו זוכן אַן עקאָנאָמישע פאַרזיכערונג. 18־יעריקע און 17־יעריקע ייִנגלעך און מיידלעך האָבן זיך אָנגעהויבן לערנען שניי־דעריי, שוסטעריי, שטעפּעריי. אויסלערנען זיך אַ פאַך האָט באַדייט פאַרזיכערן זיך אַ מאַטעריעלע צוקונפט. די עלטערן האָבן אָבער נישט געזען אין דעם קיין תּכלית, זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט אַז זייערע קינדער זאָלן זיך לערנען צו ווערן שניידער, שוסטער, שטעפּער, ס'איז פאַר זיי פּשוט געווען אַ חרפּה, אַ שניידער, אַ שוסטער איז געווען אַ פלעק אין דער משפּחה. נישט קוקנדיק אויף דעם ווידערשטאַנד פון די עלטערן האָבן אַ סך אַזעלכע יונגע מיידלעך און בחורים זיך אַריינגעריסן אין די פאַכן פון שניי־דעריי און שוסטעריי. אָבער די איינגעשפּאַרטקייט פון די באַלע־באַטיש־רעליגיעזע עלטערן איז געווען אַזאַ, אַז זיי האָבן בשום אופן נישט דערלאָזט, אַז זייערע קינדער זאָלן ווערן שניידער אָדער שוסטער. די דאָזיקע יוגנטלעכע זענען געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל און פאָרן קיין וואַרשע, 120 קילאָמע־טער פון זייער היים. צו יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אין וואַר־שע צו אַנטוויקלען דאָס שטריקער־פאַך, וואָס איז געלעגן אויס־שליסלעך אין יידישע הענט. בכלל האָבן דעמאָלט יידישע יוגנט־לעכע פון די קליינע שטעטלעך געלאָזט זיך קיין וואַרשע זיך אויסצולערנען דאָס שטריקער־פאַך. זיי האָבן אויסגעפילט די קליי־נע שטריקער־פאַבריקלעך, וואָס האָבן זיך צום גרעסטן טייל געפו־נען אין קעלערס אָדער אויף בוידעם־שטיבלעך. אין די פירקאַנ־טיקע הייפעלעך פונעם יידישן האַרעפּאַשנעם וואַרשע האָט מען געהערט דעם גערויש פון די קלאַפּעדיקע מאַשינדלעך.

***

ביי אונדז אין דער היים איז דער דלות געוואַקסן מיטן אונטערוואַקסן פון די קינדער, דער הונגער איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין שטוב, מען איז אַ סך מאָל געבליבן אין די בעטן ביזן גרויסן טאָג, כדי צו פאַרשלאָפן דעם הונגער. מען האָט געוואַרט, אַז דער טאַטע זאָל קומען פון בית־המדרש, ווו ער האָט געבעטן דעם רבונו של עולם ער זאָל אים העלפן לינדערן די ליידן פון זיינע קינדער. טיילמאָל האָט ער אָפּגעוואַרט עמעצן פון זיינע חסידישע פריינד, געבעטן ביי אים אַ גמילת־חסד און אַהיים געקומען מיט אַ שמייכל אויפן פנים. ער האָט דעמאָלט באַפוילן די יינגלעך זאָלן וואָס גיכער אַרויס פון די בעטן, אָפּדאַווענען און דער עלטסטער שוועסטער האָט ער געגעבן עטלעכע מטבעות זי זאָל אַראָפּגיין קויפן עסן פאַר די פאַרשמאַכטע, אויסגעבלייכטע קינדער.

דער טאַטע האָט אויך געהאַט אַנדערע זאָרגן. די צוויי עלטערע שוועסטער זענען אונטערגעוואַקסן, זיי האָבן שוין געהייסן כלה־מיידלעך, מ'האָט זיי געדאַרפט חתונה מאַכן. די איבעריקע קינדער האָבן אַליין געמוזט זאָרגן וועגן אַ תכלית. דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז איך בין אין דעם פרט געווען דער פּיאָניער אין דער משפחה, איך האָב זיך דער ערשטער אַרויסגעריסן פון שטוב און אַוועק אין דער וועלט זיך לערנען אַ פאַך. איך האָב צוגעטראַכט אַ פּלאַן צו פאָרן קיין וואַרשע.

זומער 1922 בין איך אַריין אין מיין 16־יעריקן עלטער. אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט ביי וועמען צו לייען געלט אויף אַ באַן־בילעט, בין איך געגאַנגען צו איינעם פון די לאָשיצער בעלי־עגלות, וואָס האָבן יעדן מאָנטיק פאַרנאַכט אָנגעהויבן מיט פערד און וואָגן זייער מאַרשרוט קיין וואַרשע. די רייזע האָט געדויערט צוויי נעכט און אַ טאָג. קיין וואַרשע האָבן זיי געפירט עסנוואַרג און צוריק האָבן זיי געפירט סחורות פאַר די האַלב־

ליידיקע קרעמלעך פון די לאָשיצער קרעמער. צווישן די פּראָ־דוקטן, וואָס מ׳האָט געפירט קיין וואַרשע זענען געווען צוממיינסטן אייער.

דער פורמאַן יודל שולץ האָט אַמאָל, ווען מיין טאַטע איז נאָך געווען אַן אָנגעזעענער אייזן־קרעמער אין לאָשיץ, געפירט זיינע אייזנוואַרג־סחורות פון וואַרשע קיין לאָשיץ און אַזוי אַרום האָבן זיי זיך באַפריינדעם. ער איז געווען אַ גוטמוטיקער מענטש, האָט זיך קיינמאָל נישט געבייזערט, ווי ס׳האָבן דאָס געטאָן די אַנדערע בעלי־עגלות. ווען איך בין צוגעקומען צו אים, האָב איך זיך פאַרטרויט פאַר אים און דערציילט, אַז די שלעכטע סיטואַציע אין שטוב צווינגט מיך צו פאָרן קיין וואַרשע, כדי זיך אויסצו־לערנען דאָס שטריקער־פאַך און צו העלפן דערנאָך די שוועסטער און ברידער צו פאָרן זיך אויסלערנען דאָס זעלבע פאַך. יודל שולץ האָט געקוקט אויף מיר מיט רחמנותדיקע אויגן און מיר געענטפערט, אַז אויב דער טאַטע קאָן אונדז נישט פאַרזאָרגן דאַרפן מיר אַליין זאָרגן פאַר זיך. ער האָט צוגעגעבן, אַז מיט לערנען אַ בלאַט גמרא קאָן מען נישט אָנפילן דעם מאָגן. „אין קמח אין תורה״ — האָט ער צום סוף געזאָגט.

ער האָט מיר געהייסן קומען מאָנטיק פאַרנאַכט און מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיך מיטנעמען אויף זיין וואָגן. דעם טאַטן האָב איך דערוועגן נישט דערציילט, בלויז די עלטסטע שוועסטער האָט געוווסט וועגן מיין צוגעגרייטער רייזע קיין וואַרשע. איך בין געקומען צו דער אָפּגערעדטער צייט און זיך אַריינגעזעצט צווישן די קעסטלעך אייער. איך בין געווען צווישן זיי אַריינגעקוועטשט, אַז איך האָב געפילט ווי זיי דריקן מיר די פּלייצעס. די פרייד וואָס מיין פּלאַן האָט זיך איינגעגעבן האָט מיר געמאַכט לייכטער די קלעפּ, וואָס איך האָב באַקומען פון די קעסטלעך. די נאַכט האָב איך דורכגעמאַכט אין שלאָפלאָזיקייט. די לבנה האָט באַ־

לויכטן דעם וועג און איך האָב געטראַכט ווי אַזוי מיר וועלן אַריינ־פאָרן קיין וואַרשע און ווו ס׳וועט זיין מיין ערשטער אַריינגאַנג. די געדאַנקען זענען געלאָפן אין קאָפּ און ס׳האָט זיך געשטאַרקט דאָס געפיל, אַז איך וועל ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש.

די אויסגעדאַרטע פערדלעך האָבן געשלעפּט דעם וואָגן מיטן אויסגעטראָטענעם וועג, וואָס זיי האָבן געקענט פון לאַנגע יאָרן. מ׳האָט זיי נישט געדאַרפט האַלטן ביי די לייצעס. יודל שולץ איז זיך רואיק געזעסן אויפן בעל־עגלישן געזעס און געכאַפּט אַ געשמאַקן, שנאָרכעדיקן שלאָף. מיטן אָנקומען פון ערשטן פריי־מאָרגן־שיין האָבן זיך די צוויי פערדלעך אָפּגעשטעלט. ס׳איז געווען נישט ווייט פון דער שטאָט שעדלעץ, נישט ווייט פון הויפּט־וועג, וואָס האָט געפירט קיין וואַרשע. יודל דער בעל־עגלה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט זיינע פערד. ער האָט אָנגעהאָנגען אויף די פערדישע קעפּ פולע טאָר־בעס מיט האָבער, וואָס זיי האָבן אויסגעליידיקט מיט גרויס אַפּעטיט און דערנאָך פאַרטרונקען מיט עטלעכע עמערס וואַסער. נאָכן זאַטיקן מאָלצייט האָבן זיי אויף אַ פערדישן שטייגער מיט אַ הירזשעריי אויסגעדריקט זייער דאַנקבאַרקייט דעם באַלעבאָס. עס איז שוין געווען שפּעטער טאָג, ווען מיר האָבן זיך גענומען גרייטן פאַרצוזעצן דעם וועג קיין וואַרשע. די זון האָט געוואַרעמט מיין אויסגעמאָגערטן קערפּער. די זון־שטראַלן האָבן צוגעגעבן האָפענונג, אַז ס׳וועט זיך אָנהייבן אַ ניי לעבן. די מאָגערע רע־זערוון עסנווארג, וואָס מיין שוועסטער האָט מיר מיטגעגעבן האָבן זיך אויסגעלאָזט. פאַרן אַרויספאָרן פון שטעטל בין איך אויך גע־ווען הונגעריק. ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: כ׳האָב שטיל און פאַרזיכטיק, כדי יודל זאָל זיך נישט אויפכאַפּן פון זיין געשמאַקן שלאָף, אָנגעהויבן אָפּברעכן אַ ברעטל פון איינעם פון די קעסט־לעך אייער. כ׳האָב אַרויסגענומען עטלעכע אייער און זיי אויס־געטרונקען רויערהייט. איך האָב דערפילט דעם זעלבן טעם, ווי

די יידן האָבן געפּילט, ווען זיי האָבן געגעסן מן אין דעם מדבר נאָכן אַרויסגיין פון מצרים.

די פערד האָבן פאַרגעזעצט דעם וועג אויף אַ ברייטן שאָסיי. פון ביידע זייטן שאָסיי זענען געווען רחבותדיקע פעלדער, ער־טערוויז זענען געווען צייטיקע תבואות מיט פולע זאַנגען. אַזוי האָבן מיר דורכגעשפּאַנט פויערשע געגנטן, דערפער און שטעט־לעך. ווען ס'האָט אָנגעהויבן צופאַלן די צווייטע נאַכט האָבן זיך די פערדלעך אָפּגעשטעלט צו דער פאַרנאַכטיקער סעודה. ווען דער בעל־עגלה האָט זיי געגעבן צו עסן, האָט ער אַן אויסגערוטער פון זיין כסדרדיקן דרימלען, מיט אַ שמייכל גערעדט צו זיי, ווי ער וואָלט אַרויסגערעדט פון אַ בית־מדרש סידור: „מיינע גאָלדענע פּרנסה־געבערס, שוין מער ווי אַ צענדליק יאָר ווי איר דינט מיר געטריי, אין שנייען און אין רעגנס, אין היצן און אין קעלטן, איר זענט די טרייסט פון מיין לעבן, אויב גאָט האָט געוואָלט איך זאָל מיך מיט אייך עלטערן, געניסט אויך פון גאָטס־גאָב". ער האָט זיי אָנגעטאָן די טאָרבעס מיט האָבער אויף די העלדזער און ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן מיט די קעפּ געדאַנקט זייער בעל־הבית, אי פאַר די ווערטער, אי פאַרן האָבער.

ווי גיך די פערד האָבן פאַרענדיקט דאָס עסן, האָט יודל דער בעל־עגלה גענומען די בייטש אין האַנט און גענומען טרייבן די פערד מ'זאָל וואָס שנעלער אַריינקומען קיין וואַרשע. מיר זענען אָנגעקומען אין די מאָרגן־שעהן און אַריינגעפאָרן אין גרויסן הויף אויף באָניפראַטן־גאַס 17, ווו עס האָט זיך געטומלט מיט אָנקו־מענדיקע בעלי־עגלות פון די מזרחדיקע געגנטן פון פוילן. זיי האָבן געזאָרגט, אַז וואַרשע זאָל נישט הונגערן, האָבן אויף זייערע ברייט־בייכיקע וועגענער געבראַכט פאַרשידענע פּראָדוקטן און אויך הינער, קאַטשקעס. אויפן הויף האָבן זיי שוין אָפּגעוואַרט הענדלער. די געשרייען פון די הענדלער, וואָס האָבן געוואָלט אָפּדינגען פון די פרייזן, האָבן זיך אויסגעמישט מיט די געשרייען פון די הינער און קאַטשקעס.

**
*

איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון דעם רוישעדיקן „זאַיאַזד״ מיט מיין רייזע־זעקעלע און אָנגעהויבן בלאָנדזשען איבער די וואַרשעווער טומלדיקע גאַסן, ווו עס זענען דורכגעלאָפן טראַמ־ווייען, געפאָרן דראָזשקעס. ס'איז געווען פאַר מיר אַ ניי אַנט־דעקטע וועלט. איך האָב אָנגעהויבן פרעגן ביי די פאַרבייגייענ־דיקע, פאַריאַכמעטע מענער און פרויען ווו עס געפינט זיך די דזשעלנע גאַס. זיי האָבן נישט קיין צייט צו ענטפערן, לויפן ווייטער.

איך האָב זיך לאַנג געדרייט אויף די אומבאַקאַנטע גאַסן ביז איך האָב זיך דערפרעגט און געטראָפן צום פעטער שמולאַק אויף דזשעלנע 17. דער פעטער איז געווען דעם טאַטנס יינגסטער ברודער, אַ האָרעפּאַשנער פאָלקס־מענטש און געבענטשט איז ער געווען צו זיין אַ פאָטער פון 6 קינדער און צו האָבן אַ גוטע נשמה. מיין אָנקומען אומגעריכטערהייט איז געווען אַ סענסאַציע. איך בין אויפגענומען געוואָרן מיט רחמנות־געפילן, איך האָב ביי דער משפחה דערפילט דעם טעם צו זיין זאַט. כ'האָב זיך עטליכע טעג אויסגערוט און אָנגעזעטיקט און אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי צו רעאַליזירן מיין טרוים. איך בין אַוועק צו די שטעטלדיקע יוגנט־לעכע, וואָס האָבן זיך שוין געפונען פון אַ לענגערער צייט אין וואַרשע, אַ סך פון זיי זענען שוין געווען איינגעאָרדנט אויף אַר־בעטס־פלעצער. דער ערשטער, וועלכן כ'האָב אָפּגעפונען איז גע־ווען באַטשעלע קויפמאַן, דער זון פון וועלוול קריינדלס, וועלכער האָט געלעבט פון לופט־פּרנסות. באַטשעלע איז שוין געווען אַ לייטישער פאַרדינער און אונטערגעשטיצט זיינע פּרנסהלאָזע על־טערן. אים איז באַקאַנט געווען, ווו עס געפינען זיך די שטריי־קער־פאַבריקלעך, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געמערט פון טאָג צו טאָג. ער האָט מיר געראָטן אַריינצוגיין אין איינס אַזאַ פאַבריקל און זיך אָנדינגען פאַר אַ לערן־יינגל. איך בין אַוועק אויפן ערשטן אַדרעס אויף פראַנציסקאַנער 21 צום שטריקער בעל־הבית משה

ריימאַן, אַ יונגער מענטש מיט אַ שטרענגן בליק. כ'האָב דאָרט אויך געטראָפן זיין יונגע פרוי מיט שוואַרץ־חנעוודיקע אויגן. איך האָב דערהערט דאָס פּישטשן פון אַ קינד, וואָס איז געווען אין צווייטן צימער. איך בין געווען אַ שעמעוודיקער, נישט קיין דרייס־טער. ווען כ'האָב זיך אָנגעבאָטן צו פאַרדינגען פאַר אַ לערן־ייִנגל האָבן זיי געקוקט אויף מיר מיט רחמנות, באַטראַכטנדיק מיין אָרעמע קליידונג און דאָס אויסגעבלייכט פּנים. זיי האָבן מיר געהייסן צוואַרטן און זענען אַריין אין צווייטן צימער זיך באַראַטן. משה ריימאַן איז באַלד צוריקגעקומען און מיר געזאָגט, אַז איך קאָן בלייבן, נאָר קיין גרויסע געלטער וועל איך נישט פאַרדינען פון אָנהייב. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין פאַבריקל, פאָרגעשטעלט פאַר די אַרבעטער און זיי געזאָגט, אַז איך וועל זיי אונטערליגן.

כ'האָב זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו דער נייער סביבה. צוגעהאָלפן דערצו האָבן מיר די אַרבעטער, וועלכע האָבן מיך אַרומגערינגלט מיט פריינדשאַפט. זיי האָבן מיך געשיקט איינ־קויפן יעדן אינדערפרי פאַר זיי עסן און אויך מיר געגעבן צו עסן. זיי האָבן מיך אויך געטרייסט, געגעבן האָפענונג, אַז איך וועל אינגיכן ווערן אַ שטריקער. בעת די אַרבעטס־איבעררייסן, ווען די אַרבעטער האָבן געגעסן, פלעג איך זיך צוכאַפּן צו אַ שטריק־מאַשינדל. ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן ליב באַקומען דעם קלאַנג פון דער מאַשין, ווי דעם קלאַנג פון אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט. מאָנאַטן־לאַנג האָב איך אויסגענוצט די צייט, ווען די אַרבעטער האָבן איבערגעריסן די אַרבעט זיך צוצוכאַפּן צו אַ שטריק־מאַשין. איך האָב זיך אָבער אויך נישט אַרומגעדרייט לייַ־דיק, ווען די אַרבעטער זענען געשטאַנען ביי די שטריק־מאַשינען. משה ריימאַן האָט אַכטונג געגעבן איך זאָל האָבן וואָס צו טאָן, ער האָט שטענדיק געפונען פאַר מיר אַ גאַנג צו מאַכן. זיין פרוי פלעגט מיך נאָך אַ נאָר־וואָס צוריקגעקומענער שליחות רופן וויגן דאָס קינד ביז עס איז איינגעשלאָפן. ווען דאָס קינד איז געשלאָפן, האָב איך געדאַרפט שטיין מיט אַ שמאַטע און אָפּטרייבן די פליגן.

פרייטיק, ווען די אַרבעטער האָבן געוואַרט מען זאָל זיי אויסצאָלן דעם לוין, האָב איך געריייניקט די שטריק־מאַשינען. ווען כ׳האָב נאָכן אָפּטאָן די אַרבעט, שוין פאַרן שבת, געבעטן נישט דרייסט דעם בעל־הבית ער זאָל מיר אויסצאָלן פאַר דער וואָך, האָט ער אָנגעהויבן זוכן אין די קעשענעס און מיר צווויסן געגעבן, אַז ער האָט שוין נישט קיין געלט, ער וועט אויסצאָלן דעם קומענדיקן פרייטיק פאַר צוויי וואָכן. אויף דער קומענדיקער וואָך, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אויסגעצאָלט אַלע אַרבעטער, האָט ער מיר געגעבן 10 זלאָטעס און ציניש צוגעגעבן: „דו זעסט, ווען איך וואָלט דיר געגעבן דאָס געלט די פאַרגאַנגענע וואָך, וואָלסטו עס שוין געהאַט אויסגעגעבן. אַז וועסט האָבן אַ גרעסערע סומע וועסטו לייכטער קאָנען אָנזאַמלען אַ ביסל געלט צו קויפן אַ פּאָר שיך, אַ מלבוש. אויף צו קויפן אַ פּאָר שיך האָב איך געדאַרפט דעמאָלט אַרבעטן 6־8 וואָכן, דערצו גאָרנישט אויסגעבן אויף עסן.

נאָך אַ יאָר צייט האָב איך אַ ביסל אויטגעלערנט דאָס שטרי־קער־פאַך, שטריקן און אויך שפולן אויף אַ האַנט־רעדל. צו ווערן אַ קוואַליפיצירטער שטריקער האָט געדאַרפט דויערן לאַנג. פון די פאַרדינסטן אַלס לערן־ייִנגל האָט מען זיך נישט געקאָנט אויס־האַלטן. כ׳האָב געמוזט גיין צו דער משפחה אויף נאַכט־עסן, אויף אַ שבתדיקן מאָלצייט. איך בין אָבער געגאַנגען עסן צו דער משפחה אַלע מאָל זעלטענער. און אויך דעם פערטן, פינפטן טאָג פון דער וואָך האָט זיך אויסגעלאָזט די פענסיע. איך פלעג גיין אויף דער „וואָלוווקע” איינקויפן פאַר ביליק אַלטע ברויטן, וואָס דער מעסער האָט זיי נישט געקאָנט נעמען, און געזאַלצענע הע־רינג. דעם מאָלצייט האָב איך פאַרטרונקען מיט קאַלט וואַסער.

***

צו 17 יאָר בין איך באַאיינפלוסט געוואָרן פון די דעמאָלטיקע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. ס׳איז צו יענער צייט פאָרגעקומען דער אויפרייס אין וואַרשעווער ציטאַדעל, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די צוויי העלדישע רעוואָלוציאָנערן באַגינסקי און

וויעטשאָרקיעוויטש. אַ גרויסער טייל פון דער אַרבעטער־יוגנט איז באַגייסטערט געווען פון זייער רעוואָלוציאָנערן טאַט און אויפ־גערודערט געוואָרן פון זייער טראַגישן טויט בשעת מען האָט זיי געפירט צו דער פויליש־סאָוויעטישער גרענעץ, כדי אויסגעטוישט צו ווערן אויף צוויי פוילישע אָפיצירן. צו יענער צייט איז אויך פאָרגעקומען אַ גרויסער שטרייק אין דער מעטאַל־פאַבריק ליל־פּאָפּ. דאָס אַלץ האָט געווירקט איך זאָל נישט שטיין פון דער זייט.

אין יידישן טעקסטיל־פאַראיין אויף קאַרמעליצקע 15 האָט שוין עקזיסטירט אַ יוגנט־סעקציע, וואָס איז געווען אָנגעפירט פון די באַקאַנטע צו יענער צייט יידישע רעוואָלוציאָנערן אבע פלוג פון די שטריקער, ישראלקע זאַנשיין פון די זאָקן־אַרבעטער און דער רעוואָלוציאָנערער פירער אַהרון קוטנער, וועלכער איז אין די דרייסיקער יאָרן פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגער בערעזאַ און בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך און בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן אין אַ דייטשן לאַגער. אויך זיין פרוי שרה קוטנער האָט זיך באַטייליקט אין דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אַן אָנגעזעענעם אָרט האָט פאַרנומען אין דער אָנפירונג פון טעקסטיל־פאַראיין דער ווייסער אבע. פון צווישן דער יוגנט האָבן זיך פאַרגעדענקט שלומעלע קאָזע, דער שוואַרצער יאַנעק, די קליינע, צאַרטע נאַטקע, וועלכע איז אומגע־קומען אין באַוואָפנטן קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ.

איך בין געוואָרן אַ מיטגליד אין דער יוגנט־סעקציע פון טעקסטיל־פאַראיין, אינגיכן איז אָבער דער פאַראיין פאַרמאַכט גע־וואָרן. אויך אַלע אַנדערע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס זענען געווען אונטערן קאָמוניסטישן איינפלוס, זענען געשלאָסן געוואָרן. נאָכן אויפרייס אין ציטאַדעל זענען פיל פון די פראָפעסיאָנעלע פירער אַרעסטירט געוואָרן. די פראָפעסיאָנעלע אַרבעט איז געפירט געוואָרן אויף דער גאַס, אין דער געגנט פון פשעיאַזד, לעשנע. מיט אַ צייט שפּעטער איז דער יידישער פראָפעסיאָנעלער פאַראיין אַריינגענומען געוואָרן אין פוילישן טעקסטיל־פאַראיין, וואָס איז

געווען אונטערן איינפלוס פון פּ. פּ. ס. מ'האָט אים אָבער אינגיכן באַזייטיקט.

די אַלע געשעענישן האָבן זיך אויסגעווירקט נעגאַטיוו אויף דער פּראָפעסיאָנעלער פאַרמיטלונג צו באַקומען אַרבעט. איך בין שוין געווען אַ קוואַליפיצירטער שפּולער, אָבער געמוזט זוכן אַר־בעט אין די אַנאָנסן פון די צייטונגען. נאָך ראש השנה 1923 האָב איך געזען אין אַ צייטונג אַן אַנאָנס, אַז מען דאַרף האָבן שפּולערס, שטריקערס און בעסערקעס אין דער שטאָט דראָהאָביטש, אין צענ־טער פון דער פּוילישער נאַפט־אינדוסטריע. איך בין אַוועק אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס. דער מענטש, וועלכער האָט מיך אויפגע־נומען, האָט מיך באַטראַכט מיט אַ פאַבריקאַנטישער שטאָלצקייט און געענטפערט, אַז ער דאַרף קוואַליפיצירטע אַרבעטער און נישט קיין לערן־ייִנגלעך. כ'האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך בין אַ קוואַליפיצירטער שפּולער און אַז איך קאָן אים אויך ברענגען אַ גוטע בעסערקע. ער איז איינגעגאַנגען אויף מיין פאָרשלאָג. איך בין אַוועק צו מיין אַמאָליקן תּלמוד־תּורה־חבר משה וויסמאַן, וועלכער האָט געוווינט מיט זיין 14־יעריקער שוועסטער, עדזשאַ, וואָס האָט שוין געמוזט פאַרדינען אויף איר לעבן. מיר האָבן זיך אַלע דריי אומגעקערט צום דראָהאָביטשער פאַבריקאַנט, וועלכער האָט אונדז דאָס מאָל אויפגענומען מיט מער רעספּעקט און אונדז פאַרגעלייגט די באַדינגונגען צו פאָרן אַרבעטן קיין דראָהאָביטש. פאַר מיר און דער 14־יעריקער עדזשאַ איז דאָס געווען אַ גרויס געשעעניש, צום ערשטן מאָל האָבן מיר געקאָנט מאַכן אַזאַ לאַנגע רייזע, מיר האָבן אויך געהאָפט אַז דאָרט וועלן מיר ווערן גוט קוואַליפיצירטע אַרבעטער און בעסער פאַרדינען. מיר האָבן געקוקט דורכן פענצטער פון לויפנדיקן צוג אויף די גרינע פעלדער, אויף די דערפער און שטעטלעך, וואָס זענען פאַרשוווּנדן הינטער אונדז.

מיר זענען געפאָרן אַ נאַכט און אַ טאָג ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין דראָהאָביטש. אָנצוהייבן אַרבעטן האָט מען געדאַרפט

אין די וועלדער

איבערוואַרטן ביז איבער סוכות. דערווייל האָט מען זיך צווישן די דראָהאָביטשער אַרבעטער דערוווסט, אַז עס זענען געקומען עטלעכע שסריקער, שפּולער און בעסערס פֿון דער פֿרעמד. עס האָבן אָנגעהויבן קומען אַרבעטער אין אונדזער ציטווייליקער וווינונג און צווישן זיי דער יידישער אַרבעטער־פֿירער שוואַרץ און דער שטריקער־אַרבעטער פֿון דער זעלבער טעקסטיל־פֿאַבריק שמעון יאָזעפּסבערג.

פֿון זיי אַלע האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז די אַרבעטער פֿון דער פֿאַבריק, וווּ מיר דאַרפֿן אַרבעטן, זענען אין שטרייק. פֿאַר אונדז איז דאָס געווען אַ גרויסע איבערלעבעניש ,וואָס מיר זענען אַהער געבראַכט געוואָרן צו ווערן שטרייק־ברעכער. אין לעצטן טאָג יום־טוב איז גערופֿן געוואָרן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די שטרייקנדיקע צוזאַמען מיט די ניי־געבראַכטע אַרבעטער. ס׳זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פֿאַרשידענע מיינונגען ווי אַזוי ווייטער צו פֿירן דעם שטרייק און וועגן דעם וואָס מען זאָל טאָן מיט אונדז. איין אַרבעטער האָט פֿאָרגעלייגט, אַז מען זאָל אונדז געבן געלט אויף באַן־בילעטן און מיר זאָלן צוריקפֿאָרן קיין וואַרשע. איינער פֿון די יונגע אָנגעקומענע פֿון וואַרשע האָט אָבער פֿאָרגעלייגט, אַז מיר, די געקומענע, זאָלן בעסער מיט זיי מיטשטרייקן, ווייל אויב מיר וועלן אַוועקפֿאָרן וועט דער פֿאַבריקאַנט ברענגען נייע שטרייק־ברעכער.

דער ווינטער־סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן און די פֿאַבריקאַנטן, צווישן זיי אויך אונזערער, זענען געוואָרן נאָכגיביקער און אַזוי זענען מיר אויך פֿאַרבליבן. מ׳האָט איינגעטיילט די אַרבעט אויף בייטאָגיקע און ביינאַכטיקע שיכטן צוליבן מאַנגל אין מאַשינען. צווישן אונדז, די ניי־געקומענע און די דראָהאָביטשער אַרבעטער האָבן זיך איינגעשטעלט פֿריינדלעכע באַציאונגען. אַזוי האָט עס געדויערט ביז שפּעט ווינטער. מיטן דערנענטערן זיך פֿון פֿרילינג, איז געוואָרן אַלע מאָל אַ קלענערע נאָכפֿראַגע אויף אונדזערע

אויסגעאַרבעטע אַרטיקלען. מיר, די געבראַכטע פון וואַרשע, זענען געווען די ערשטע אָפּגעזאָגט צו ווערן פון דער אַרבעט, כאָטש מיר האָבן געהאַט אַ קאָנטראַקט אויף אַ גאַנץ יאָר. ס'האָבן נישט געהאָלפן די אינטערווענצן פון שניידער־פּאַראיין, די אַרבעטס־געבער זענען צום סוף איינגעגאַנגען אונדז אויסצוצאָלן פאַר פיר וואָכן. מיר האָבן געמוזט צוריקפאָרן, אָבער מיר האָבן שוין געהאַט אַ דערפאַרונג פון אַרבעטער־קאַמף.

***

איך בין צוריקגעפאָרן אין מיין שטעטל לאָשיץ אין עלטער פון 18 יאָר און מיטגעבראַכט אַ לעבנס־דערפאַרונג. איך האָב געקוקט מיט אַנדערע אויגן. אין דער היים זענען נישט פאָרגע־קומען קיין גרויסע ענדערונגען חוץ דעם, וואָס דער טאַטע איז פאַרעלטערט געוואָרן. ער האָט ווייטער געזוכט פּרנסה און אַ טרייסט האָט ער געפונען אין די אַלטע ספרים. צווישן דער יוגנט איז אָבער יאָ פאָרגעקומען אַן ענדערונג. זי האָט געזוכט זיך צו באַקענען מיט וועלטלעכע פּראָבלעמען און צו געפינען אַ לייזונג פאַר אירע עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַדערפעניש. אין שטעטל האָבן זיך פונאַנדערגעוואַקסן אָרגאַניזאַציעס, אַ קולטור־קלוב, מען איז זיך צונויפגעקומען אויף אַ בוידעם־שטיבל ביי כילע נאַט־קעס און מען האָט זיך דורשטיק צוגעהערט צו די ליטעראַרישע רעפעראַטן, מ'האָט איינגעאָרדנט קעסטל־אָוונטן, וואָס זענען גע־ווען אָנגעפירט פון דערפאַרענע אַרבעטער אָדער פון בחורים, וואָס זענען נישט לאַנג צוריק אַוועק פון די גמרות. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען חיים איצל גאָלדשטיין, וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס באַרימטע בוך „זיבן אין בונקער", צווישן אונדז איז דעמאָלט אויך געווען דער באַקאַנטער רעוואָלוציאָנער משה חכם, וועלכער איז שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן אויף 8 יאָר תּפיסה. נאָך זיין באַפרייאונג איז ער אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד, ווו ער איז דער־מאָרדעט געוואָרן בעת דעם סטאַליניסטישן טעראָר. אין אונזער שטעטל האָט זיך דעמאָלט געפונען דער שפּעטערדיקער פּאָעט

אין די וועלדער

און שרייבער משהל כאַסקעלס גאָלדשטיין, וועלכער האָט זיך אין זיין יוגנט געלערנט צו זיין אַ שטריקער און גלייכצייטיק געשריבן לידער דורך וועלכע ער האָט אין אונדז איינגעפלאַנצט אַ רעוואָלוציאָנערן פלאַם. שפּעטער האָט ער עמיגרירט קיין אַרגענטינע און פון דאָרט קיין ביראָבידזשאַן, ווו ער האָט, צווישן אַנדערע, אָנגעשריבן דאָס בוך „ביי די ברעגן פון טייך אמור״. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך אָנגאַזשירט אין דער רויטער אַרמיי און העלדיש געפאַלן ביים פאַרטיידיקן מאָסקווע. ביי אונדז אין שטעטל האָבן אויך עקזיסטירט ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי האָט זיך אָנגעזען דער השומר הצעיר, וואָס איז אָנגעפירט געוועזן פון באַוווסטן, דינאַמישן גאָדל ראָזענבאַנד, וועלכער האָט אָנגעצונדן די הערצער פון דער יוגנט מיט יידישן פּאַטריאָטישן פלאַם אין דער דורותדיקער שטרעבונג אויסצוקעמפן אַ נאַציאָנאַלע היים.

פאַרשידענע יוגנט־גרופּן פלעגן זיך, לויט באַשטימטע ריכטונגען, צונויפקומען אין פּריוואַטע שטובן.

ווען איך בין שפּעטער געפאָרן קיין וואַרשע צום סעזאָן האָב איך זיך באַפריינדעט מיט צוויי יוגנטלעכע פון לאָשיץ, וואָס האָבן אויך געאַרבעט אין דעם שטריקער־פאַך: אלתר קלערמאַן, אַ זון פון אַ קרעמער, וועלכער פלעגט שטענדיק אַרומלויפן צו כאַפּן אַ גמילת חסד איינצוקויפן אַ ביסל סחורה פאַר זיין קרעמל, און מנחם רוזאַל, וועלכן מ׳האָט גערופן דעם חזנס אייניקל. מיר זענען געוואָרן אַ דריילינג צו פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור אין די דערפער אַרום אונדזער שטעטל און אויך אין די היינטער שטעטלדיקע געסלעך, ווו עס האָט געלעבט די אָרעמקייט. פון די דעמאָלטיקע צייטן האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון פאַרשידענע עפּיזאָדן:

אַ געוויסן טאָג האָב איך באַקומען אַ פּעקל אומלעגאַלע ליטעראַטור אַוועקצוטראָגן אין דאָרף וואָזשניק, פינף קילאָמעטער פון לאָשיץ. איך האָב עס געדאַרפט איבערגעבן מיין געוועזענעם

חבר פון דער תלמוד־תורה שמילקע יואל דוד דעם פּאַרבערס. ער האָט געאַרבעט אין דער דאָרפישער מילכעריי. אין יענעם דאָרף איז אויך געווען אַ גרויסע בראָנפן־פאַבריק, וווּ עס האָט געאַרבעט אַ גרויסע צאָל אַרבעטער און אין דער געגנט זענען געווען אַ סך ערד־אַרבעטער אינעם גיט, וואָס האָט געהערט צום גרויסן גוט־באַזיצער וויטשעכאָווסקי. אויף די מילכעריי האָט אַ לאָשיצער ייִד געגומען ביי אים אין אַרענדע. מיין אומגעריכט קומען צו שמילקען מיט אַן אומלעגאַל פּעקל ליטעראַטור האָט געמאַכט אויף אים אַ רושם. ער האָט זיך נישט געריכט, אַז יויזעפ, דעם שוחטס אייניקל זאָל זיך געפינען אין אַזאַ חברותא. אויף מיין בקשה ער זאָל מיר געבן עפּעס צו עסן, האָט ער אָנגעשעפּט פון גרויסן קעסל אַן ערדיש שעפל סמעטענע, וואָס כ'האָב אויסגעט־רונקען אויפן ניכטערן מאָגן. אויף צוריקוועג האָב איך באַקומען שטאַרקע ווייטיקן אין בויך. איך בין קוים דערגאַנגען אַהיים. דער טאַטע און די שוועסטער האָבן מיך נישט דערקענט. אויף זייערע פראַגעס וואָס כ'האָב געגעסן, האָב איך זיי געזאָגט, אַז כ'האָב געטרונקען וואַסער פונעם ברונעם אויפן ניכטערן מאָגן. ווען מיין שוועסטער איז פאַרבליבן מיט מיר אַליין האָט זי אָנגע־הויבן מיך בעטן איך זאָל איר דערציילן דעם אמת. אַז איך האָב איר דערציילט ווו איך בין געווען און פון וואַנען עס נעמען זיך די ווייטיקן אין בויך האָט זי מיך געפרעגט צי עס לוינט זיך אַזוי פיל צו ליידן פאַר אַ זאַך וואָס וועט אפשר אַמאָל פאַרווירק־לעכט ווערן. זי האָט אָבער געהאַלטן סוד, אַזוי ווי איך האָב זי געבעטן און קיינער האָט זיך דערוועגן נישט דערוווּסט.

***

ווען עס האָבן זיך געענדיקט די זומער־מאָנאַטן, האָבן אַ סך לאָשיצער יוגנטלעכע אָנגעהויבן זיך גרייטן צו פאָרן קיין וואַר־שע. איך בין געווען צווישן זיי. מ'האָט געדאַרפט אָנהייבן זוכן אַן אַרבעטס־פּלאַץ ווי אַ שפּולער. דאָס מאָל בין איך אָנגעקומען צום פאַבריקאַנט יאַנקל ראָזענבערג אויף מוראַנאָווסקע 10. כ'האָב

מײַן עלטערע שוועסטער **שאָשע**, דערמאָרדעט מיט איר מאַן און צוויי קינדער אין לאָדזשער געטאָ אין יאָר 1943.

דאָרט געטראָפן אַן אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קאָלעקטיוו. אָבער נאָך עטלעכע חדשים װער איך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. צו יענער צייט איז אויסגעבראָכן דער באַקאַנטער 16־וואָכעדיקער שטריקער־שטרייק, וואָס איז אָנגעפירט געווען פון שטריקער־פאַראיין. די פאַבריקאַנטן האָבן געפירט שטרייק־ברעכערישע אַרבעטער אויף דראָזשקעס, וואָס זענען באַגלייט געווען פון פּאָליציאַנטן. פון דעמאָלט האָט זיך מיר פאַרגעדענקט אַזאַ עפּיזאָד: אין אַ ווינטערדיקן טאָג 1926, ווען די אַרבעטער זענען געשטאַנען פאַר דער שטריקער־פאַבריק פון מאָנטשניק אויף פּשעיאַזד 9, איז אָנגעקומען אַ דראָזשקע מיט שטרייק־ברעכער, באַגלייט פון פּאָליציאַנטן. די שטרייקנדיקע אַרבעטער האָבן נישט צוגעלאָזט די שטרייק־ברעכער צו דער פאַבריק. ס'איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג און שטאַרקער זענען געווען די, וואָס האָבן געהאַט די פּאָליציי אויף זייער זייט. ס'זענען געפאַלן פאַרוווּנדעטע, אַ סך שטרייקנדיקע זענען אַרעסטירט געוואָרן. דער שטרייק איז דאָך פאַרגעזעצט געוואָרן, אָנגעפירט מיט אים האָט אַהרון קוטנער, דער שוואַרצער אַבע, שימעלע נאָרעמבערג און ער האָט געדויערט אַזוי לאַנג ביז די פאַבריקאַנטן האָבן געמוזט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

***

ווינטער 1926 בין איך נאָך אַ געוויסער צייט אָפּאַרבעטן ווידער געבליבן אָן אַרבעט. כ'האָב געמוזט צוריקפאָרן קיין לאָשיץ, ווו עס זענען צוריקגעקומען אַ סך אַנדערע יוגנטלעכע, וואָס האָבן מער נישט געהאַט קיין אַרבעט אין וואַרשע. ביים לעדער־פאַראיין האָט שוין עקזיסטירט אַ ביבליאָטעק אויף אַ בוידעם־שטיבל, וואָס מ'האָט אויך גענוצט ווי אַ קולטור־קלוב, ווו יעדן שבת זענען פאָרגעקומען ליטעראַרישע און קעסטל־אָוונטן מיט וועלכע עס האָבן אָנגעפירט חוץ די אויסגערעכנטע שוין פערזאָנען, דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער דודל רישקעס, וואָס איז דערמאָר־

דעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן, יאַנקל שרה רויזעס. זיי און די פריער דערמאָנטע האָבן מיט זייער רעוואָלוציאָנערן דינאַמיזם און זייער איבערגעגעבנקייט דערצויגן און דערמוטיקט די יוגנט.

אַז עס איז געקומען דער פּאַר פּסח איז געווען אַ טראַדיציע איינצואָרדענען מצה־בעקערייען. די אייגנטימער פון די דאָזיקע בעקערייען האָבן געאַרבעט מיט זייערע קינדער, אָבער זיי האָבן אויך צוגענומען צו הילף אַנדערע, דער עיקר מענטשן פון דער אָרעמשאַפט. די אַרבעטסלאָזע יוגנט, וואָס האָט 3־4 חדשים נישט געקאָנט פאַרבלייבן אין וואַרשע, האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן און איינטיילן די אַרבעט אויך אין די בעקערייען וואָס האָבן געהערט צו אָנגעזעענע לאָשיצער בעלי־בתים. אונטער דער אָנפירונג פון בעקער־אַרבעטער יצחק סעמיאַטיטשער איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, וואָס האָט פונאַנדערגעקלעפּט מעלדונגען, אַז ווער עס וויל אַרבעטן ביי מצות זאָל זיך ווענדן צום קאָמיטעט ביים פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. די מעלדונגען האָבן געמאַכט אַ רושם אין שטעטל. די אַלע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די מצה־בעקערייען זענען צופרידן געווען, אָבער נישט די פאַנאַטישע חסידים, וועלכע האָבן זיך קעגנגעשטעלט, אַז פּשוטע אַרבעטער זאָלן צולייגן אַ האַנט צו באַקן מצות. ס'איז דערגאַנגען צו אַ גרויסער אַסיפה אין בית מדרש, ווו ס'זענען אַרויסגעטראָטן ביידע צדדים. אין שטעטל האָט זיך געטומלט ביז ס'איז געקומען דער יום־טוב און ס'האָט זיך איינגעשטילט.

אהרן קוטנער

סעקרעטאַר פון יידישן טעקסטיל־פאַראיין אין וואַרשע אין די יאָרן 1925־1933. דעפּאָרטירט בעת דער אָקופּאַציע פון פּאַריז, איז ער דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס אין יולי 1943 אין דייטשן אויסראָטונג־לאַגער פון נאַצענוויילער.

געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1928. איך בין שוין געווען אַ באַוווּסטזיניקער אַרבעטער און געהערט אויך אין וואַרשע צו דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. ווען דער פאַראיין איז געווען אומלעגאַל האָט מען זיך געטראָפן אין די פּראַכטיקע אַוונטן, אָדער אין זומערדיקע טעג אויף די וואַרשעווער גאַסן לעשנע און פשעיאַזד, ווו ס׳איז געווען די בערזע פון טעקסטיל פאַראיין. דעם זעלבן יאָר איז אונדזער פאַראיין צוריק געוואָרן לעגאַל. צוזאַמען מיט מיר זענען דעמאָלט אַקטיוו געווען אין דער יוגנט־סעקציע דער קליינער פּרויעמל, בערעק זלאָטאָווסקי, חיים ישראל, בראָנקע געטריימאַן, יאַנקל פאצא. דער וואַרשעווער טעקסטיל־פאַראיין האָט זיך אַלע מאָל מער געשטאַרקט. דער גרעסטער טייל וואַרשעווער אַרבעטער האָבן געהערט צו אים. אַהרון סקראָבעק־קוטנער האָט אים אָפּגעגעבן ביז זיין פאַרשיקונג אין בערעזאַ אַלע זיינע כוחות. דעם פאַראיין האָבן אויך אָפּגעגעבן זייערע בעסטע יאָרן פון לעבן אַבע פלוג, אַברהם ראָזענפעלד, יידל ראָזענפעלד, דער ווייסער שימעלע, שלומעלע קאָזע און אַנדערע. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. זאָלן די ווערטער, נישט לאָזן פאַרגעסן זייער אָנדענק צווישן די, וועלכע האָבן זיי געקענט און זאָלן זייערע נעמען דערמאָנען, אַז זיי האָבן געקעמפט פאַר אַ יושרדיקער וועלט.

דער טעקסטיל־פאַראיין האָט אויך געפירט אַ שטאַרקע קולטור־אַרבעט נישט בלויז צווישן די אייגענע מיטגלידער נאָר

צווישן אַלע יידישע וואַרשעווער אַרבעטער. ער האָט רעגולער איינגעאָרדנט רעפעראַטן אויף פאַרשידענע טעמעס מיטן אָנטייל פון אַזעלכע אָנגעזעענע מענטשן ווי דער קריטיקער נחמון מייזיל, וועלכער איז געווען אַן אָפטער רעפערענט אין אונדזער פאַראיין. אויף ליטעראַרישע טעמעס פלעגט אויך אַרויסטרעטן דער דע־מאָלטיקער אַרבעטער־טוער און מיטאַרבעטער פון דער „ליטע־ראַרישע טריבונע" זאָלאָטאָוו, וועלכער פלעגט אויך רעדן אויף פאַרשידענע אַנדערע טעמעס. אין די זומער־חדשים פלעגט דער פאַראיין אָרגאַניזירן שבתדיקע עקסקורסיעס. מיט קליינע שיפלעך פלעגט מען פאָרן איבער דער ווייסל, מען איז געפאָרן אין די נאָענטע וועלדער אַרום וואַרשע, דער עיקר קיין מלאָטשין, ווו עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט הונדערטער אַרבעטער פון פאַרשי־דענע פאַכן. עס האָבן זיך געשאַפן פריינדשאַפטן, וואָס זענען פאַר־בליבן ביזן סוף פון לעבן.

עס ווילט זיך אויך דערמאָנען די באַקאַנטע ביבליאָטעק ביי דעם טעקסטיל־פאַראיין, וואָס איז אָנגעפירט געווען פון חברים פון דער קולטור־קאָמיסיע — ח. ליפּע און אַברהם ראָזענפעלד. אין דער ביבליאָטעק, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן אויסוואַל פון ביכער אין יידיש, פויליש, האָבן געשעפּט וויסן די וואַרשעווער אַרבעטער און אַפילו די שול־יוגנט.

דער טעקסטיל־פאַראיין האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשידע־נע פּאָליטישע אַקציעס און אין אַרבעטער יום־טובים. עס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון דער בלוטיקער ערטשער מאַי פון 1928 אויפן טעאַטער־פּלאַץ אין וואַרשע, ווו די אַרבעטער פון טעקסטיל־פאַר־איין זענען געווען זייער אָנזעעוודיק. אין די פרימאָרגן־שעהען האָבן איבער די וואַרשעווער גאַסן, וואָס האָבן געפירט צום טעאַ־טער־פּלאַץ מאַרשירט יידישע אַרבעטער, די יידישע יוגנט. צווישן זיי איז געווען דער „בונד" מיט זיינע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואָס זענען געווען אונטער זיין איינ־פלוס, דער השומר הצעיר, די לינקע פועלי־ציון מיט אירע יוגנט־

אַקטיוו פון יידישן טעקסטיל-פאַראיין אין וואַרשע (1929)

אויפן בילד געפינען זיך צווישן אַנדערע: דער שוואַרצער אַבע, אַהרון קוטנער, שרה קוטנער, אַברהם ראָזענפעלד, יודל ראָזענפעלד, אסתר ראָזענפעלד, אלטער פון די העפטער, הערשל וואַטשאַזש, חיים־ישראל און פרוי — שטריקער; נאַטאַן — שטריקער, יאָסעלע — שטריקער, פּיוול שוואַרצבערג — שטריקער; יודל געזונטהייט — העפטער; יונה — שטריקער, מלך — שטריקער.

אָרגאַניזאַציעס. די קאָמוניסטישע יוגנט האָט זיך גרופּירט אונטער די פּענער פון פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס און פאַרשידענע ספּאָרט־און קולטור־קלובן. דער גרויסער טעאַטער־פּלאַץ איז גע־ווען אויסגעפּילט מיט אַ ריזיקער מאַסע יידישע און פּוילישע אַר־בעטער פון די גרויסע פאַבריקן. די שטימונג איז געווען א יום־טובדיקע, ענטוזיאַסטיש־קעמפערישע, עס האָבן זיך געלאָזט הערן פאַרשידענע לאָזונגען. אויף די אַקסלען פון עטלעכע יונגע, מוס־קולירטע אַרבעטער האָט זיך באַוויזן אַ רעדנער, ס'האָט גערעדט דער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט וואַרסקי. די שטימונג איז געוואָרן אַלע מאָל מער אַ יובלדיקע, ענטוזיאַסטישע. פּלוצלונג איז ווי אַ דונער פון הימל געקומען אַ שיסעריי. ס'איז געוואָרן אַ פּאַניק, אַ דרענגעניש, יעדער האָט זיך געוואָרפן, ווו ער האָט געקאָנט, כדי אויסצומיידן די פליענדיקע קוילן, וואָס זענען געקומען פון אַלע זייטן. איך בין געבליבן ליגן צוזאַמען מיט אַ צוזאַמענגעדרענג־טער מאַסע מענטשן אויפן פּלאַץ, ווען די שיסעריי האָט געדויערט. ס'איז באַלד אָנגעקומען פון אַלע זייטן פּאָליציי, וואָס האָט ברוטאַל צעטריבן און געיאָגט די אַנטלויפנדיקע. איך האָב זיך אַרויסגע־ריסן פונעם פּלאַץ, ווו עס זענען שוין געלעגן דערהרגעטע און פאַרוונדעטע, און בין געלאָפן צו מיין היים אויף באָניפראַטערסקע 2, ווו עס האָבן שוין אויך געוווינט מיין טאַטע און מיין עלטערע שוועסטער. אויפן וועג האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין לינקן פוס. כ'האָב אַראָפּגענומען דעם שוך און דערזען בלוט. האָב איך אָפּגעריסן אַ שטיק פון מיין העמד, פאַרוויקלט דעם פוס, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן און מיטן שוך אין האַנט זיך דער־שלעפּט אַ היים. ווען מיין טאַטע און די שוועסטער האָבן מיך דערזען האָבן זיי אנגעהויבן ברעכן מיט די הענט. מיינע שוועס־טער האָבן זיך אין דער שטיל פאַרנומען מיטן אויסהיילן דעם צעקלאַפּטן פוס, דער טאַטע אָבער האָט אַ דערשראָקענער נישט אויפגעהערט צו פרעגן פאַרוואָס איך שטעל איין דאָס לעבן. איך האָב דעם טאַטן נישט געענטפערט, כדי אים נישט אָנצוטאָן קיין

ווייטיק. אויפן צווייטן טאָג איז באַקאַנט געוואָרן דער רעזול־טאַט פון דעם פּאָליציייאישן אָנפאַל אויף דער ערשטער מאַי־מאַ־ניפעסטאַציע: עס זענען געוועזן 6 טויטע, 4 אַרבעטער פון דער פאַבריק לילפּאָפּ, צוויי באַן־אַרבעטער און אַ גרויסע צאָל פאַר־וווּנדעטע. ס׳איז אויך געווען אַ גרויסע צאָל אַרעסטירטע, צווי־שן זיי זענען דאָס געווען יידישע יוגנטלעכע. אין וואַרשע און איבערן גאַנצן לאַנד איז דורכגעגאַנגען אַ שטורעם פון פּראָ־טעסטן קעגן דער פּאָליציייאישער שיסעריי, וואָס זי האָט פאַר־פּלאַנירט פאַרן 1־טן מאַי, ווי מען האָט זיך דאָס שפּעטער דער־וווּסט.

ס׳זענען דורכגעגאַנגען עטלעכע חדשים ווי מיין משפּחה האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע, ווו די שוועסטער און ברידער האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט באַשעפטיקט צו ווערן אין שטריי־קער־פאַך. די לאַגע אין שטוב האָט זיך געענדערט. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס׳קומט פון דער השגחה עליונה און דערמאָנט דאָס ווערטל: משנה מקום משנה מזל. ער פלעגט אויך אָפטמאָל דערמאָנען, אַז אַרבעט איז אַ כבוד. ער האָט אויך געענדערט זיין באַציאונג צו אונדז, זיינע קינדער, געלאָזט אונדז זיך אויסלעבן געזעלשאַפטלעך, באַזוכן ליטעראַרישע אָוונטן און גיין אויף פאַר־שידענע צוזאַמענטרעפן.

**
*

נאָכן בלוטיקן ערשטן מאַי איז דער טאַטע אָבער געווען זייער אומרואיק וועגן מיר. יעדעס מאָל, ווען איך בין ערגעץ געגאַנגען, האָט מען געקאָנט באַמערקן שרעק אין זיינע אויגן. ער האָט זיך ביי מיר מיט רחמים געבעטן איך זאָל נישט גיין אין די ערטער ווו דער שטן איז מקטרג. ער האָט אויך פאַר יעדעס מאָל צוגעגעבן, אַז די אַלע אידייען זענען נישט פאַר יידן, נאָר פאַר גויים. כדי אים נישט צו פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש

האָב איך אים צוגעזאָגט מער נישט צו גיין אויף קיין געפערלעכע ערטער. אינגיכן בין איך אָבער ווידער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ סיטואַציע פאַר וועלכער דער טאַטע האָט זיך אָממיינסטן געשראָקן.

ס׳איז געווען אין אַ טאָג פון סוף אָקטאָבער 1928. אין לאַנד האָט זיך דער טעראָר קעגן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פאַר־שטאַרקט. די תפיסות זענען געווען פול מיט קעמפנדיקע אַרבע־טער, פויערים, אינטעליגענץ. אויף דעם וואַרשעווער פּלאַץ קאַ־זשימיעזשאַ־שעננאַ איז יענעם סוף אָקטאָבער־טאָג פאָרגעקומען אַן אַרבעטער־מיטינג. קיין טריבונע איז נישט געווען, פאַרשטייט זיך. דער רעדנער איז אַרויף אויף אַ הויכן מיסט־קאַסטן און אָנגעהויבן רעדן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי עס האָט זיך באַוויזן פּאָליציי אויף פערד און אָנגעהויבן פונאַנדערייאָגן מיט די אָפּענע שווערדן. דאָס, וואָס איך בין אַ קליינוווקסיקער האָט מיר דעמאָלט צוגעהאָלפן זיך אַרויסדרייען פון צווישן די פערד. דאָך האָט מיך נישט אויסגעמיטן צו באַקומען אַ קליינעם שניט אין פינגער פון דער לינקער האַנט.

די יאָרן 30־1929 האָבן געבראַכט מיט זיך אַ גרויסן קריזיס אין אַלע פאַכן און אויך אין דער טעקסטיל־בראַנזשע. אין שטוב האָט זיך ווידער באַוויזן דער דלות. מיר זענען שולדיק געווען פאַר אַ סך מאָנאַטן דירה־געלט און יעדעס מאָל, ווען דער בעל־הבית איז געקומען מאָנען, האָט דער טאַטע באַקומען האַרץ־קלאַפּעניש. אַרויסגעהאָלפן פון דער דעמאָלטיקער נויט האָט דעם טאַטנס איינפאַל פאַר פסח איינצואָרדענען ביי אונדז אין שטוב אַ בעקעריי צו באַקן פאַר זיינע באַקאַנטע חסידים מצה שמירה. מיר זענען אין שטוב געווען 6 פּאָר הענט צו דער אַרבעט און צום טאַטנס מצה שמירה האָבן די חסידישע קרייזן געהאַט צוטרוי. דעם טאַטנס פּלאַן האָט זיך איינגעגעבן. מ׳האָט פאַר די פאַרדינסטן נישט נאָר אויסגעצאָלט דאָס דירה־געלט און געמאַכט אַ שיינעם פסח, נאָר מ׳האָט אפילו אָפּגעשפּאָרט צו לעבן אַ שטיקל צייט נאָך יום־טוב. ס׳איז אָבער אָנגעקומען דער זומער, קיין שום באַשעפטיקונג האָט

מען נישט געקאָנט געפינען, די רעזערוון פון די פסחדיקע פאַר־דינסטן האָבן זיך אויסגעלאָזט. כדי עפּעס צו פאַרדינען האָב איך אָנגעהויבן האַנדלען מיט זון־ברילען, וואָס זענען דעמאָלט אַריין אין דער מאָדע. אויף דער פּלאַזשע ביי דער פּאָניאַטאָווסקי־בריק פלעגן קומען די וואַרשעווער פאַרמעגלעכע מענטשן. איך האָב אָבער לאַנג נישט געקאָנט דאָרט אומגיין מיט מיין סחורה. ס'זענען נאָך מיר געקומען פּוילישע הענדלער מיט די זעלבע ברילן, זיי האָבן מיך פאַריאָגט און נאָך גוט צעשלאָגן. איך בין אַוועק אויף דער פּראָלעטאַרישער פּלאַזשע, אויף דער פּראַגער זייט, ווו ס'האָט זיך געפונען צום גרעסטן טייל אַרבעטער־יוגנט, אַרבעטסלאָזע, וואָס קאָנען נישט קויפן קיין זון־ברילן. איך האָב געמוזט פאַרלאָזן דעם האַנדל מיט ברילן און זוכן ערגעץ אַנדערש פּרנסה.

דער פּראָבלעם צו באַקומען אַרבעט האָט שטענדיק געמאַטערט. ס'זענען געווען צייטן ווען מ'האָט געאַרבעט צו עטלעכע טעג אין דער וואָך און מען האָט קוים פאַרדינט אויף די טעגלעכע אויסגאַבן. ווען ס'איז דורך דער סעזאָן האָט מען נישט געהאַט קיין רעזערוון. אין יאָר 1931 האָט מיר צוגעגליקט און איך האָב באַקומען אַרבעט ביים אַראָפּרוימען דעם שניי. איך בין דעמאָלט געווען דער איינ־ציקער פּרנסה־געבער אין שטוב. דער ווינטער איז יענעס יאָר געווען זייער אַ שאַרפער, ס'זענען געווען גרויסע פרעסט. מען פלעגט ליגן אין די בעטן, כדי זיך איינצובערענגען עסן פרישטיק און צו זיין אַ ביסל לענגער אין דער וואַרעמקייט, ווייל באַהייצונג איז אויך געווען אַ גרויסער פּראָבלעם. צום גליק האָבן מיינע שוועסטער זיך צו יענער צייט אָנגעהויבן צו חברן מיט צוויי בחורים פון דער שטרי־קער־בראַנזשע, וועלכע צוזעענדיק די נויט ביי אונדז אין שטוב, האָבן אונדז אויף פאַרשידענע אופנים אַרויסגעהאָלפן. זיי האָבן אויך געמאַכט די גרעסטע באַמיאונגען צו באַקומען אַרבעט פאַר מיינע שוועסטער און אַזוי אַרום האָבן מיר צו ביסלעך פאַרטריבן די נויט פון שטוב.

נאָך אַ קורצער צייט האָבן זיי זיך באַפריינדעט. די בחורים

אַבע פלוג (שוואַרצער אַבע)

פאָרזיצער פון יידישן טעקסטיל־פאַראיין אין וואַרשע אין די יאָרן 1924־1932. אַקטיווער טוער פון דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פאַרטיי געשטאָרבן אין יאָר 1937.

זענען אָפּטמאָל געשיקט געוואָרן אויסצופירן פֿאַרשידענע שליחותן פון דער פּאַרטיי אין שטעט און שטעטלעך אויף די ווייסרוסישע געביטן. מרדכי דייטשער האָט ביי אַזעלכע געלעגנהייטן געהאַט גענייאַלע איינפאַלן, בכדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, וואָס האָט געהאַלטן אַן אויג אויף יעדן פרעמדן מענטש. פון פאַך אַ טריקאָטער, האָט ער געאַרבעט ביי זיך אין דער היים. ער האָט אָבער געאַרבעט בלויז איינצלנע מאָנאַטן אין יאָר. אַזוי ווי ער האָט געהאַט פּאַר אַ מיסיע אַריינצופירן אין די פאַרשידענע געגנטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, האָט ער זיך אַליין געמאַכט אַ וואַליזקע מיט אַ דאָפּלטער דנאָ, צווישן די צוויי דנאָען האָט ער אַריינגעלייגט די ליטעראַטור און פון אויבן די טריקאָס, וואָס דער בעל־הבית האָט אים געגעבן אַלס מאָדעלער צו שטריקן. וואָלט ער געמוזט עפענען די וואַליזקע פאַר דער פּאָליציי, האָט ער געהאַט צוגעגרייט אַן אויסרייד, אַז ער פאַרט פאַרשטעלן זיינע אייגענע אויסגעאַרבעטע מאָדעלן פאַר די קרעמער.

אויך יאַנקל קאָרן, אַ מעטאַל־אַרבעטער, האָט אָנגעוואָנדן אַזאַ סיסטעם. נאָר ער האָט מיטגענומען מיט זיך איינצלנע מאָדעלער פון מעטאַל־אויסאַרבעטונגען, ווי מעסער, גאָפּל, לעפל, וואָס ער האָט איינגעקויפט ביי זיין אַרבעטס־געבער אונטערן אויסרייד, אַז ער דאַרף עס האָבן אויף מתנות פאַר חברים, וואָס האָבן חתונה. אַזוי האָבן זיי געפירט די אומלעגאַלע אַרבעט אין די יאָרן 31־1930. אין די צווייי יאָר פון דער פריינטשאַפט מיט זיי האָבן זיי באַקומען צוטרוי צו מיר און האָבן מיך אַריינגעצויגן אין דער טעכנישער אַרבעט פון דער ווייסרוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ווינטער 1931 בין איך געשיקט געוואָרן אין אַ שליחות מיט אַ פּעקעלע צירקולאַרן פאַר די אָרגאַניזאַציעס אין די געגנטן פון פינסק, ווייסרוסלאַנד. איין טייל פון פּעקעלע האָב איך אַריינגעלייגט אין אַן אויסשניט ביי די אָפּצאַסן פון די שיך, דעם צווייטן טייל אין אַ זעקעלע, ווו עס האָבן זיך געפונען תפילין און אַ סידור, וואָס האָבן געדאַרפט מאַכן גלויבן דער פּאָליציי, אַז איך בין אַ פרומער

און דעריבער געהער איך נישט צו דער אונטערערדישער יוגנט.

פון יענער צייט האָט זיך אין מיין זכרון איינגעקריצט אַזאַ עפּי־זאָד: אין אַ זומערדיקן טאָג בין איך געשיקט געוואָרן מיט אַן אויפ־גאַבע פון דער פּאַרטיי. דאָס מאָל בין איך געפאָרן אַלס רעפּרעזענ־טאַנט פון אַ פירמע, וואָס האָט פאַרקויפט טיי. דעם טיי, וואָס מ׳האָט צעשיט אין בלעכענע שעכטלעך האָט מען געדאַרפט געבן אויף אויס־צאָלן אין ראַטעס און איך האָב געזאָלט אָנגיין פאַר אַן אָנגעשטעלטן אין דער פירמע אין די מאָנאַטן, ווען איך בין געווען אַרבעטסלאָז.

פון אָנהייב האָב איך געהאַט דאָס רעכט צו פאַרקויפן דעם טיי אין וואַרשע און אין די פאָרשטעט. דערנאָך האָט די פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע מיך באַזאָרגט מיט אַ דערלויבעניש צו פאַרקויפן דעם טיי אויך אין ביאַליסטאָק. צו יענער צייט האָט אין ביאַליסטאָק גע־וווינט מיין עלטסטער ברודער מענדל מיט זיין פרוי חיה מאַרגוליס, אַן אַקושערין־דאָקטער, מיט זייער 4־יעריק זונעלע לאָוועטשקע. דעריבער איז מיר נישט געווען באַקוועם צו פאָרן אין דער דאָזיקער שטאָט, ווייל צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים האָב איך נישט געטאָרט זיך באַגעגענען מיט מיין ברודער. ווען איך בין אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק בין איך דורך פאַרשידענע הינטערוועגן דערגאַנגען צום געסל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען יידישע גאַס. אין איינעם פון די אַלטע הייזער האָט געוווינט אַ שוסטער. ווען איך בין אַריין צו אים אין וואַרשטאַטל, איז ער געזעסן אויף זיין שוסטער־בענקעלע און ווי געווייינלעך געלאַטעט אַלטע שיך. ער האָט אויסגעדרייט זיין בלייך פּנים צו מיר און מיר אָנגעקוקט מיט סודותדיקע אויגן. נאָכדעם ווי איך האָב אים געזאָגט די ערשטע צייכן־ווערטער, האָט ער מיך פאַרבעטן אין זיין אָרעמער קעלער־וווינונג, צוגענומען פון מיר די בלעכענע פּושקעס טיי און ס׳האָט זיך מיר פאַרגעדענקט ווי ביים אַרויסנעמען די צירקולאַרן פון אונטערן טיי, האָט ער געזאָגט, אַז צוזאַמען מיטן שמעקעדיקן ריח פּילט זיך אויך דער שווייס פון די פאַרמאַטערטע יאַפּאַנישע און כינעזישע שקלאַפן־אַרבעטער, וואָס מאַכן שמעקן דעם טיי, און וואָס ווערן אויסגענוצט צו באַרייכערן די

אויסלענדישע קאָלאָניסטן. דערנאָך האָט ער מיך באַקענט מיט זיין משפחה און זיי געזאָגט, אַז איך בין זיינער אַ וויטער קוזין. אַזוי ווי איך בין אין ביאַליסטאָק צוליב געשעפטלעכע ענינים שטאָט איך אָפּ אַ וויזיט אין דער צייט וואָס איז פאַרבליבן ביז צו נעמען די באַן קיין וואַרשע.

ווען איך האָב זיך געלאָזט צום וואָקזאַל צו נעמען די באַן צו פאָרן קיין וואַרשע, איז אויפן וועג מיר פונקט אַנטקעגנגעגאַנגען מיין ברודער מענדל (זיין פסעוודאָנים איז געווען סאַמועל). ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז ער נישט צופרידן געווען וואָס איך האָב אים נישט באַזוכט. איך האָב צוגעטראַכט אַ מעשה, אַז איך האָב זיך געהאַט באַקענט מיט אַ ביאַליסטאָקער מיידל, וואָס האָט געאַר־בעט אין וואַרשע, און צו וועלכן איך האָב גרויסע סענטימענטן. אַזוי ווי איך האָב געשריבן צו איר בריוו און זי האָט נישט געענטפערט, בין איך געקומען זען וואָס ס'איז מיט איר געשען. מיין ברודער האָט די פאַרענטפערונג אָנגענומען, אָבער ס'האָט זיך אָנגעזען, אַז ער גלויבט נישט אין דעם. שפּעטער, אין אָקטאָבער 1939, ווען איך בין אַנטלאָפן פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז שוין דעמאָלט, מיט 8 יאָר צוריק געווען אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. מיר האָבן זיך דערמאָנט אין דעם קוריאָז, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן וועג צום וואָקזאַל צו נעמען די באַן קיין וואַרשע. ער האָט דעמאָלט אויך געוווּסט, אַז עמעצער האָט געדאַרפט קומען מיט צירקולאַרן פון וואַרשע, ער האָט מיך אַפילו חושד געווען, אַז דאָס בין איך געווען, וואָס האָט געבראַכט די געהיימע מאַטעריאַלן, אָבער צוליב קאָנספּיראַציע האָט ער נישט געקאָנט מיר דערציילן וועגן זיין אָנטייל אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. מיט יאָרן שפּעטער איז מיין ברודער מיט זיין פרוי און זון אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן אין ביאַליסטאָקער געטאָ.

עטלעכע וואָכן נאָך מיין רייזע קיין ביאַליסטאָק האָט מען מיך געשיקט קיין בריסק־ליטאָווסק מיט אַ פּעקל ליטעראַטור, וואָס איך

האָב געדאַרפט איבערגעבן אַ ווייסרוסישער פרוי. זי האָט געוואָשן וועש פאַר די איינוווינער פון דער געגנט, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דער פּרץ־גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען אַ פּאָליצייאישער פּאָסטערונעק. צוליב פּאַרזיכטיקייטס־מיטלען האָב איך מיטגענומען אַ זעקעלע מיט שמוציקע וועש אונטער וועלכן כ׳האָב אַריינגעלייגט די אומלעגאַלע ליטעראַטור. כ׳האָב זיך אָנגעטאָן ווי אַ פּשוטער אַרבעטער. מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש בין איך אַריין צו דער וועשין און איר צוזאַמען מיטן פּעקל געגעבן דעם וואָרט־צייכן. זי האָט מיט אַ מאַמעשן שמייכל מיר צוגעזאָגט, אַז דאָס וועש וועט זיין ריין אויסגעוואַשן און וועט דערגיין צו די מענטשן וועמענס געוויסנס זענען אויך ריין.

מיט דער דאָזיקער רייזע האָט זיך פאַרענדיקט מיין מיטאַרבעט אין דער פּאַרטייאישער טעכניק. עס האָט זיך דערנענטערט דער ווינטער־סעזאָן. דער טעקסטיל־פאַראיין האָט אָנגעהויבן צוגרייטן די אַקציע פאַר לוין־העכערונגען. אַזוי ווי דער סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גרויסער נאָכפראַגע אויף שטריקער־אַרבעטער, האָבן די פאַבריקאַנטן נאָכגעגעבן אַלע פאָדערונגען. דורך דער פאַרמיטלונג פון פאַראיין בין איך אָנגעקומען צו דער אַרבעט אויף נאַלעווקעס 38 ביי דעם טריקאָטאַזש־פאַבריקאַנט גוזאָווסקי. דאָס פּאַרפאָלק גוזאָווסקי, מענטשן פון אַ געוויסן עלטער האָבן געהאַט מאַניאַקישע מאַנירן, פאַר זיי בין איך נישט געווען קיין גוטער פאַכמאַן, זיי האָבן מיך אָבער געלאָזט ביי דער אַרבעט ווייל ס׳איז שווער געווען צו קריגן שטריקער.

אין דער פאַבריק האָב איך געטראָפן אַ גוט־אָרגאַניזירטע חברה און צווישן זיי דעם דעמאָלט באַקאַנטן אַרבעטער־פירער אַבע פלוג, וועלכן מ׳האָט גערופן דער שוואַרצער אַבע. כ׳האָב דאָרט אויך געטראָפן דעם יונגן מאַנעס קראַמאַזש, אַ דינאַמישער רעוואָלוציאָנער. זיינע 6 שוועסטער און ברידער זענען אַלע געווען אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. צווישן זיי איז אויך געווען דער שטענדיק שמייכלענדיקער משה אלבערשטיין, איינער פון די אָנפירער

פון אָרקעסטער „אָרפעאוש" ביים וואַרשעווער טעקסטיל־פּאַראיין. בעת די גרויסע קאַמפּן אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי אין דער לעצטער מלחמה איז ער שטאַרק פאַרוווּדעט געוואָרן און נאָך אַ סך ליידן איז ער ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן לערער פון מוזיק. זיין טאָכטער חווהלע אלבערשטיין איז אַן אָנגעזעענע זינגערין אין ישראל און איז באַקאַנט אויך אין דער יידישער וועלט. אין דער טריקאָ־פאַבריק האָט אויך געאַרבעט די חברטע גאָלדע זלאָטאָווסקי, וואָס האָט מיט איר גוטמוטיקייט געהאָלפן שאַפן אַ חברישע אַטמאָספער.

עס דערמאָנט זיך מיר, אַז ווען איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין דער פאַבריק און נאָך נישט געהאַט קיין גענוגנדיקע קוואַליפיקאַציעס, איז מיר געשען דאָס די שטריק־מאַשין האָט זיך פאַרהאַקט און איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. יעדער שטריקער־אַרבעטער האָט געמוזט קענען דעם מעכאַניזם פון זיין מאַשין. אין פאַל, ווען די מאַשין איז קאַליע געוואָרן האָט ער געמוזט אַליין זי פאַרריכטן. איך האָב זיך דעמאָלט געוואָנדן צו אַבע פלוג ער זאָל מיר אַרויסהעלפן. עס האָט זיך פאַרגעדענקט ווי דער שוואַרצער אבע האָט מיך אַרומ־גענומען ווי אַ פאָטער זיין קינד און אַריינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז צוליב דעם וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו פרי צו אַרבעטן, כדי צו פאַרדינען אויפן לעבן, האָב איך נישט געהאַט ווען זיך אויסצולער־נען דאָס פאַך, אָבער אין דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער גע־זעלשאַפט וועלן זיין פאַרשידענע פאַך־שולן פאַר דער יוגנט און די יוגנטלעכע וועלן קומען מיט פאַך־קענטענישן אין די פאַבריקן. זיינע ווערטער האָבן מיך געמוטיקט, אָבער לאַנג בין איך ביי דער אַרבעט נישט געבליבן. נאָך עטלעכע מאָנאַטן ווינטער־סעזאָן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַרבעטסלאָזיקייט.

***

מיטן אָנקומען פון יאָר 1934 האָט זיך אין די יידישע פאַכן גע־שטעלט נאָך אַ גרעסערער קריזיס ווי אין די פריערדיקע יאָרן.

אַלע מײַנע שוועסטער און ברידער זענען געבליבן אָן אַרבעט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו באַצאָלן דאָס מאָנאַט־לעכע דירה־געלט, דערצו זענען מיר שולדיק געווען פאַר פריער־דיקע מאָנאַטן. דער בעל־הבית פון דער דירה, אַ געוועזענער שנײַדער טאַנדעטניק מיטן נאָמען זאַנוועלע, אַן אויפגעקומענער גביר, וועמענס זין עס זענען געווען געבונדן מיט דער אונטערוועלט און אויך מיט דער פּאָליציי, האָט זיך געפילט שטאַרק קעגן אַרעמע לאָקאַטאָרן פון באַניפראַטערסקע 2. ער האָט אונדז אָנגעגעבן אין געריכט, כדי צו קאָנען אונדז אַרויסוואַרפן פון דער דירה.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אונדז אָנגעקומען אַ פּאַפּיר פון קאָמאָרניק, אַז אין עטלעכע וואָכן דאַרפן מיר פאַרלאָזן די וווינונג, אויב נישט, וועלן מיר באַזייטיקט ווערן דורך דער פּאָליציי. מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן פּראָטעקציעס דורך פריינד, מ׳האָט אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיטן בעל־הבית, אים פאַרגעלייגט אים דערווייל צו באַצאָלן אַ טייל פון חוב אַבי ער זאָל אָפּרופן דאָס אַרויסוואַרפן אונדז פון דער דירה. זאַנוועלע איז אָבער געווען ברוטאַל־איינגע־שפּאַרט, נישט געוואָלט נאָכגעבן. און פּונקט צו יענער צייט האָט זיך דאָס געזונט ביי אונדזער טאַטן פאַרערגערט. ער האָט געליטן פון אַ שווערער אַסטמע און געווען צוגעבונדן צום בעט. ער האָט גערעכנט, אַז דאָס געוויסן פון זאַנוועלען וועט דאָך נישט דערלויבן ער זאָל אַרויסוואַרפן אַ קראַנקן מענטש מיט קינדער. ביים בעל־הבית פון דער דירה האָט אויך געמאַכט אַן אינטערווענץ אַ דעלעגאַציע פון טעקסטיל־פאַראיין. אויף דעם אָנבאָט אָפּצורופן די עקסמיסיע האָט ער געענטפערט, אַז אויב אַפילו גאָט אַליין וועט קומען וועט ער נישט נאָכגעבן און אַז דאָס אַרויסוואַרפן וועט אויך זיין אַ וואָרענונג פאַר אַלע שנאָרערס, וואָס ווילן נישט צאָלן קיין דירה־געלט.

ס׳איז געקומען דער טאָג פון דער עקסמיסיע. דער טאַטע ליגט אַ בלאַסער אין בעט. ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט מיט די פאַר־מאַכטע אויגן שטיל געשעפּטשעט אַ תפילה, בעטנדיק ביי גאָט, אַז די גזירה זאָל נישט אויסגעפירט ווערן. ציטערנדיקע האָבן מיר

געוואַרט אויפֿן אָנקומען פֿון קאָמאַרניק. מיר זענען געשטאַנען ביים פֿענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויפֿן הויף. מיר האָבן געזען ווי זאַנוועלע מיט זיינע צוויי זין דרייען זיך מיט שטאָלצער בעל־גופֿיש־קייט. עס איז אָנגעקומען דער קאָמאַרניק מיט עטלעכע פּאָליציאַנטן. איך בין גיך געלאָפֿן פֿאַרמאַכן די טיר. אויף זייער שטאַרקן קלאַפּן האָבן מיר אָפּגעזאָגט אויפֿצומאַכן. זיי האָבן אָבער אויפֿגעריסן די טיר מיט אַ ווילדער ברוטאַלקייט. דער קאָמיסאַר מיט די פּאָליציאַנטן זענען אַריין ווי טיגערס. נאָך זיי דער קאָמאַרניק. ער האָט אָנגעהויבן לייענען דעם געריכטס־אורטייל לויט וועלכן מיר האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו פֿאַרבלייבן אין דער וווינונג. די פּאָליציאַנטן זענען צו צום קראַנקן־בעט. דער טאַטע איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, נישט געוויזן קיין סימנים פֿון לעבן. זיי הויבן אָן ברוטאַל אַרויסצו־שלעפּן דעם טאַטן פֿון בעט. איך האָב אָנגעהויבן מיט אַ געפֿיל פֿון נקמה צו בייסן די הענט פֿון קאָמיסאַר. איך בין אָוועקגעריסן גע־וואָרן און ביז בלוט צעשלאָגן געוואָרן פֿון די פּאָליציאַנטן. דערנאָך האָבן זיי מיך אָוועקגעפֿירט אין פּאָליצײ־קאָמיסאַריאַט, וווּ איך בין פֿאַרבליבן עטלעכע טעג אין אַרעסט.

דער קאָמאַרניק מיט דער פּאָליצײ האָבן דורכגעפֿירט די עקס־מיסיע. דאָס בעט מיטן קראַנקן טאַטן האָבן זיי אָוועקגעשטעלט אין הויף, אונטערן פֿרייען הימל. די אַכזריותדיקע האַנדלונג פֿון זאַנ־וועלען, די ברוטאַלקייט פֿון דער פּאָליצײ האָבן אויפֿגערודערט די גאַנצע געגנט. יידישע אַרבעטער, בעלי־מלאכה׳ס זענען געקומען אויסדריקן זייער צאָרן קעגן דעם בעל־הבית זאַנוועלע און זיינע פּאָליצייאישע מיטהעלפֿער און געטרייסט דעם טאַטן, אַז זיי וועלן פֿאַר דעם אַלעם באַצאָלן.

דעם קראַנקן טאַטן האָט מען אָוועקגעפֿירט אין זיין שטעטל לאָ־שיץ, וווּ מען האָט קוים געפֿונען אַ צימער. זיין געזונט האָט זיך פֿאַרערגערט. נאָך אַ לאַנגזאַמער גסיסה איז ער נאָך עטלעכע מאָנאַטן געשטאָרבן אין עלטער פֿון 62 יאָר. די ייִנגסטע פֿון אונדז, שרהלע, איז געבליבן פֿאַריתומט ביי 14 יאָר.

ערב דעם צווייטן וועלט-קריג

אין יאָר 1934, נאָכן קומען צו דער מאַכט פון היטלערן, נאָכן פאַרשפרייטן פון זיינע ראַסן־טעאָריעס און בלוטיקן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געפונען אַ גוטן באָדן אין פוילן, רומעניע, אונגאַרן, האָבן זיך אין פוילן פאַרמערט די כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף יידן. אויף די וואַרשעווער גאַסן, אין די טראַמווייען, אויטאָבוסן איז דאָס באַפאַלן יידן געוואָרן אַן אָפטע דערשיינונג, ווי ס׳איז מיט מיר אַליין פאָרגעקומען. ווען איך בין איין מאָל געזעסן אין אויטאָבוס איז צו צו מיר אַ יונגער כוליגאַן און געוואָלט מיך אַרויסוואַרפן. אַ דאַנק די יידישע פאַסאַזשירן און אויך אייניקע פוילישע האָט דער כוליגאַן מיך אָפגעלאָזט. ידיעות וועגן אַזעלכע אָנפאַלן זענען דעמאָלט דערגאַנגען צו אונז פון רומעניע און אונגאַרן. אויף די אוניווערסיטעטן האָבן פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע סטודענטן זיך געוואָרפן אויף יידישע סטודענטן. אין די מיטל־שולן, וווּ עס זענען געווען יידישע און פוילישע שילער, זענען יידישע ייִנגלעך און מיידלעך נישט איין מאָל צעשלאָגן געוואָרן.

דער יידישער אַרבעטער און מיטלשטאַנד האָבן געליטן פון עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט אין רעזולטאַט פון באָיקאָט, וואָס די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן דורכגעפירט אין די פוילישע שטעט און שטעטלעך. ביי יידישע געשעפטן זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פיקעטן, וואָס האָבן נישט אַריינגעלאָזט קיין קריסטלעכע קונים צו יידן. צווישן יידישע יוגנטלעכע און די פיקעטניקעס זענען אָפטמאָל פאָרגעקומען געשלעגן. אין רעזולטאַט פון דעם אַלעמען איז די פוילישע ווירטשאַפט נאָך מער געזונקען אין

קריזיס. דער גרעסטער טייל פון דער קליין־אינדוסטריע, קליין־האַנדל, וואָס זענען געלעגן אין יידישע הענט האָט זיך אָפּגעשטעלט. געליטן דערפון האָט צומיינסטן דער יידישער אַרבעטער, דער מאַרק־הענדלער. נאָך מער ווי אין שניידעריי, שוסטעריי האָט זיך דער קריזיס אויסגעווירקט אין דעם טריקאָטאַזש־פאַך, ווייל אַ פולאָווער, אַ טריקאָ־זשאַקעט איז צו יענער צייט געווען אַ לוקסוס־אַרטיקל. האָט מען געאַרבעט בלויז אייניקע מאָנאַטן אין יאָר. אין מיין וואַרשטאַט האָב איך געהאַט דאָס גליק צו אַרבעטן אַ ביסל לענגער ווי מען האָט געאַרבעט אין אַנדערע וואַרשטאַטן.

צו דער נישט זיכערער לאַגע איז צוגעקומען די איינזאַמקייט. איך בין געווען אַליין. ס'האָט זיך אויפגעוועקט אַ באַדערפעניש צו פאַרלייגן אַ פאַמיליע־נעסט. פאַרבינדן זיך מיט אַ מיידל, מיט אַזעלכער וואָס זאָל זיין נאָענט צו מיינע אידעאישע אַנשוי־אונגען. אַ חברישע סביבה האָב איך דעמאָלט געפונען ביי אַ פאַרפאָלק פון לאָשיץ, וואָס האָבן נאָר וואָס חתונה געהאַט און נישט שלעכט זיך איינגעאָרדנט אין וואַרשע. דאָס זענען געווען משה מענדעלסאָן און העלאַ קערשענשטיין, האַרציקע אַרבעטס־מענטשן. משה האָט געאַרבעט ווי אַ קאַמאַשנמאַכער, העלאַ איז געווען באַשעפטיקט אין אַ יידישער בעקעריי אַלס פאַרקויפערין. צו זיי זענען געקומען יונגע בחורים און מיידלעך פון לאָשיץ און אַנדערע שטעטלעך. ס'האָט זיך אַרום זיי געשאַפן אַ חברישע, שטעטלדיקע סביבה נאָך וועלכער יעדערער האָט געבענקט.

עס האָט פיל מאָל געטראָפן, אַז מען איז זיך צונויפגעקומען אין דעם ענגן קרעמל, ווו העלאַ האָט געאַרבעט, אַזוי אַז עס איז נישט געבליבן קיין סך פלאַץ פאַר די, וועלכע זענען געקומען קויפן ברויט. איינער דעם אַנדערן האָט דערציילט זיינע שוועריקייטן, נישט איינער האָט דורכגעמאַכט הונגעריקע טעג און קוקנדיק אויף די פאַליצעס מיט ברויט ,פרישע זעמעלעך, האָט זיך דער הונגער נאָך פאַרשאַרפט. מ'האָט דאָס אָבער נישט אַרויסגעוויזן. די גוטע העלאַ האָט דאָך אַרויסגעלייענט פון די געזיכטער ווער עס נויטיקט זיך אין אַ שטיקל

ברויט און דורך פאַרשידענע איינפאַלן, אויסהיטנדיק זיך נישט צו דערנידעריקן דעם הונגעריקן, געפונען אַן אויסרייד צו העלפן אַ חבר. טיילמאָל האָט זי געגעבן חברים ברויט פאַרלייגנדיק עס צו באַזאָרגן ערגעץ. זי האָט אָבער מיטגעגעבן אַ צעטעלע און געבעטן עס איבערצולייענען איידער מען טראָגט אָפּ דאָס ברויט. פון צעטעלע האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָס ברויט דאַרף מען נעמען פאַר זיך און באַצאָלן ווען מען, ווען מען וועט אַרבעטן און פאַרדינען. אַ סך פון די אַרבעטסלאָזע האָבן געהאַט גרויסע שוועריקייטן צו באַקומען אַרבעט אויך צוליב זייער פּראָפעסיאָנעלער און פּאָליטישער אונ־טערערדישער טעטיקייט פון וועלכער זיי זענען באַקאַנט געווען ביי די אַרבעטס־געבער.

אויך משה מענדעלסאָן, אַ לעבנסלוסטיקער מענטש, וואָס האָט אונדז געמוטיקט מיט זיינע וויצן און טרעפלעכע ווערטלעך, האָט געוווּסט ווער עס געפינט זיך אין אַ שלעכטער לאַגע און דיסקרעט יענעם אַריינגעלייגט אין קעשענע עטלעכע מטבעות. דערביי האָט ער אים שטיל געזאָגט ער זאָל גיין אָפּעסן צו דער זעט ער זאָל האָבן כוח צו גיין אויף די ביינאַכטיקע טרעפונגען. ער אַליין איז געווען אַקטיוו אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

אין די ערשטע וואָכן פון קריג־אויסברוך, אין 1939 זענען משה מענדעלסאָן מיט העלאַן און זייער 10־יאָריקער זון אַנטלאָפן פון היטלערישן גיהנום און זיך געראַטעוועט אין וויטעבסק, וווּ זיי האָבן געאַרבעט ביזן היטלעריסטישן איבערפאַל אויף ראַטנפאַרבאַנד. משה איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי און העלדיש גע־פאַלן אויפן ווייסרוסישן פראָנט. העלאַ מיט איר זון זענען עוואַקואירט געוואָרן אין די טיפע געגנטן פון ראַטנפאַרבאַנד. נאָכן קריג זענען זיי צוריקגעקומען קיין פּוילן און נאָך עטלעכע יאָר זענען זיי אַוועק קיין ישראל, וווּ העלאַ לעבט מיט אירע קינדער און אייניקלעך.

צווישן די אַלע, וואָס זענען געקומען צו דער משפּחה העלאַ און משה מענדעלסאָן, פלעגט פון צייט צו צייט אַריינקומען אַ יונג, צאַרט מיידל. מ'האָט זי גערופן די שעמעוודיקע העלאַ צוליב איר

באַשיידנקייט, שווייגנדיקייט און אויך צוליב איר גאַנצער שטילער האַלטונג. די יונגע, שעמעוודיקע העלאַ האָט געהאַט אַ טיף פּיל־באַר האַרץ. ווען זי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, אַז אַן אַרעסטירטער חבר, אַ פאַרמשפּטער אויף לענגערע יאָרן תּפיסה, האָט געלאָזט אַ פרוי מיט צוויי קינדער, וואָס האָבן נישט קיין שום מיטלען צום לעבן, האָט זי נישט לאַנג געטראַכט, קיינעם נישט געפרעגט, ביי קיינעם נישט געבעטן קיין הילף, נאָר אַליין נאָך אַ שווערן טאָג אַר־בעט געלאָפן באַזוכן די משפּחה, וואָס האָט געוווינט צווישן ביסקע און סמאָטשע אויף אַ בוידעם־שטיבל. זי האָט אָנגעהויבן ברענגען דער פרוי מיט די קינדער איר באַשיידענע הילף. איין מאָל האָט זי מיטגעבראַכט אַ קויש עסנוואַרג, אַ צווייט מאָל אַ געוויסע סומע געלט, דערביי האָט זי פאַרזיכערט דער אָרעמער פרוי, אַז דאָס אַלץ קומט פון „מאָפּר", דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט טראָגן הילף די פּאָליטישע אַרעסטירטע און זייערע נויטבאַדערפטיקע מש־פּחות, כדי אויסצובאַהאַלטן, אַז די הילף קומט פון אירע אייגענע באַשיידענע פאַרדינסטן.

די שיינע האַנדלונג פון דער שעמעוודיקער העלאַ, איר גוטסקייט און האַרציקייט האָבן אין מיין איינזאַמקייט אַרויסגערופן אַ באַזונ־דערע נאָענטקייט צום מיידל. די נאָענטקייט איז וואָס אַמאָל מער איבערגעגאַנגען אין אינטימע געפילן. אויך איר פריינדשאַפט צו מיר איז געוואָרן אַ געשעעניש אין מיין איינזאַמען לעבן. נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר זיך פאַרבונדן און געוואָרן מאַן און ווייב. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין אַ לעצט צימער ביי אַ פריינד אויף דזיעלנאַ גאַס 29. דאָס איז שוין געווען אין יאָר 1935. אין אונדזער פריידיקער, באַשיידענער היים זענען געקומען חברים. מיר פלעגן זיך אונטער־האַלטן אין אַ פריינדלעכער אַטמאָספער און טרוימען וועגן אַ שיינער, יושרדיקער צוקונפטיקער וועלט.

**
*

די צייט איז געגאַנגען און אונדזער צוזאַמענלעבן איז פאַרגע־זעצט געוואָרן אין קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש. די אידייאישע

געמיינזאַמקייט האָט נאָך פאַרשטאַרקט אונדזער צוזאַמענלעבן. העלאַ האָט געאַרבעט זינט דער עלטער פון 14 יאָר אַלס פאַרקויפערין אין אַ הורטגעשעפט פון זאַקן ביי אַ באַקאַנטער משפחה, ווו זי איז רעספעקטירט געווען פאַר איר ערלעכקייט, דיסציפּלינירטקייט און פאַרן גוטן אויספירן די אַרבעט. איך האָב ווייטער געאַרבעט אַלס טריקאָטאַזש־אַרבעטער.

אין אָקטאָבער 1937 איז געקומען דאָס אויסגעטרוימטע גליק. העלאַ האָט געבראַכט אויף דער וועלט אַ זונעלע, אונדזער באַטאַנטשיק. אונדזער איין־צימערדיקע וווינונג איז אויסגעפילט געוואָרן מיט פרייד, מיט האָפענונגען צו דערציען אונדזער קינד אַזוי ווי מיר פאַרשטייען. העלאַ איז געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן איר אַרבעט, ווייל זי האָט געמוזט זיך פאַרנעמען מיט אונדזער זונעלע. באַלד נאָך דעם בין איך אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט צוליבן פאַרשטאַרקטן עקאָנאָמישן קריזיס. עס זענען געקומען שווערע טעג און מאָנאַטן. אין אונדזער משפחה־נעסט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַן אומרו פאַר אונדזער עקזיסטענץ. מיר האָבן זיך אָבער געמוטיקט איינער דעם אַנדערן און זיך געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פאַרבייגייענדיקער שווערער פעריאָד.

די אַרבעטלאָזיקייט האָט זיך אָנגעהויבן פאַרטיפן אין אַלע יידישע פאַכן. אין 1938 זענען מיר שוין געצוווּנגען געווען צו זוכן מיטלען ווי אַזוי צו פאַרזיכערן דאָס טעגלעכע לעבן. העלאַ האָט געהאַט אַן איינפאַל צו פאָרן קיין לאָדזש צו זאָקן־פאַבריקאַנטן ביי וועלכע זי האָט געהאַט אַ גוטן שם. זיי האָבן איר פאַרגעלייגט זי זאָל נעמען ביי זיי זאָקן פון צווייטן און דריטן סאָרט און זיי פאַרקויפן די מאַרק־הענדלער. עטלעכע מאָנאַטן איז דאָס אַרומטראָגן זאָקן צו די מאַרק־הענדלער אין די וואַרשעווער באַזאַרן געוואָרן אונדזער קוואַל פון פּרנסה. עס האָט זיך באַוויזן אַ שטראַל פון האָפענונג. מ'האָט זיך צוגעגעבן מוט, אַז וואָס ווייטער וועט זיין בעסער. די היטלעריסטישע פעסט אין דייטשלאַנד האָט זיך אָבער כסדר פאַרשטאַרקט. וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף דער פאַרמיטלונג מיט

פוילישע מאַרק־הענדלער. אַ טייל פון זיי האָבן נישט געוואָלט קויפן ביי יידן די אָנגעבאָטענע סחורות. ביי יידישע מאַרק־הענדלער האָט זיך דער האַנדל פאַרקלענערט צוליבן באָיקאָט, וואָס האָט זיך אויך אויסגעשפּרייט אויף די וואַרשעווער באַזאַרן. דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעווירקט אויף אונדזער פּרנסה־קוואַל.

אין נאָוועמבער 1938 האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות פון דייטשלאַנד וועגן מערדערלעכע אָנפאַלן אויף יידן, וועגן אויסגע־רויבטע פאַרמעגנס, אונטערגעצונדענע שולן, אַרויפגעלייגטע ספּע־ציעלע שטייערן אויף יידישע קהילות, וועגן זעלבסטמאָרדן צווישן יידן. מיט פאַרקלעמטע הערצער דערוווסט מען זיך אַלע מאָל וועגן די טראַגישע טעג און נעכט, וואָס עס לעבן איבער די דייטשע יידן. אין דער זעלבער צייט זענען פון דייטשלאַנד אַרויסגעטריבן געוואָרן עטלעכע טויזנט יידן, אָפּשטאַמיקע פון פּוילן. די אַרויסגעטריבענע יידן זענען געבליבן אונטערן פרייען הימל אין גרענעץ־שטעטל זבאָנשין, ווו ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ טראַגישע יידישע דראַמע פון די היטלעריסטישע פאַרפאָלגונגען. דער ענטפער פון די יידן אין פּוילן איז געווען אַן אָרגאַניזירטע רעטונגס־אַקציע. אין פּאַריז איז אויך געקומען אַלס ענטפער אַ נקמה־אַקט פון דעם יונגן ייד הערשל גרינשפּאַן, וועלכער האָט דערשאָסן דעם סעקרעטאַר פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע פאָן ראַט.

אין יאָר 1939, עטלעכע מאָנאַטן פאַרן קריג־אויסברוך, נאָכדעם ווי דער דייטשער פאַשיזם האָט שוין געהאַט אָפּגעהאַלטן גרויסע טריומפן, אָקופּירט טשעכאָסלאָוואַקיע, זענען די אָנפאַלן אויף יידן אויף די וואַרשעווער גאַסן געוואָרן אַלע מאָל ברוטאַלער און דער באָיקאָט קעגן יידישע געשעפטן און הענדלער האָט זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. אַ גרויסער טייל פון יידישע אַרבעטער זענען גע־בליבן אָן אַרבעט און אָן אויסזיכטן צו באַקומען אַ באַשעפטיקונג. מיר זענען געווען אין דער זעלבער לאַגע. אַרום זיך האָבן מיר געזען פאַרזאָרגטע פּנימער. צווישן אונדז יונגע מענטשן האָט גע־הערשט צאָרן און אַ געפיל פון נקמה. אַזוי זענען מיר אַריינגעטראָטן

פון געטאָ

אין טראַגישן טאָג פון 1־טן סעפּטעמבער 1939, ווען ס׳איז פאָרגעקומען דער היטלעריסטישער איבערפאַל אויף פּוילן און וואָס האָט שוין געטראָגן אין זיך די באַצילן פון דער פאַרניכטונג פון 6 מיליאָן יידן.

א י נ ה אַ ל ט

פון מחבר 9

פאָרוואָרט פון **ד. דיאַמאַנט** 11

1. די ערשטע מלחמה־טעג 15
2. דער וועג אויף מזרח 24
3. אין דער הויפּט־שטאָט פון ווייסרוסלאַנד 30
4. איך ווער מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי 37
5. אויף דער פאָדערשטער פראָנט־ליניע 46
6. אין דער היטלערישער געפאַנגענשאַפט 50
7. איך פּרוו אַנטלויפן 54
8. איך פאַל ווידער אַריין 58
9. איך אַנטלויף צום צווייטן מאָל 64
10. אַזאַ איז געווען דער צוריקוועגס 67

.11	אין געטאָ	71
.12	טויט־געפֿאַר אויף שריט און טריט	74
.13	קינדער אין געטאָ	78
.14	ביינאַכט אין געטאָ	86
.15	דער גורל פֿון מיינע אַרבעטס־חברטעס	93
.16	די געטאָ־פּאָליציי	102
.17	דער סוף פֿונעם געטאָ־האַנדל	109
.18	דער בלוטיקער פּאָגראָם פֿון 2־טן מערץ 1942	115
.19	איך שליס זיך אָן אין די פּאַרטיזאַנער־רייען	128
.20	דער העלדישער טויט פֿון אַ יונגן געטאָ־קעמפֿער	153
.21	דאָס מאַרטירער־דאָרף סקירמענטאָוו	158
.22	די היטלעריסטישע בלאָקאַדע	163
.23	אויף אַ נייער וואַלד־באַזע	169
.24	מיר וואַרטן אויף פּאַראַשוטיסטן	175
.25	מיר פּייערן דעם אָקטאָבער־יום־טוב אין וואַלד (1943)	179
.26	דער דייטשער שפּיאָן אַבראַהימאָוו	185
.27	מיר גייען אויפרייסן אַ באַן־ליניע — אַפּריל 1944	194
.28	פּוילישע פֿאַשיסטן מאָרדן יידישע פּאַרטיזאַנער	201

29. דער גרויסער קאָנצערט 209
30. דער רעטער פון צוויי הונדערט יידן פון מירער געטאָ — אָסוואַלד רופאייזן 214
31. אבגדור צוקערמאַן האָט נישט פאַרשעמט די יידן פון לאָשיץ 226
32. אין דער שעה פון באַפרייאונג 241

מיינע קינדער- און יוגנט-יאָרן

ערשטע קינדער־יאָרן 255
איך הייב אָן אַרבעטן 267
געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט 289
ערב דעם צווייטן וועלט-קריג 306

315

Cumberland County Public Library
Foreign Lang. Collection
Fayetteville, N. C. 28302

איך דריק אויס מיין האַרציקן דאַנק די פריינט
מ. באַהעלפער, ד. דיאַמאַנט, הירש־יאַקאָבי, דעם
פּאָרפּאָלק יאַקוב און בעלאַ גרינשטיין פאַר זייערע
עצות און הילף.

אַ באַזונדערן דאַנק דעם דרוקער שעכטער
(ניקאָלאַ) פאַר זיין אומדערמידלעכער אַרבעט ביים
אַרויסגעבן דאָס בוך.

245385FL

IM.PO., Paris